STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02700

# ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
מענדעלע
ווארשע

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר=ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## פינפטער באנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאבע

פערלאַג: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

# די קליאַטשע

## אָדער צער בעלי-חיים

לְסֻסָתִי בְּרִכְבֵי פַרְעֹה דִמִּיתִיךְ רַעְיָתִי׃
צו מיין קליאַטשע אין פּרעה׳ס
רייטוואָגען פערגלייך איך דיך,
כנסת ישראל. (שיר השירים, א. ט.)

א מעשה וואָס האָט זיך פערוואָלגערט צווישען
די כתבים פון ישראליק דעם משוגענעם

געדרוקט בהשתדלות
מענדעלע מוכר-ספרים

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשאַ

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# די קליאַטשע

„די קליאַטשע אָדער צער בעלי־חיים״, אַ מעשה, וואָס האָט זיך פּערוואַלגערט צווישען די כתבים פון ישראל׳יק דעם משוגע׳נעם, איז צוערשט ערשינען אין יאָהר 1873 אין ווילנא (די צענזור ערלויבניש איז אָנגעמערקט—15 דעצעמבער 1872).

מענדעלע אליין האָט געזעהן אין „דער קליאַטשע״ אַ מין המשך פון „דער טאַקסע״. אין דער „הקדמת מענדעלי מוכר ספרים״ צו דער „קליאַטשע״, שרייבט צווישען אַנדערען מענדעלע: „איך האָב געפּרעגט אַ שאלה ביי די גלופּסקער דיינים און ביי אַלע דאָרטיגע פיינע בריות פון דער גוטער בנופיה: אַזוי ווי איך האָב דעם עולם מבטיח געווען ארויסצוגעבען אַ צווייטען טייל פון „דער טאַקסע״ און האָב דערביי נישט געזאָגט בלי נדר, בכן איז דאָך מיין הבטחה שוין גלייך טאַקי ווי אַ נדר, היינט ווי איז דער דין, רבותים, האָב איך זיי געפּרעגט, אז איך גיב איצט אַרויס מיין קליאַטשע, צי קען איך מיט איר יוצא זיין מיין נדר? זיי האָבען געקלערט, געקלערט, זיך געבעך געקראַצט, געקראַצט און האָבן צום סוף אזוי געזאָגט: יאָ, רב מענדעלע, אַזוי ווי מיר האָבן דאָ דערשמעקט אַ תמצית פון דער טאַקסע, זענען מיר אייך מתיר נדר. הקליאַטשע הזו, די קליאַטשע, חשובה לכם איז אייך גערעכענט כאלו קיימתם, גלייך ווי איר וואָלט אַרויסגעגעבען דעם חלק שני מהטאַקסע בכל פּרטיו. נישקשה, מען קאָן מיט איהר זעהר גוט יוצא זיין לכל הדעות!...״ 1)

1) זעה די אויסגאַבע פון 1873, אין דער יובילעאום-אויסגאַבע קומען דאָ קליינע סטיליסטישע ענדערונגען. נ.מ.

אין זיינע שילדערונגען־איינדרוקען „פיר זענען מיר געזעסען" 2) גיט איבער שלום עליכם אין מענדעלע'ס נאָמען די געשיכטע פון „דער קליאַטשע". מענדעלע האָט אָנגעהויבען די דערצעהלונג אויף זיין שטייגער: „אַז איך בין פערגאַנגען מיט'ן טראָגען מיט „דער קליאַטשע" און, ווי שלום עליכם שרייבט, נאָך אַ הקדמה פון פאָרענט, אַ הקדמה אין מיטען, אַ הקדמה צום סוף" האָט מענדעלע אַזוי דערצעהלט: „איינמאָהל אין אַ זומער־טאָג איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה פערטראַכט און קוק מיר דורך אַן אָפענעם פענסטער אין דרויסען אַרויס און דערזעה אַן אויסגעמוטשעטען, פערשוויצטען יוד מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס פון אַ צוריסענער קאַפּאָטע, שטעהט און קאַטעוועט אַן אָרימע, אויסגעמוטשעטע, פערשוויצטע קליאַטשע מיט אַ צוריסענער פעל, איינגעשפּאַנט אין אַ פולען וואָגען מיט ציגעל, שעלט מיט טויטע קללות אי די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט: ברענען זאָל די גאַנצע פעל דיינע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביזט, — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגעדרעהט די פערוויסטע, פערפינסטערטע מאָרדע איהרע צום יודען, קוקט אויף איהם, ווי אַ זינדיגער מענש, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי זאָגט צו איהם:

-שוטה! קליאַטשע רופט ער מיך! ביזט אַליין אַ קליאַטשע! מהו אַ קוק אַהין צו יענעם פּלאַץ, וואו איך שלעפּ די ציגעל, וועסט דו זעהן, אַז איהר זענט אַלע קליאַטשעס, וויסטע, פינסטערע קליאַטשעס, אַז אָך און וועה איז צו אייך אַלעמען!

אַזוי, האָט זיך מיר געדאַכט, רעדט די קליאַטשע, און איך האָב אויפגעהויבען די אויגען אויף יענעם פּלאַץ, וואָס די קליאַטשע האָט אָנגעוויזען מיט איהר מאָרדע, און איך האָב דערזעהן אַ בעקאַנטען נפש פון יענע פיינע בריות, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין גלופּסק מיט פינף פינגער ארויפצושלאָגען זיך אויף אַ מויער, און אויף נאָך אַ מויער, און דאָס אַלץ נעבעך פון כשר'ע יודישע מטבעות, פון כשר יודיש שווייס און בלוט... דער שעהנער מענש, דער פיינער בריה,

---

2) אלע ווערק פון שלום עליכם, באַנד XV, זעה אויך אלע ווערק פון ממו"ס, באַנד XXI.

איז געשטאנען די הענר ארונטער, דאס היטעל פעררוקט ארויף, דער שטערען האט געשוויצט און געבויעט גרויסע פלענער, און ארום איהם האבען זיך, ווי קנעכט, אונטערטעניג, ארומגעדרעהט ארימע יודלעך נעבעך, געקוקט איהם, ווי געטרייע הינד, אין די אויגען אריין, געוועז גליקלעך מיט זיינס א שמייכעלע און געציטערט פאר א בייזען קוק...
און עס איז מיר געקומען אויפ'ן זינען דער פסוק פון שיר־השירים: לסוסתי ברכבי פרעה—צו דער קליאטשע אינ'ם רייטוואגען פון פרעה, דמיתיך רעיתי—טהו איך דיך מהון גלייכען, כנסת ישראל!—און איך בין פערגאנגען אויף טראגען מיט דער „קליאטשע"... דריי טעג בין איך ארומגעגאנגען איבער גלופסק א צוטראגענער, ווי מיין ישראל'יק, נישט געהערט, וואס מען רעדט צו מיר, געענטפערט אימליבען אויף זיין „גוט מארגען" מיט'ן ווארט „קליאטשע", ווארום אלע פנים'ער האבען אויסגעזעהן ביי מיר קליאטשעדיג, און אט אזוי האב איך מיך גע־קליאטשעט, ביז איך בין געקומען אהיים קיין טונעיאדעווקע און האב מיך פערשלאסען ביי זיך אין חדר אויף זעכצעהן טעג און אנגעשרי־בען אלע זעכצעהן קאפיטלען פון דער „קליאטשע"... 3)

און „ווי אזוי איז „די קליאטשע" ארויס אויף דער וועלט?" האט לסוף מענדעלע „איבערגעגעבען א געשיכטע, ווי אזוי ער האט אין א געשלאסענער פערזאמלונג פון אינטימע פריינד צום ערשטען מאהל גע־לייענט „די קליאטשע", ווי אזוי זיינע אינטימע פריינד האבען פריהער געלאכט פון איהם, געמאכט חוזק איבער'ן נאמען פונ'ם ווערק, נא דיר גאר א פערד, א קליאטשע! און ווי אזוי זיי זענען נאכדעם געווארען ערנסט... ווי אזוי איינער (יוסף בצלאל הארקאווי) האט נאכן איבער־לייענען די „קליאטשע" צוגענומען ביים מחבר דאס העפטעל, ארייגע־לעגט אין זייט־קעשענע אהן ווערטער, אוועקגעפיהרט דאס קיין פע־טערבורג 4) און צוגעשיקט אין א צייט ארום דעם פערפאסער א פאר־

---

3) אין דער ערשטער אויפלאגע (1873) בעשטעהט טאקי „די קליאטשע" פון זעכצעהן קאפיטלעך; (119 ז.) די יובילעאום־אויסגאבע איז זיך צעוואקסען אין פיר און צוואנציק קאפיטלעך (182 ז'):

4) צי איז דא עפעס אנ'אונפינקטלעכקייט? די „קליאטשע" איז דאך ארויס אין ווילנא, נישט אין פעטערבורג]—ז. ש.

טיגע, אַנ'אָבגעדרוקטע „קליאַטשע", ווי אזוי נאָכדעם דער צענזור האָט געהאַט אַ מיאוס'ע מפּלה דערפאַר, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אזא „טרפה־סחורה"...

„די קליאַטשע" איז איבערגעזעצט געוואָרען אין פּויליש דורך דעם פּוילישען שרייבער קלעמענס יונאָשא (אין 1886), אין 1891 האָט זיך „די קליאַטשע" אָנגעהויבען צו דרוקען אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין „וואסכאד", וואָס איז דורך דער מאַכט דערפאַר אָבגעשטעלט געוואָרען אויף עטליכע חדשים.

ווי נאָר דאָס ווערק איז ערשיענען, האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין די דעמאָלסדיגע יודישע געזעלשאַפטליכע קרייזען. דער שטאַרקער טאָן פון בוך, דער ברייטער פערנעהם, די שאַרפע פאַרבען, דער טיעפער ווייטאָג, וואָס שלאָגט פון יעדער שורה האָבען דאָס ווערק געוואַלדיג בעריהמט געמאַכט ביים יודישען עולם, און דער רוהם פון מענדעלע מוכר ספרים איז שטאַרק געוואָקסען.

---

„די קליאַטשע—זאָגט מענדעלע אין זיין הקדמה צום בוך — איז געשריבען אויף אַ הויכען גאַנג, אויף דעם גאַנג, ווי די אַלטע האָבען געשריבען. איטליכער ועט זי פערשטעהן כפי זיין פערשטאַנד און זיין מדרגה. פאַר מענשעלעך פון אַ קליינער מדרגה ועט זי זיין פשוט אַ וואונדערשעהנע מעשה, זיי ועט גלאַט געפעלען דער פּראָסטער פשט. די דאָזיגע אָבער פון אַ גרעסערער מדרגה וועלען שוין אין איהר געפינען עפּיס אַ ווינק, אַ רמז אַקעגען אונז, זינדיגע מענשען. איך, אַ שטייגער, אין מיין מדרגה, האָב אין איהר געפונען במעט אַלע יודישע נשמות, אַלע אונזערע נפשות און דעם ס ו ד, וואָס זיי מחוען דאָ אויף דעם עולם"...

„אויב די „ט אַ ק ס ע"—שרייבט ש. ניגער—איז דער אָנהויב פונ'ם ס אָ צ י אַ ל ע ן פּאַטאָס אין דער יודישער ליטעראַטור, איז די „קליאַטשע" דער אָנהויב פונ'ם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן פּאַטאָס... עטליכע קאַפּיטלעך זענען

---

5) ש. ניגער—וועגען יודישע שרייבער I, ז. 45—48.

פערהאַן טאַקי אין איהר, וואָס דערמאָהנען אָן דער „טאַקסע", — דאָס
זענען די קאַפּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגען די צרות, וואָס די
קליאַטשע, די כּנסת ישראל, האָט אויסגעשטאַנען אין דער היים ביי
זיך פון די היימישע בעלי־טובות. דער עיקר אָבער דאָ איז די לאַגע,
וואָס יודען פערנעהמען אין דער פרעמדע, צווישען די אומות; עס
ווערען נישט געשטעלט פערשיעדענע טיילען פונ׳ם יודישען פאָלק איי־
נע אַטקעגען די אַנדערע, אַזוי ווי אין דער „טאַקסע", נאָר דאָס פאָלק
גענומען אין גאַנצען, ווערט אַנטקעגענגעשטעלט דער וועלט...
מענדעלע גיט אַ טראַכט פון דער יודישער מאַסע צום יודישען
פאָלק... פאַר דער „קליאַטשע" האָבען מיר דרך־ארץ שוין דערפאַר
גופא, וואָס איהר העלד איז ווידער די נאַציע, די מאַסע איז גע־
וועזען און געבליבען אַ שקאַפּע, די נאַציע אָבער—זי איז אַמאָהל אַ
„פרינץ" געוועזען! די שקאַפּע וועקט אונזער רחמנות,—אָבער דער פער־
שאָלטענער פרינץ, ווען ער הויבט אָן רעדען, מעגען מיר איהם זעהן אין
דער געשטאַלט פון אַ קליאַטשע,—ציגרט זיך אָן אונזער ליבע".

„די „קליאַטשע"—זאָגט ווייטער ש. ניגער—איז דער אָנהויב פון
דער יודישער בעפרייאונגס־אידעע. זי איז דער אָנהויב פון דעם חשבון־
הנפש, וועלכען דאָס יודישע פאָלק האָט אָנגעהויבען מאַכען אין סוף
פונ׳ם 19־טען יאָהרהונדערט... איינציגע קאַפּיטלעך אין דער קליאַטשע,
די קאַפּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגען טענות, וואָס עס האָבען צו
יודען די אומות העולם, מאַכען דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטען גע־
שריבען געוועזען נישט פאַר יודען; אין דער אמת׳ן אָבער איז עס אַ
פּאָלעמיק געגען די יודישע אינטעליגענטען אין יענער צייט... די „קליאַ־
טשע" וויל נישט זיין מעהר קיין „אתה בחרתנו", קיין אויסנאַהם אין
דער וועלט. זי פאָדערט גלייכהייט. זי פאָדערט דאָס רעכט אויף
חסרונות, נישט נאָר אויף מעלות. און זי וויל רעכט, נישט קיין
רחמנות"... און ש. ניגער ענדיקט, אַז פיעל שורות אין „קליאַטשע"
וועט דער היסטאָריקער געוויס בעטראַכטען, ווי דעם מאַניפעסט פון
דעם אויפגעוואַכטען און שטאָלץ־געוואָרענעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין.
דער באָדען פאַר נאַציאָנאַליזם אינ׳ם היינטיגען זין איז אין יענער צייט
נאָך נישט פאַרטיג געווען, די השכּלה האָט נאָך נישט אָבגעטהון איהר
אַרבייט, דער „אַנטיטעזיס" איז אין דער אינטעליגענץ נאָך זעהר

שטאַרק געווען, און אויך מענדעלע האָט נישט געהאַט נאָך קיין פּראָגראַם קיין נאַציאָנאַלען, ער האָט זיך אַליין נישט אָבגעגעבען נאָך קיין רעכענונג פון זיינע געדאַנקען, און ער האָט נישט שטאַרק געגלויבט אין זייער ווירקונג. אַזוי ווי די „טאַקסע”, דער סאָציאַלער פּראָטעסט, ענדיגט זיך מיט אַ קרעכץ און אַ נכנע'דיגען געבעט צו גאָט אין דער רעגירונג, אַזוי ענדיגט זיך אויך מיט אַ קרעכץ און עס שפּייזט זיך אַ צובראָכען געמיט אין דער „קליאַטשע”, אין'ם אויסדרוק פון'ם נאַציאָנאַלען געפיהל. דאָך איז די „קליאַטשע” זעהר אַ וויכטיקער רעניק־צייכען צווישען דעם ערשטען משכיל'ישען און דעם צווייטען נאַציאָנאַליסטישען פּעריאָד פון דער קולטורעלער אויפוואַכונג פון'ם יודישען פאָלק”...

„די קליאַטשע”–שרייבט נח פּרילוצקי 5)–דאָס איז אַ גרינדליכע רעוויזיע, אַ אונברחמנות'דיגע קריטיק, אַ צושטערינג פון דער משכיל'ישער אידעאָלאָגיע, און גאָר אַ נייע, טיעפערע, ריין־סאָציאָלאָגישע אויפפאַסונג פון'ם יודישען פּראָבלעם. די טהוער פון יענער עפּאָכע זענען געווען ווילדע מאמינים אין דער וואונדערבארער קראַפט פון גוטען ווילען. זיי האָבען געגלויבט: גענוג, אז די יודען זאָלען נאָר וועלען, זייער לעבען זאָל אַנדערש ווערען,–דער נס וועט געשען: פון בעטלער וועט אַ פּרינץ אַרויסשפּרינגען!... מענדעלע מוכר ספרים רעכענט זיך שוין מעהר מיט די פּערהעלטענישען פון דער אָביעקטיווער ווירקליכקייט... דער יוד לעבט אַזוי ווי די אויסערליכע פערהעלטענישען ערלויבען איהם,–פאַר יענער צייט נייע און גרויסע וועטער... אין דער „טאַקסע” האָט ער זיך נאָך ענטציקט מיט דער „באַרעמהערציגקייט פון דער רעגירונג”, דאָ טרעט ער אַרויס געגען די יעניגע, וואָס אַפּעלירען צו די רחמנות־געפיהלען פון די שטאַרקע, ווי אויך געגען די יעניגע, וואָס שטרעבען צו איבערצייגען, אז מיר ברענגען נוצען דעם לאַנד, דער מלוכה”...

די „קליאַטשע” איז אַ קינסטלעריש־פּובליציסטיש ווערק, פּובליציסטישע געדאַנקען, אידעען און פּראָבלעמען, וואָס זענען דאָ איינגעפּאַסט

5) נח פּרילוצקי–ש. י. אַבראַמאָוויטש. וואַרשע 1920, ז' 15.

אין אַ קינסטלערישער ראַהם. איבער׳ן בוך זענען פונאַנדערגעשאָטען מאונדערבאַרע ערטער, וואָס שעמערירען מיט גלענצענדע מאָלערישע שילדערונגען און אויפצייכנונגען. דער קינסטלער און דער פובליציסט געהען דאָ ביינאַנד, איינער דערגאַנצט דאָ דעם צווייטען, איינער קעמפט דאָ מיט׳ן אַנדערען. און אין סך-הכל איז די „קליאַטשע״ פון די אָריגינעלסטע, מערקווירדיגסטע ווערק אין דער יודישער ליטעראַ-טור. איינע פון די שענסטע פערעל אינ׳ם קרוין פון אונזער מאָדער-נעם שאַפען.

---

ווי געזאָגט איז די „קליאַטשע״ צוערשט פערעפענטליכט גע-וואָרען דורך מענדעלע אין 1873, אין עטליכע און דרייסיג יאָהר אַרום האָט מענדעלע דאָס ווערק אין פיעל ערטער איבערגעאַנדערשט און דערגאַנצט,—פריהער אין העברעאיש און דערנאָך אין יודיש.

דוד איינהאָרן, וועלכער האָט געאַרבייט ביי מענדעלע׳ן (לערך אין 1910) אַלס סעקרעטאַר, דערצעהלט איינִיגע פרטים פון מענדע-לעס אַרבייט אויף איבערמאַכען די „קליאַטשע״, ביים איבערזעצען איי-ניגע קאַפּיטלעך, וועלכע זענען אָנגעשריבען געוואָרען לכתחילה אין העברעאיש.[6]

„מענדעלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען פענסטער מיט׳ן העברעאישען בוך אין האַנד און געהייסען: שרייבט! און פון דער מינוט אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ פאָרשטעלונג. מענדעלע האָט נישט דיקטירט, נאָר פאָרגעשטעלט, געשפּיעלט ווי אַן אַרטיסט אויף דער סצענע. און פאַר מיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען שווימען לעבעדיגע טיפּען, וואָס האָבען זיך באַוועגט, גערעדט און צוריק פערשוואונדען. פון צייט צו צייט פלעגט ער בלייבען שטעהן פערגליווערט אין אַ גרימאַסע אויפ׳ן געזיכט, זוכענדיג דערביי דאָס וואָרט, וואָס זאָל עס אויסדריקען און נישט נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס אמת-יודישע וואָרט,

---

6) דוד איינהאָרן—מענדעלע ביי דער אַרבייט, אַלע ווערק פון ממו״ס, באַנד XX.

און נישט איין מינוט און נישט צוויי מינוט פלעגט ער אָבשטעהן אין דער פּאַוזע, נאָר אַמאָל אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד, ביז ער פלעגט דאָס וואָרט געפינען. „אַז איהר זעצט עפּעס איבער — פלעגט ער זאָגען — זאָלט איהר פערגעסען אָן בוך, פערמאַכט עס, קריגט עס פּיינט. יעדע שפּראַך האָט איהרע גריטאַסען. און אַזוי פלעגט ער אָבשטעהן פיער שעה נאָכאַנאַנד, וויינען, לאַכען, בייזערען זיך, קריעגען זיך, ריידען ווי אַ סוחר, ווי אַן אַלטע יודענע, ווי אַ רב, ווי אַ משכיל, נאָכמאַכענדיג יעדערען בעזונדער, און נאָך פיער שעה אָנגעשטרענגטער אַרבייט, פלעג איך זיך אַרומזעהן, אַז מעהר ווי פיער זייטליך זענען נישט פערשריעבען און דערצו נאָך שיטערע שורות מיט גרויסע שריפט, און אויפהויבענדיג זיך אַ מיעדער פון טיש, האָב איך איהם נאָך געפונען שטעהענדיג נעבען טהיר, האַלטענדיג די האַנד ביי דער נאָז אין אַ פּאָזע פון אַ שיכור און לאַכענדיג דערביי שטילערהייד. דאָס האָט ער בעדאַרפט איבערזעצען די בעשרייבונג פון קאָשמשיי דעם מכשפס נאָז, און האַלטענדיג זיך ביי דער נאָז, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַ יוד, אַנ׳אמתער יוד בעדאַרפט עס דערצעהלען".

„זיצענדיג און איבעראַרבייטענדיג די „קליאַטשע" — דערצעהלט ווייטער ד. איינהאָרן — פלעג איך בעמערקען אַ וואונדערבאַרער ערשיינונג: יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אין פריהערדיגען טעקסט בעגעגנען צו־שאַרפע ערטער געגען די רבנים, ישיבות און לומדי תורה, פלעגט מענדעלי מיט אַ גרינג האַרץ נעהמען אַ רויטען בלייפעדער און שטיל, אָהן אַ וואָרט צו ריידען, אויסמעקען די פראַזע אָדער ענדערען דעם סטיל.

אַ שטימונג איצט ביי איהם אַנ׳אַנדערע".

נ. מ.

# די קליאטשע

## אָדער צער בעלי־חיים

# הַקְדָּמַת מֶענְדֶעלִי מוֹכֵר סְפָרִים

אָמר מענדעלי מוכר־ספרים. זאָגט מענדעלי מוכר־ספרים: געלויבט איז דער בורא. וואָס נאָכדעם, ווי ער האָט בעשאַפען די גאַנץ גרויסע וועלט, האָט ער זיך מישב געווען מיט דער פמליא מלאכים אין הימעל און צום לעצט געמאַכט אַ קליין וועלטעלע, דאָס מיינט מען דעם מענשען, וואָס ער הייסט „עולם־קטן", ווייל דאָס מענשיל, ווי איהר קוקט איהם אָן, האָט אין זיך אַלע מיני ברואים און בעשעפעניש. איהר געפינט אין איהם אַלערליי ווילדע חיות, אויך פערשידענע מיני בהמות; איהר געפינט אין איהם אַ יאַשטשערקע, אַ פיאַווקע, אַ שפאַנישפליג, אַ פריים וכדומה אַזעלכע שלעק, אַזעלכע מיני שרצים; איהר געפינט אין איהם אפילו אויך אַ רוח, אַ שוואַרץ יאָהר, אַ שטן, אַ מקטרג, אַ לץ, שונא ישראל, וכדומה אַזעלכע מזיקים, מחבלים, אָנשיקענישען; איהר זעהט אין איהם אויך וואונדערליכע סצענעס: ווי אַ קאַץ, אַ שטייגער, שפילט זיך מיט דער מויז; ווי אַ טחור חאַפט זיך אַריין אין אַ שטייג מיט עופות און דרעהט זיי נעבעך אָב די קעפ; ווי מאַלפעס קרימען יענעם נאָך אַלצדינג, וואָס ער טוט; ווי אַ הונט סלוזשעט, דרעהט דעם ווידעל פאַר איטליכען, וואָס וואַרפט איהם אונטער אַ שטיקעל ברויט; ווי אַ שפין פערנאַרט צו זיך אַ פליג, פערפלאָנטעט, פערשפאַרט זי און נאָגט זי אויס; ווי קאָמאַרען פליהען עמיצען נאָך און זשען איהם אָן פולע אויערען וכדומה נאָך אַזעלכע משונה וואונדערליכע זאַכען. איך בין עס אָבער ניט אויסען. געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס זעהט־צו שווייגענדיג אַלצדינג, וואָס אין דעם דאָזיגען „קליין וועלטעלע" געהט פיר און שלאָגט מיט איהם פאָרט נישט קיין כפרות; וואָס דערלענגערט זיין צאָרען, פערטראָגט די עברות און טוט גרויס חסד מיט דעם זינדיגען מענשען. איך בין דא אויסען צודערצעהלען די גרויסע גענאָד, וואָס השם־יתברך האָט אויך מיט מיר, אָרמען בעל עבירה, געטאָן, נאָכדעם אז ער האָט מיך פריהער אַביסעל נעשטראָפט.

רבותי, הפערדיל שלי מת! מיין פערדיל, רבותים, איז גע'פגר'ט. מיין געטריי פערדיל, וואָס כל ימיו, דאָס גאַנצע לעבען זיינס, איז עס געווען אין דער עבודה, געדינט געטריי און נישט געוואוסט מעהר ווי אונזערע ספרים; וואָס איז געווען אַ מפורסם, אַ בקי אין אַלע וועגען, אַ גרויסער בעל-זכרון, וואו ער'גיץ אַ קרעטשמע; וואָס איז מיט מיר אויסגעפאָהרען כמעט בכל תפוצות ישראל, צווישען די אַלע יודישע קהילות, און איז געווען אומעטום בעקאַנט — זה הפערדיל, אָט דאָס פערדיל הלך למיתה — האָט אַ מיתה משונה איינגענומען ל״ג בעומר אין גלופסק! עס איז מיר אַ וועהטאָג צוזאָגען, נאָר אָרעם איז נישט קיין שאַנד, עס איז נעבעך גע'פגר'ט פאַר הונגער. זיין עסען איז געוועהנטליך געווען אַביסעל סיטשקע, אַ מאָל עטליכע דאַרע שטיקלעך ברויט, וואָס איך פלעג אָוועקקויפען ביי אָרמעליייט מיט טאָרבעס. אַז אָך און וועה דעם פערדיל, וואָס עס פאַלט אַריין צו אַ יודישען מוכר-ספרים! שלעפען שלעפט זיך עס שמענדיג אַרום און האָרעוועט אפשר נאָך מעהר פון יענע, וואָס פיהרען טייערע סחורה, און עסען אָבער עסט עס נעבעך מכות, אַ יודישער מוכר-ספרים האָט אַליין מכות וואָס צועסען און פגר'ט מיט זיין וויייב און קינדער צעהן מאָל אין טאָג פאַר הונגער! איך בין עס אָבער נישט אויסען. השם-יתברך האָט מיך נעבעך געשטראָפט, איך בין געבליבען אָהן אַ פערדיל. קויפען איין אַנדערש האָב איך נישט געהאַט פאַר עפּים, און דאָ בעדאַרף מען פאָהרען אויף ירידין. עס איז מיר געווען זעהר שלעכט.

און ווי איך זיץ מיר אַזוי פערזאָרגט, קומט אַריין איינער, מיינער אַ בעקאַנטער, געהט-צו גלייך צו מיר און רופט זיך אָן:

— רב מענדעלי, איהר וועט קויפען אַ קליאַטשע?

— איך וואָלט אודאי געקויפט, ענטפער איך מיט אַ קרעכץ, נאָר וואו נעהמט מען די קאַץ?

— עט, כאַפּט ער, נישקשה! איהר וועט נישט בעדאַרפען אַצינד געבען אַ גראָשען. עס קען אפשר נאָך מעגליך זיין, מען זאָל אייך נאָך עפּים אויסלייען. מען וויסט, נישקשה, אַז איהר זייט אַ עהרליכער מאַן.

— אויב אַזוי, זאָג איך צו איהם, קויף איך די קליאַטשע זעהר גערן, טאַקי באַלד אָהן שיהות. קומט, זייט מוחל, לאָמיר געהן די סחורה אָנקוקען.

— איהר פערשפּאָרט צוגעהן, רופט ער זיך אָן, איך האָב די קליאַטשע דאָ, טאַקי ביי מיר.

— וואָס הייסט, איהר האָט זי דאָ? פרעג איך איהם פערוואונדערט.

— דאָ, טאַקי בײַ מיר אונטער דעם מאַנטעל, ענטפערט ער מיט אַ שמייכעלע.

— איהר לאַכט פון מיר, רב קרוב! זאָג איך צו איהם מיט פאַר־דראָס. געפינט אייך איין אַנדערן, פון וועמען צו לאַכען. קאַטאָוועס געהט מיר אַצינד נישט אין קאָפּ.

— חלילה! איך טרייב גאָרנישט קיין קאַטאָוועס, זאָגט ער צו מיר און נעהמט באַלד טאַקי אַרויס פון אונטער דער פאָלע אַ גרויסען פּאַק מיט פּאַפּירען. זעהט איהר, רב מענדעלי, דאָס אינגאַנצען געהער איי־נעם, מיינעם אַ גוטען פריינד. זיין נאָמען וועט איהר געפינען דאָ אָנגע־שריבען אויף די זאַכען, וועלכע ער האָט געמאַכט. איינע פון די דאָזיגע זאַכען הייסט, פאַרשטעהט איהר מיך, מיט דעם נאָמען „די קליאַטשע". דער מחבר אַליין איז אַצינד, לא עליכם, עפּיס, ווי רופט מען עס... צו־מישט, נאָר צוטראָגען. אונז אַלע, זיינע גוטע פריינד, גלוסט זיך זעהר, אַז זיינע מעשיות זאָלען כסדר אָבגעדרוקט און פערקויפט ווערען. און וועמען אַנדערש האָבען מיר געקענט אויסקלייבען, דערמיט זיך מתעסק צוזיין, ווען טאַקי נישט אייך, רב מענדעלי, וואָס איהר האָט אין אונזער ווינקעל אַזאַ שם? מיר פערלאַנגען פון אייך, איהר זאָלט גוט איבער־קוקען די פּאַפּירען, אויסשטעלען איטליכע מעשה אַקוראַט ווי מען בע־דאַרף, דאַרויף פערלאָזען מיר זיך שוין אויף אייך, און נאָר צום ערשטען זאָלט איהר אָבדרוקען די קליאַטשע. פון בעלוינונג וועלען מיר שמועסען שפּעטער, איהר וועט, נישקשה, זיכער צופרידען זיין. אויב איהר גע־נייטיגט זיך אַצינד אין געלד, וועלען מיר אייך דערווייל געבען אויף דעם חשבון. נו, ווילט איהר, רב מענדעלי?

— אַ פרעג אַביסעל, אויב איך וויל!? איך וויל מיט דעם גאַנצען לעבען, האָב איך געענטפערט און פשוט געטאַנצט פאַר גרויס פרייד.

נאָכדעם אַז איך האָב מיך אָבגעפּאַרטיגט מיט מיינע געשעפטען, האָב איך מיך גענומען געשמאַק צו דער קליאַטשע — זי צונויפגעשטעלט, ווי עס געהער צוזיין, איינגעטיילט זי אין קאַפּיטלען און איטליכען קאַפּי־טעל אַ נאָמען געגעבען ווי איהם פּאַסט — אַזאַ איין אַרבייט, וואָס נאָר דערפאַר אַליין שרייבען זיך אַנדערע אונטער אויף יענעמס כתבים און הייסען מ ח ב ר י ם... קורץ, איך האָב מיך נישט געפוילט און געטאָן מיין זאַך גאַנץ געטריי.

היינט רבותי, עטליכע ווערטער מכּוח דער קליאַטשע!

די קליאטשע איז געשריבען איף א הויכען גאנג, אויף דעם גאנג, זוי די אלטע האבען געשריבען. אימליכער וועט זי פארשטעהען כפי זיין פערשטאנד און זיין מדרגה. פאר מענשלעך פון א קליינע מדרגה וועט זי זיין פשוט א וואונדערשעגע מעשה, זיי ויעט גלאט געפעלען דער פראסטער פשט. די דאזיגע אבער פון א גרעסערער מדרגה וועלען אויך אין איהר געפינען עפעס א וואונק, א רמז אקעגען אונז, זינדיגע מענשען, איך, א שטיינער, אין מיין מדרגה, האב אין איהר געפונען כמעט אלע יודישע נשמות, אלע אינזערע נפשית און דעם סוד, וואס זיי טוען דא אויף דעם עולם. איך בין ביי מיר גאנץ זיכער, אז בשעת לייענען וועלען א סך פון אייך, רבותים, איטליכער אין זיין גראד, זיך נישט קענען איינהאלטען, איינער ויעט מיט פייער א געשריי טון: אי, דאס איז איין אנצוהערעניש אקעגען אונזער רב יוסי'ן! נאך איינער: אי, דאס מיינט מען נהן רב חייקעס! זלמן-יעקעלי רב מאטעלעס! הערשקע רב אבעלעס! א דריטער: אי, אי, איך האב געפונען דעם סיד פון אונזערע מאקסעס, פון אונזערע בעלי-טובות און פון אונזערע אלע פיהרונגען וכדומה...

איך האב געפרעגט א שאלה ביי די גלופסקער דיינים און ביי אלע דארטיגע פיינע-בריות פון דער גוטער כנופיא: אזוי ווי איך האב דעם עולם ;וגעזאגט ארויסצוגעבען א צווייטען טייל פון „דער מאקסע" און האב דערביי נישט געזאגט „בלי-נדר, בכן איז דאך מיין ווארט שוין גלייך מאקי ווי א נדר, היינט ווי איז דער דין, רבותים. האב איך זיי געפרעגט, אז איך גיב אצינד ארויס מיין קליאטשע. אויב איך קען מיט איהר יוצא זיין מיין נדר? זיי דאבען געקלערט, געקלערט, זיך נעבעך, געקראצט, געקראצט און האבען צים סוף אזוי געזאגט: יע, רב מענדעלי, אזוי ווי מיר האבען דא דערשמעקט א ריח, א תמצית פון דער טאקע, זענען מיר אייך דעריבער מתיר נדר. הקליאטשע הזו, די דאזיגע קליאטשע, חשיבה לכם, איז אייך גערעכענט, כאילו קיימתם, גלייך ווי איהר וואלט געהאלטען ווארט און ארויסגעגעבען החו"ק השני — דעם צווייטען טייל מהטאקסע בבל פרטיו, מיט אלע פיטשעווקעס. גישקשה, מען קען מיט איהר זעהר גוט יוצא זיין לכל הרעית !...

כמה מעלות טובות למקום, וויפיעל דאנק בין איך דעם אויבער-שטען שולדיג, ווען איך וואלט דערטאפט די ק יאטשע גלאט גאר אהן געלט פאראוים, צוקויפען מיר א פערדיל, איז דאך דינו. ווען איך וואלט זי דערטאפט מיט געלט פאראוים און זי וואלט אין זיך נישט גע-האט א תמצית מהטאקסע, איז דאך דינו. ווען זי וואלט אין זיך געהאט

אַ תמצית מהטאַקסע און די דיינים וואלטען מיר נישט געווען מתיר נדר זיין, איז דאָך דינו. ווען די דינים וואָלטען מיר געווען מתיר נדר זיין און דערבײַ זיך נישט משונה געקראַצט, איז דאָך דינו. ווען זיי וואָלטען דערבײַ זיך משונה געקראַצט און איך וואָלט נישט געוואוסט, פאַר וואָס, איז דאָך דינו. ווען איך וואָלט געוואוסט, פאַר וואָס, און וואָלט נישט פאַרשטעהן, אַז די קליאַטשע איז, אַ־פּנים, מסוגל, מען זאָל פון איהר זיך קראַצען, איז דאָך דינו.

על אחת כמה וכמה בעדאַרף איך דעם אויבערשטען דאַנקען, וואָס איך האָב דערטאַפּט די קליאַטשע און נאָך מיט געלט פאָראויס צוקויפען אַ פערדיל און זי האַלט אין זיך אַ תמצית מהטאַקסע און די דייני האָבען מיר מתיר נדר געווען און זיי האָבען דערבײַ זיך משונה געקראַצט און איך וויים פאַר וואָס און איך פאַרשטעה, אַז די קליאַטשע איז, אַ פנים, מסוגל, מען זאָל פון איהר זיך קראַצען, לכפּר על כל־עונותינו, איין אָפּקומעניש אויף אונזערע זינד.

אַט דאָס, רבותים, בין איך אויסען מיט מיין קורצער הקדמה וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג!

ח' אלול, אויף דער בויד מיט ספרים, צווישען גלופּסק און טעטעריווקע.

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

## דאָס ערשטע קאַפּיטעל

# ישׂראליק וויל ווערען אַ מענש

▮ווי נח איז אַמאָל אין דער תבה איבערגעבליבען פֿון אַלע בעשעפֿענישען אויף דער וועלט, וואָס זענען דערטרונקען געוואָרען אין דעם מבול, אַזוי בין איך, ישראל בן ציפּע, איבערגעבליבען אין מיין שטעדטיל, איין איינציגער בחור פֿון אַלע מיינע חברים, וועלכע זענען דורך דעם אנשיקעניש פֿון שדכנים געוואָרען יונגע בעלי-בית׳לעך פֿאַר דער צייט, און איינגעזונקען געוואָרען טיעף ביז דעם האַלדז אין דלות, אין קבצנות נעבעך. דאָס אָנשיקעניש פֿון גאָט—די שדכנים, האָבען זיך אַלאָז געטאָן צו מיין מאַמען אויך פֿאַר מיר פֿאָרצושלאָגען איהר שדוכים. מיין מאַמע—אַ פּראָסטע, נאָר אַ קלוגע יודענע, איז געווען איין אַלמנה, קיין רייכע, אָבער אָרם אויך נישט. זי האָט געהאַט פּרנסה פֿון איהר קלייט צעלניק, געגאַנגען אַ האַלדז פּערל, געלעבט גאַנץ פֿיין. איך בין ביי איהר געווען אַ בן-יחיד, זי האָט זיך אין מיר געשמאָלצען, מיר אָבגעגעבען אלצדינג, וואָס איך האָב פֿערלאַנגט. דעריבער, אַז איך האָב מיך איינגעשפּאַרט נישט יונג חתונה צוהאָבען, האָב איך עס אויסגע-פֿיהרט. תחלת האָט זי אפילו געפּריווט מיך איבערצורעדען מיט אַזא גאַנג:

— ישראָליק! וויפיעל האָב איך גאָט געבעטען, איך זאָל דערלעבען די צייט, מען זאָל דיר רעדען שדוכים. דו ביסט דאָך מיין איין אויג אין קאָפּ, איך מיין דאָך טאַקי נאָר דיין טובה, פֿאָלג-זשע מיך, כ׳לעבען, און האָב חתונה! שוין צייט, ישראָליק. קוק דיך אָן!... אַ איד, אָהן עין הרע!... אַ בערדיל! דיינע חברים האָבען נאָך צו דער בר-מצוה חתונה געהאַט. פֿאָלג, כ׳לעבען, אַ מאַמע, טו וואָס גאָט האָט געבאָטען און לאָמיך פֿון דיר נחת האָבען!

נאָר אַז ▮ האָט געזעהען, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפֿענע רעד,

וויפיעל זי זאָל נישט רעדען, האַלט איך מיך טאַקי ביי מיינעם, אַלץ ביין און ניין, האָט זי מיר נאָכגעגעבען און שוין מעהר דערפון נישט גערע״ט אפילו קיין וואָרט. איך האָב איהר אַרויסגעזאָגט גאַנץ קלאָר דעם ריינעם אמת, אַז איך בין גאָר געזאָנען צולעהרנען אַלצדינג, וואָס מען לעהרענט אין די קלאַסען, אָבצוגעבען דערנאָך עקזאַמען און אַריינגעהן אין אוניווערזיטעט, צולעהרנען דאָרט חכמת-הדאָקטאריע, כדי איך זאָל דערמיט שפּעטער ניצליך זיין זיך און דער וועלט.

מאַמע! האָב איך צו איהר זיך אָנגערופען, עס איז היינט שוין עפּים איין אַנדער וועלט. שוין צייט, כ׳לעבען, צוזעהן די גרויסע גליקען, וויאָס יודען מאַכען היינט מיט זייערע פריהע חתונות, די גרויסע גדולה׳ס פון אונזערע יונגע בעלי-הבית׳לעך! אַ מאָל האָבען עלטערען חתונה געמאַכט זייערע קינדער מיט דעם בטחון: גאָט האָט אונז צוגעשיקט צום לעבען, מסתמא וועט ער זיי אויך עפּים צושיקען און זיי וועלען, נישקשה, נישט שטאַרבען פאַר הונגער. אין יענער צייט איז בטחון נאָך ווי עס איז אָנגעגאַנגען, אָבער היינט ווערט מען דערמיט פערשוואַרצט. שווער, זעהר שווער צולעבען היינטיגע צייט פון די פינף פינגער און מאַכען פון שנעע גאָמעלקעס, איטליכער מענש דאַרף בייצייטענס זעהן און מיט אַלע מעגליכקייטען, אַז אַלע זיינע גרויסע בעדערפנישען זאָלען איהם פערזיכערט זיין, תמיד, אויף זיין גאַנצען לעבען און בפרט נאָר מיר אידען, וואָס מיר זענען אַזוי אין דער קלעם, געשטיקט, געדריקט פון אַלע זייטען, איז נישטא פאַר אונז קיין אַנדער וועג אַרויסצורייסען זיך ווי עס איז פון די צרות, סיידען טאַקי נאָר דורך אויסלערנען זיך איינע פון די חכמות, ווי, אַ שטייגער, חכמת הדאָקטאָריע, למשל, אָדער אפשר איינע פון די אַנדערע מלאכות. אויב איך אַליין וועל איצט אין די יונגע יאָהרען נישט זארגען פאַר מיין תכלית, וואָס קען חלילה זיין דער סוף פון מיר? אַזאַ סוף טאַקי ווי פון אַ סך יונגע לייט אין אונזער אַרט, וואָס האָבען, דוכט זיך, גליקליך חתונה געהאַט און אַריינגעפאַלען אין אַ שמאַלץ-גרוב. די שמאַלץ איז דערנאָך אויסגערונען ז׳ן די גרוב איז געבליבען. אַ טייל האָבען זיך צושלעפּט, אַ טייל זענען געוואָר׳ען מלמדים, און אַ טייל, משטיינס-געזאָגט, טויגען אפילו דערצו אויך נישט. וועל איך אָבער ווערען אַ דאָקטאָר, וועט זיך עפענען פאַר מיר אַ וועלט, איך וועל ווערען אַ מענש און האָבען גרינג מיין שטיקעל ברויט. אין ברירה, די מאַמע האָט מיר שוין נאָכגעגעבען אי דאָס אויך, אַז איך זאָל לערנען, נאָר פריהער האָב איך איהר געמוזט צוזאָגען, אַז איך זאָל בלייבען איין עהרליכער איד.

געהאט האב איך א שארף קעפּעל, קיין זאך אין דער גמרא איז בײַ מיר נישט געווען צושווער, מען פלעגט שמועסען אין דער שטאָדט, אַז פון מיר וואַקסט אַ גרויסער רב. איך האָב מוחל געווען אַנדערע דאָס רבנות, זיך פערשפּאַרט בײַ מיר אין שטיבעל און זיך גענומען לערנען טאָג און נאַכט געשמאַק אַלע זאַכען, וואָס זענען נויטיג צום עקזאַמען. מאַטעמאַטיקע, דאָס הייסט חשבון, אויך פהיזיקע, גראַמאַטיקע, און די שפּראַכען זענען בײַ מיר געגאַנגען גרינג ווי אַ פּוטער, שווער איז מיר נאָר אָנגעקומען די היסטאָריע, אויך דאָס, וואָס מען רופט עס אין זייער לשון „סלאָוועסנאָסט". אויסווענינ האָב איך געדאַרפט אַלץ אויסקלעפּען פּוסטע מעשיות און מלחמות, ווי אַזוי מענשען האָבען, פון זינט די וועלט שטעהט ביז אַצינד, זיך געהרגעט געשלאָגען, איינער דעם אַנדערן גע־מאַכט דעם טויט. אָנגעטאָן צרות, געבראָטענע לייד, און נאָך געדענקען, אין וואָס פאַר אַ יאָהר, אין וואָס פאַר אַיין אָרט! דאָס וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען האָבען געהייסען היסטאָריע... דערצו האָב איך ווייטער געמוזט אויסלעהרנען עפּיס ווילדע בייקעס, מעשיות מיט שרעקליכע גבורים, מיט שטאַרקע שכורים, מיט בעריהמטע גזלנים: מעשיות מיט גלגולים, מיט מכשפים און מכשפה'טעס: מעשיות פון דעם לעבעדיגען און טויטען וואַסערל, פון גילדענע עפּעלעך און גילדענע פערדלעך.

חוץ דעם האָב איך נאָך בעדאַרפט קענען אָוועקפּלוידערן, אַזוי ווי אַ פּאַפּאַגיי, איבער יענעמס עפּיס אַ שטיקעל מליצה מיט גוט לשון, אַריינלעגען דרינען קנייטשלעך, אָבשניצלעך און פּשט'לעך אַזעלכע, וואָס נישט איך, נישט דער שרייבער פון זיי אַליין, נישט יענער, וועלכער עס האָט מיט מיר געלעהרענט, האָבען זיי פערשטאַנען, מען האָט בעדאַרפט דערבײַ שטאַרק פערפלאָמט זיין, אַרויסגעהן פון די כלים, שרייען אויף אַ קול, מאַכען מיט די הענט און מיט די פּיס און רעדען מיט אַ ברען, עפּיס ווי סתרי תורה, קבלה־ווערטער, מען האָט געמאַכט אַ גרויסע וואַרע, זעהר פיעל הקדמות, ווי אַזוי מען זאָל די זאַך אַביסעל פאַרדרעהען, מרחיק מן השכל זיין און מען זאָל עס גאָר עפּיס אַנדערש, נישט גלאַט אַזוי פאַרשטעהען. יענע אַלע פזמונות, שמאָכטעלייען, מיט די אַלע פּשט'לעך האָבען געהייסען „סלאָוועסנאָסט"... זאָגט אַייך וואָס איהר ווילט, אין די עלטערע יאָהרען איז זעהר, זעהר שווער אויסצו־קלעפּען און צו טראָגען אויף דעם מוח אַזעלכע מיני זאַכענישען, בפרט נאָך דעם, וואָס האָט אַ גוטען קאָפּ און גרויס לוסט צולעהרנען עפּיס

ציצליכערע זאַכען. איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל טאַקי, מיר זענען די דאָזיגע מעשיות זעהר שווער אָנגעקומען. דאָס בעשטענדיגע קלעפּען האָט מיר פּשוט דעם קאָפּ פערשלאָגען, עס האָט ביי מיר צוגענומען אינגאַנצען דאָס געזונט, לייב און לעבען און מיך געמאַכט צום גולם. איך פלעג דערפון פּשוט אַ מאָל ווערען פערדולט און אַרומגעהן צומישט ווי אַ נעכטיגער, עס האָט מיר גערוישט אין דעם קאָפּ, זיך געדרעהט ווי אַ ווינטמיהל, נאָר טאַקי פּעררוקט צו ווערען. צייטענווייז האָב איך גאָר אָנגעהויבען מם פּק צו ווערען, אויב עס וועט מיר געראָטען דער פּלאַן מיינער אַריינצוגעהן אין אוניווערזיטעט. אַ קשיא, וואָס עס קען זיך מאַכען? גראָד וועל איך ביי דעם עקזאַמען נישט געדענקען עפּיס אַ נאַרישע מעשה, אָדער איך וועל מיך אויסגליטשען אויף יענעמס אַ פּזמון, דענסטמאָל וועל איך מיט אַ מאָל צוברעכען דעם קאָפּ—און אַיין עק פון מיין גאַנצער מיה, פון מיין לעהרנען און פון מיין דאָקטאָריע, וואָס איך האָב זי אַזוי געוואָלט דערגרייכען! דענסטמאָל ווערט אַ תל פון אַלע מיינע האָפנונגען און פון מיר אַליין! וואָס וועל איך טאָן און וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבען? איך וועל בלייבען אַ דערשלאָגען יודעל. איך וועל פערשוואַרצט ווערען און אויסשטעהן אין דער וועלט פון איטליכען, גלייך מיט אלע אַנדערע יודלעך, חרפּות, בזיונות, איך וועל בלייבען אַ לופט-מענש, אַ קראַפּט אהן שטאָף, דאָס הייסט: איך וועל פיהלען אין מיר אַ כח עפּיס צוטאָן, נאָר איך וועל אָבער נישט האָבען די מעגליכקייט, דעם כח אַרויסצוברענגען, צו וואָס איהם אָנצווענדען און מיט איהם ניצליך צוזיין, ווי אַ סך אַזעלכע נעבעך, וואָס געפינען זיך צווישען אונזערע יודען... איך וועל בלייבען אַ יוד און נישט קיין מענש... איך וועל בלייבען אַ רעטעניש: עפּיס אַ פּאַנע, וואָס קעהרט אויס, רייניגט אומעטום אויס און בעהאַלט זיך אַליין אין מיסט, ערגיץ אין אַ ווינקעל; עפּיס אַ פּאַנע, וואָס דרעהט זיך אַרום דאָ און איז פאָרט נישט דאָ אויף דעם עולם; וואָס איז פליישׁ און בלוט און זי דאַכט זיך פאָרט איטליכען אויס, עפּיס איז זי גאָרנישט!... איינס פון די דריי פּאַנעס ווייס איך—דאָס איז אַ בעזעם און די איבעריגע צוויי... נאָר וואָס מאַכט עס אויס! יאָ וויסען—נישט וויסען, וואָס איך וועל זיין, וועל איך זיין, נור קיין מענש אבער וועל איך ניט זיין.

דאָס בעשטענדיגע פערשפּאַרען זיך, דאָס לערנען און חזר'ן, און צוגלייך דאָס בעשטענדיגע איבערטראַכטען, טאָמער חלילה וועט זיין אומזיסט די גאַנצע מיה, דאָס אַלצדינג אינאיינעם האָט מיך פּשוט אויס מענש געמאַכט. איך בין געוואָרען מאָגער, דאַר ווי אַ שפּענדעל, זעה

אָבגעשלאַפּט און שטאַרק נערוועז, דערצו נאָך שטענדיג פערזאָרגט. פער־מרה־שחורה׳ט, אַזוי אַז מען האָט מיך כמעט ניט דערקענט. צייטענווייז פלעג איך זיין עפּים ווי פערדולט און צוטראָגען, מיין בענעהמען זיך און די אויפפיהרונג מיינע עפּים זעהר משונה. ביים אָנקומען אויף מיר די מרה שחורה פלעג איך פערשילטען די אַלע מכשפות מיט דער באָבע „יאַהאַ״ די ארורה און קאַשציי דעם מכשף אינאיינעם. צו אַלדי שוואַרץ יאָהר זיי אַלע! איז מיר בעסער געוואָרען, האָב איך מיר איבערגעבעטען מיט זיי. ווידער די באָבע „יאַהאַ, ווידער קאַשציי און דאָס גאַנצע פעקעל״ זייער גלייכען. די מאַמע פלעגט וויינען אויף מיר קוקענדיג און האָט אָנגעהויבען אַראָב־ברענגען צו מיר דאָקטוירים און רופאים. זיי האָבען גענעבען מיר פלעשלעך, געגאָסען אין מיר רפואות, אויך שטאַרק אָנגעזאָגט, אַז זומער זאָל איך למען־השם ולמען־השם געהן אַ סך שפּאַצירען, אָטהעמען פרישע לופט אונטער דער שטאָדט און וועניגער טראַכטען.

אַך, ווען דאָקטוירים זאָלען בעסער פאַרשטעהן און מיך בעפרייען פון יענע שמאָכטעליין, וואָס האָבען מיך קראַנק געמאַכט און מיר פערשלאָגען דעם קאָפּ!

## דאס צווייטע קאפיטעל

# ישראליק געהט אַרויס פון די כּלים צוהערעדיג, וואס ס'טהוט זיך אַרום איהם

אין איינעם פון די שענע זומער-טעג, איז תמוז, וואָס נישט אויס-צוהאַלטען פון די גרויסע היצען, בין איך אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָדט און געשפּאַצירט גאַנץ ווייט אויף דעם פרייען פעלד. אין דעם טאָג גראָד בין איך געווען שטאַרק פערזומערט, עס האָט מיר דענסטמאָל עפּיס שרעקליך זיך געדרעהט דער קאָפּ, געקלאַפּט אין די שלייפען, אין הארצען האָט געקאָכט ווי אַ קעסעל און כ'בין געווען שטאַרק צוטראָגען, ערגער ווי תמיד. א היבשע צייט האָב איך מיך אַרומגעדרעהט, נישט רעכט צו וויסען, וואוהין די פּיס מיינע טראָגען מיך. אַלץ געגאַנגען, געגאַנגען ביז איך בין דערנאָך אַנידערגעפאַלען אונטער אַ בוים, ערגעץ נעבען אַ קאַנאַל, מיך אויסציהענדיג ווי גרויס איך בין. באַלד ביי מיין אַנידער-פאַלען איז מיט מיר צוגלייך, דאַכט זיך, געפאַלען די גאַנצע וועלט פינסטער איז מיר געוואָרען אין די אויגען, געהילכט, געשאָסען האָט מיר אין די אויערן, גלייך ווי דורך זיי זענען געפלויגען קנאַקענדיג ראַקעטען, עס האָט מיר זיך געדאַכט, איך זינק אין אַ טיפען אָבגרונט, זינק אַלץ טיפער, טיפער און אַרום מיר רוישט זיך גאָר אַ שרעק. איך וויל עפּיס אָנטאַפּען, אין וואָס עפּיס זיך אָנהאַפּען. נאָר איך פיהל אָבער נישט קיין הענט, קיין פּיס. עפּיס בין איך ווי אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט, אַרויס פון כלים; בין גלאַט אַזוי — אַ ישראָליק, אַ לופטיגס, אָהן לייב, אָהן אברים, נישטאָ פון מיר גאָרנישט, נאָר די בלויזע נאַקעטע נשמה. פּלוצלים גיט עס מיך אַ טראָג אַרויף, עס טראָגט מיך אַלץ העכער, העכער ביז איך טאַפּ אָן די ערד, וואו איך בין געלעגען, און דערפיהל, ווי די זון באַקט מיר אין דעם רוקען. עפּיס בין איך גאָר ווי ניי געבוירען, איינגאַנצען ווי

איבערגעביטען געווארען, גאר עפּים ווי איין אנדער מין בעשעפעניש. אלצדינג ארום מיר: די ערד, דער הימעל, בוימער און גראז זענען אויך חי ערשט פונ׳ם איי ארויסגעקראכען. זיי שפּרינגען, שאקלען זיך, וויטען זיך, נישט איינשטעהענדיג אויף איין ארט, און ווינקען, ווינקען צו מיר, גלייך ווי גערעדט: קומט העצקען זיך, חאפּען א טענציל, פעטער!— צוויי גרילען שפּרינגען טאנצענדיג ארום פון צווישען דעם גראז מיר אקעגען, קוקען מיך אן מיט נארישע גרויסע אויגען, מאכענדיג דערביי מיט די פּיסקלעך, און אט-אט קריכען זיי, דאכט זיך, אריין אין מיר. און באלד טאקי א שפּרונג, איינס, צוויי—אוי, דער קאפּ!... דער קאפּ!...

איך טהו א מאך מיט דער האנד, אויסדרעהענדיג דעם קאפּ אין איין אנדער זייט, און ליגענדיג מיר אזוי האב איך אומעטום געקוקט, אלצדינג בעטראכט, אביסעל אויך געטראכט און זיך פערטראכט.

אויף דעם פעלד, זעה איך, פיטערען זיך פאנסקע צאפּעס, אייזלען, גאנצע טאבונעס פערד, נישט פארגרעבטע פון דער ארבייט, נאר פערד איידעלע מיט א יחוס-בריעף, אז זיי שטאמען ארוים פון איידעלע עלטערען. איינעמס זיידע איז איין איינגלישער אגער, וואס האט פארצייטענס, דורכפאהרענדיג דורך דעם לאנד כנען, חתונה געהאט מיט איין אראבישע שקאפּע. דעם אנדערענס באבע וואקסט פון א בעריהמטער משפּחה, וואס האט אין לעבען גענוג פולווער געשמעקט, און יענעמס עלטער-באבע האט גענאסען א גוטע ערציהונג, א עדוקאציע, ערגיץ אין א בעריהמטען זאוואד, איז געוועזען א מלומדת און האט אין איהר צייט געגעבען קאנצערט אין טאנצען און שפּרינגען אינאיינעם מיט נאך א סך געבילדעטע, געלערענטע פערד. דען איהר מוזט וויסען, אז ביי פערד שפּילט יחוס א גרויסע ראליע, ביי זיי קוקט מען שטארק אויף איידעל בלוט, און די וואס פון א גוטען זאוואד הייסען איידעל אדער וואוילגעבארענע. די דאזיגע איידעלע פערד האבען זיך געפּיטערט פראנק און פריי, זענען אויך געגאנגען אין שאדען, קאליע געמאכט די תבואות, וועלכע ארמע פּויערען האבען געזייעט מיט שווייס נעבעך, און מען האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט, נישט געזאגט קיין אומ׳תרבות-ווארט. די פערד האבען געשפּרונגען, געהירזשעט, געדריגעט מיט די פיס. זייער כח, זייער שטארקייט און זייער ווילדקייט איז געוועזען שלא כדרך הטבע!

און ווי איך ליעג מיר דא אזוי שטארק אויפגעבראכט, ווע, איך פונדערווייטענס א שרעקליך געשריי א רעש פון מענשען און בילען פון

הינט. איך האב תחלת געמיינט, דאס האבען די פויערין זיך צונויפגעגומען און לויפען מיט א געשריי, ארויסצוטרייבען די פאנסקע צאפעס, די פערד פון זייערע תבואות; נאר אבער ניין. די קולות האבען זיך אלץ דערוויטערט און זיך פערטראגען נאר אין איין אנדער זייט. שטעה איך מיר אויף, געה אויף טשיקאוועס נאכ׳ן קול, ביז איך קום צו א גאנץ גרויסען פלאץ פערוואקסען מיט גראז, און דארט שטעלט זיך פאר פאר מיינע אויגען א שרעקליכע סצענע. יונגלעך, קונדסים, יאגען פון אלע זייטען נאך עפעס א דארער, א מאגערער קליאטשע, ווארפען אויף איהר שטיינער, רייצען אן אויף איהר גאנצע טשאטעס הינט פון אלערליי מינים. א טייל הינט טוען ניט מער ווי בילען, קריצען מיט די צייהן. א טייל פאלען אן און בייסען ווי נאר זיי קענען. איך האב נישט געקענט שטעהן און צוזעהן שווייגענדיג אזא מעשה רע פונדערווייטענס. איינמאל איז דאך גלאט א רחמנות, די מענשליכקייט דערלאזט נישט צוצוזעהן אזא אכזריות. און, צווייטענס, אוועקגענומען שוין רחמנות, האט דאך די שקאפע אויף מיר טאקי א גרויס רעכט געהאט, איך זאל איהר העלפען, מחמת איך בין איינגעקויפט אין דער חברה „צער בעלי-חיים", וואס איהר איז נישט ניחא, מען זאל פייניגען, אנטאן לייד לעבעדיגע בעשעפניש. ווארום זיי זענען אייך בשר ודם, פלייש און בלוט, און האבען אויך דאס רעכט צולעבען אויף גאטס וועלט ווי מיר. איך וויל מיך דא נישט איינלאזען אין דעם אלטען און זעהר טיפען שמועס מכח דעם מענשען און די בהמות, לאז זיך זיין חאטש ווי יענע זאגען, אז איך, מענש, בין דער תכלית, דער צימעס, דער אנטיק פון אלע בעשעפניש; נאר צוליב מיר, תכשיט, צוליב מיין בעדערפניש און מיין פערגעניגען לעבען זיי אלע אויף דער וועלט; לאז זיך זיין חאטש. אז איך, תכשיט, בין דער מלך, דער אויבערהאר איבער אלע בהמות, וואס טוען מיר דינען. וואס מוזען געהן אין יאך און מקרב זיין פאד מיר זייער לעבען — פונדעסטוועגען דאכט זיך מיר, ווי באלד אפילו די קליאטשע, אזא פראסטע פאראנע, האט אויף מיר עפים א רעכט, מוז איך על פי דין, וען נישט על פי מענשליכקייט, אקעגען איהר יוצא זיין...

— קונדסים! זאג איך, צוגעהענהיג כו די שווארצע חברה, וואס האט איהר, איך בעט אייך, צו דער שקאפע, נעבעך?

א טייל פון די קונדסים האבען מיך גארנישט געהערט, אנדערע האבען יא עפים ווי געהערט און געלאכט מיט עזות. א טייל הינט האבען

מיך עפּיס פֿעראאונדערט אָנגעקוקט, עטליכע האָבען געבילט פונדער־ווייטענס, נאָך עטליכע האָבען אויסגעשטשירעט די אויגען, געקוקט שרעקליך בייז, זענען געווען גרייט אָנצופאַלען אויף מיר פון הינטען און צערייסען מיך אויף שטיקער.

— קונדסים! רוף איך מיך נאָך אַ מאָל אָן, וואָס יאָגט איהר און פייניגט גאָטס בעשעפניש, די קליאַטשע, נעבעך?

— אַ שענער נעבעך! האָבען זיי מיט געשפּעט געענטפערט, פאַר וואָס פּיטערט זי זיך דאָ? פאַר וואָס פּיטערט זיך די שענע קליאַטשע דאָ?

— סטייטש! טוה איך אַ זאָג, דאָ איז דאָך אַ פּאַשע, דאָ פּיטערען זיך דאָך אַלע שטאָט-בהמות פון איביגע יאָהרען!

— די שטאָדט-בהמות — האָבען זיי געענטפערט — זענען עפּיס אַנדערש, זיי מעגען און זי טהאָר נישט.

— פאַרוואָס נישט זי? — רוף איך מיך אָן — זי האָט דען נישט קיין נשמה ווי אַלע שטאָט-בהמות?

— אפשר טאַקי נישט! — האָבען זיי אַ זאָג געטאָן.

— שקצים! — זאָג איך צו זיי, — אָבער זי האָט דאָך זיכער אַ בעל־הבית, וואָס צאָהלט אין דער שטאָדט צינש און אַלע אַנדערע אָבגאַבען. זי איז דאָך אויך אַ שטאָדט-בהמה!

— אָט דאָס טאַקי וויסען מיר נישט! — ענטפערען זיי מיט אַ געשפּעט, — אויב זי איז אויך אַ שטאָדט-בהמה, דאָס איז ערשט אַ שאלה.

— עס מעג זיין, ווי עס וויל זיך, האָב איך געזאָגט, אָבער די קליאַטשע איז דאָך דערווייל הונגעריג, זי וויל דאָך, נעבעך, עסען!

— לאָז זי עסען ווערים, קרענק, מכות, — זאָגען זיי צוריק. — וואָס האָט זי צו אונז? פאַר וואָס זאָל אַזעלכע אויפעסען און צונעהמען ביי די שטאָדט-בהמות?

— נזלנים! — האָב איך שוין מעהר נישט געקענט מיך איינהאַלטען און אַ געשריי געטאָן מיט כעס, — פאַר וואָס קוקט איהר נישט, וואָס

דאָרט געהען אַרום פּאַנסקע צאַפּעס, גאַנצע טאַבונעס פערד צווישען די תבואות און פרעסען אויף אָרים בלוט, אָרים שוויס, נעבעך? דאָ פאַרגינט איהר נישט אַ בידנער שקאַפּע אַ הויפּען גראָז און עס אַרט אייך כלל נישט, אַז דאָרט טוען פערד אָן אַ ים-היזקות און מאַכען אומגליקליך פיעל מענשען. דאָס נאָר אַליין, וואָס זיי צוטרעטען, וואָס זיי מאַכען קאַליע גלאַט אַזוי, וואלט גענוג געווען דער קליאַטשע ביז קינדס-קינדס-קינדס-קינדער! קונדסים, איהר האָט נישט קיין יושר אפילו אויף אַ האָר, איהר זייט קיינעם נישט געטריי, נור זיך אַליין, און איהר האָט נאָך די העזה זיך אַרויסצושטעלען כלומר'שט פאַר די שטאָדט-בהמות

— העֶ, הע! — האָבען די קונדסים זיך אָנגערופען, — ער איז גאָר אין כעס, ער פרעגט גאָר עפּיס קשיות! קומט, חברה! וואָס טויג אונז דאָ די טענות? לאָז ער זיך שרייען, ווער הערט איהם? קומט, חברה, קומט!

איין קונדס האָט אַ פייף געטאָן און באַלד האָבען די שוואַרצע חברה מיט זייערע הינט זיך געלאָזט נאָך דער קליאַטשע און זעען אויף איהר ווידער אָנגעפאַלען. אַ לאַנגע צייט האָט מען זי געטריבען, געריסען און געביסען, ביז מען האָט זי צום סוף פערטריבען אין אַ טיפע גרוב

## דאס דריטע קאפיטעל

# „בָּרוּךְ מְשַׁנֶּה הַבְּרִיּוֹת".

---

דער אווענד איז געווען זעהר א שענער, א שטילער, דער הימעל־לויטער אויסגעשטערענט און גאנץ נידעריג. וואו ער לאזט זיך אראב, איז אזוי ווי פון דער ערד איינגעגאנגען די לבנה רויט ווי בלוט. די שטאדט־טשערעדע האט שוין לאנג אבגעגעסען די צעבערעס, איהר געוועהנטליכע וועטשערע, און געשלאפען רוהיג אויף איהר געלעגער, אין די שטאלען, נאכדעם אז מען האט זי פריהער גוט ווי דער שמייגער איז, אויסגעמאלקען. איך האב בעקומען א בינטעל פרישע היי, אבגעצייט־אנען עם דער אומגליקליכער שקאפע אין גריב אריין, אזוי ווי איין עהרליכער מאן פון דער חברה „צער בעלי חיים" בעדארף צוטאן. די קליאטשע, נעבעך, איז געלעגען שטארק מיד אין דער בלאטע. ווען זי זאל נישט געווען מאכען מיט די זייטען און סאפען, וואלט מען זיכער געמיינט, דא ליגט א נבלה, אזוי דאר, אזוי מאגער איז זי געווען, נאר הויט און ביין.

— שאק, שאק, שאק! — האב איך געזאגט אויף פערדיש, צוגעהענדיג צו דער קליאטשע, איהר א גלעט געגעבען דעם האלדז און אנידערגעלעגט דאס בינטעל היי.

די קליאטשע הויבט אויף דעם קאפ, שטעלט אויף מיר אויס א פאר אויגען, און קוקט מיך פערוואונדערט אן. סטייטש, אזא מענש ווי איך זאל אנטאן כבוד א וויסטער קליאטשע און איהר ביי דער נאכט מאכען א וויזיט אין דער בלאטע!

— שאק, שאק, שאק! —מאך איך איהר אויף פערדיש. דאס הייסט גוט'ן אבענד קליאטשע!... שאק. שאק! נא דיר וועטשערע, נא היי, אויב דיר איז נאך איבע געבליבען א צאהן אין מויל. שאק. שאק! כ'לעבען, א גאנץ רחמנות, נעבאך, אויף דיר! שאק, שאק! — מאך איך, א גלעט־געבענדיג זי פאר גרויס רחמנות און רוק איהר אונטער דאס בינטעל היי האַרט אונטער דער נאז.

— ברוך הבא! — לאָזט זיך הערען פלוצלים עפּיס אַ פערדומפּפען קול.

איך בין טויט געבליבען, הערענדיג דעם ברוך הבא. פון וואַנען, וואונדער איך מיך, האָט עס פּלוצלים זיך גענומען? ווער זאָל עס רעדען? אַז נעבען מיר און ווייט צרום און אַרום איז נישטאָ אַפילו קיין זכר פון אַ מענשען!

— שרעק זיך נישט, יונגער מאַן! — לאָזט דאָס קול זיך ווידער הערען. — שרעק זיך נישט. איך, קליאַטשע, רעד צו דיר.

— קליאַטשע! — טו איך אַ געשריי נישט מיט מיין קול און אַ הייסער שטראָם לויפט מיר ווי מוראַשקעס איבער מיינע גלידער, צו־קאָכענדיג מיר שטאַרק דאָס בלוט. איך פיהל עפּיס ווי אַ גריל גרילצט מיר אין קאָפּ. דאָס איז, אַפּנים, די גוטע קליאַטשע, טראַכט איך מיר, און באַלד האָב איך מיך טאַקי דערמאָנט, אַז היינט איז מיטוואָך ביי דער נאַכט, די רעכטע צייט פאַר די לצים.

—טראַכט גאָר נישט איבער—לאָזט זיך ווייטער הערען דאָס קול— פשוט איז פשוט, איך, קליאַטשע, רעד צו דיר.

— ס׳טייטש! ווי רעדט עס אַ קליאַטשע?! — מאַך איך שטאַרק פערוואונדערט.

— דאָס איז גאָר נישט אַזאַ וואונדער, ענטפערט זי, אַזעלכע מעשיות האָבען שוין זיך געטראָפען, אין די בעשריבענע היסטאָריעס געפינט מען אַ סך רעדען און דרשות, וואָס פערד האָבען געהאַלטען פון בלעם׳ס אייזעל אָן ביז אַצינד.

—האַ, אפשר איז טאַקי אַזוי, זאָג איך איהר קראַצענדיג זיך אַוויילע, און דערמאָן מיך אין יענע מעשיות, וואָס איך האָב געלעהרענט צו דעם עקזאַמען. יאָ, טאַקי גאַנץ רעכט, פערד בעלי דברן׳ס ווייס איך, אָבער אַ קליאַטשע?

— וואָס מאַכט עס אויס? אי אַ קליאַטשע. אַדרבה, ווען עס טרעפט זיך שוין, רעדט טאַקי געוועהנליך נאָר אַ קליאַטשע. בלעם׳ס אייזעל איז אויך געווען אַ קליאַטשע. נאָר פונדעסטוועגען זיי רוהיג, מיט דיר רעדט נישט קיין קליאַטשע.

— וואָס הייסט עס?! — פריהער איז קליאַטשע, דערנאָך נישט קליאַטשע!—מאַך איך פערוואונדערט, איינבויגענדיג זיך די זאַך בעסער צו בעטראַכטען — נישט אַנדערש דו ביסט...

— אַ ליץ, ווילסט־דו זאָגען, — פאַלט זי מיר אַריין אין די רעד. — ניין, ניין, מיין פריינד, דו האָסט אַ טעות. איך בין נישט קיין ליץ, זאָג איך דיר, אויך נישט קיין קליאַטשע. מיין פּנים, מיין געשטאַלט איז ווי אַ קליאַטשע, אָבער באֶמת בין איך גאָר עפּיס אנדערש. ווען דו זאָלסט וויסען, וואָס מיט מיר און דער וועלט האט זיך פּאַסירט, וואלסט־דו מיך פערשטאַנען און אויפגעהערט זיך צו־וואונדערן.

און באלד טאקי געגעבען אַ קוק אויף מיר אַ פּאַר אויגען, וועלכע עס דריקען אוים ליידען, מידקייט אינאיינעם מיט אַ געבעט און גוטס־קייט אהן איין עק. עפּיס טאקי נאר אויגען פון אַ שלאַפען, אומגליק־ליכען, אומזיסט בעליידיגטען, געקרענקטען מענשען, וואס קוקט אויף איטליכען שווייגענדיג שטיל, און איטליכער קוק זיינער דערצעהלט זיינע אינווייניגסטע וועהטאגען; איטליכער בליק רעדט, שרייט געוואלד, בעט רחמים און רייסט אוים אַ שטיק הארץ. איך קוק און קוק — וואס קליאטשע, ווען קליאטשע! פאר מיר איז עפּיס גאר ווי אַ מענשליך פּנים. ווי, וואס, פון וואנען פּליצלים אַ מענש, עפּיס אזא פאַרזעהע־ניש?!... און ווי איך קוק אן פערגאפט דעם מין בעשעפעניש, שטרעקט עס אוים פון אונטען דאַרט זיך אַ האַנד, און אננעהמענדיג זי פון איידעל־קייט וועגען, פיהל איך! ערשט איך האלט גאר אַ קאַפּיטע.

„ברוך משנה הבריות” — חאפּט זיך מיר ארוים נישט ווילענדיג פון מויל די געוויסע ברכה. און דערביי טאקי קומט מיר אַ געוויש צו די אויערען, עפּיס ווי אַ ביטער געשריי, ווי אַ מאמע בעוויינט איהר קינד, און ווי אַ חאפּעניש, אַ טומלעניש פון משרתים ביי אַ קראנקען. דאכט זיך אַ ציהעניש, אַ ווארפעניש, אַ גיסעניש אויף מיר קאלט וואסער. קאלט, עס ציטערען מיר די גלידער — איך טוליע מיך איין צורוקענדיג זיך צו דער קליאטשע און צו ווארעמען זיך נעבען איהר.

— שוין לאנג ביסט דו עפּים אזוי משונה?

— אַ, לאנג ווי דער גלות: — ענטפערט זי מיר מיט אַ זיפץ.

— ווי אזוי איז עס דיר געשעהן? — זאג איך צורוקענדיג זיך נאך מעהר צו איהר. דאס מין בעשעפעניש שטעלט אוים אויף מיר אַ פּאר אויגען, אנקוקענדיג מיך ווי אַ פערריקטען. דערנאך האט זי אנגענומען איין ערנסט פּנים און אנגעהויבען טרויעריג צורעדען מיט די ווערטער:

דע־ וואס האט חאטש אַ ביסעל אריינגעקוקט אין ספרים, אדער

געהערט פון עלטערע דערצעהלען, דער דאָזיגער ווייסט, אַז מענשען זאָלען אָננעהמען די געשטאַלט פון אַלערליי חיות און בהמות שרצים ורמשים, נאָך ביים לעבען, אָדער אין זיי מגולגל צו ווערען נאָך דעם טויט — דאָס איז איינס פון די געוועהנטליכע זאַכען. פּאַרצייטענס האָבען אַזעלכע זאַכען זעהר אָפט זיך געטראָפען, און עס טרעפט זיך נאָך אַמאָל אַפילו אין אונזער צייט אויך. גרויסע געלעהרענטע, דערונטער אויך גייסטליכע, בעשטעטיגען אַזוינס מיט'ן מויל און מיט דער פען. מיר געפינען אין די היסטאָריע-ביכער, אַז סעמיראַמידע, די קעניגין פון בבל, האָט אויף דער עלטער אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ טויב. דניאל האָט בנבואה געזעהן די פיער קיסריות אין די געשטאַלטען פון לייבען, לעמפּערטען, בערען. און ער דערצעהלט, ווי נבוכדנצר מלך בבל איז לסוף ימיו געוואָרען אַ בער. ווער שמועסט ביי די גרעקען — זענען אַזעלכע געווען זעהר געוועהנטליך. זייער גאָט צעאוס, וואָס ער איז געווען, מחילה, שטאַרק געחאַפּט אין דער מעשה, האָט אַ מאָל זיך פאַרשטעלט פאַר איין אָקס, די בת-מלכה יאה, דעם קעניג אינאַכוס'ס אַ טאָכטער, האָט ער פאַרשטעלט אין אַ קוה, און אַזוי, אין דער געשטאַלט פון אַ קוה, האָט זי זיך, נעבעך, אַרומגעשלעפּט אַ לאַנגע צייט אין דער וועלט. אין זייער לאַנד האָבען זיך אויך געפונען מיני בעשעפעניש, האַלב בהמה און האַלב מענש, וואָס האָבען געהייסען צ ע נ ט א ו ר ע ן. איין צענטאוור, מיט דעם נאָמען ח י ר א ן, האַלב פערד און האַלב מענש, מיט באָרד און פאות און אויף דעם קאָפּ אַ ספּאָדיק, איז געוועזען דעם פּרינץ ט ע ז י י א ו ס מלמד. עס פאַרשטעהט זיך, וואָס פאַר אַ פאָלק, אַזאַ מלמד: זענען מענשען ווילדע, איז ביי זיי אויך אַ ווילדער מלמד... און וויפיעל אַלטע ווייבער און יונגפרויען אָהן אַ צאָהל האָבען געלעהרענטע אין אייראָפּא און גאָטספאָרכטיגע לייט געזעהן זיי פערשטעלענדיג זיך אין געשטאַלטען פון פרעש, דראַקאָנעס, און פון אַנדערע גופטיגע שרצים, אויך רייטענדיג אויף לאָפּעטעס, אויף בעזימער אין דער לופטען. און די זאַך איז דערנאָך בעשטעטיגט געוואָרען באותות ומופתים. פאַר די טאַשענשפּילער, פאַר די שוואַרצע-קונצען-מאַכער און פאַר די וואָס קענען פאַרבלענדזען יענעם די אויגען איז דאָס אַ ביסעל אַ לעבען געווען דענסטמאָל! זיי האָבען געפיהרט אַ וועלט און אָנגעטאָן מעשים, וואָס אַ שרעק צו הערען! אַ סך מענשען, אַ סך פּרינצען און פּרינצעסינס זענען דורך זיי געוואָרען ווילדע בהמות נעבעך... לייענט אין די ביכלעך. אין די געשריבענע מעשיות פון איטליכם פאָלק, וועט איהר

זעהן, אז נישט איין פרינץ, נישט איין מלך איז דורך זיי איבערגעקעהרט געווארען אין א צאפ, אין א פערד, אדער אין איין אקס וכדומה אין אזעלכע מיני בהמות; נישט איין פרינצעסין, נישט איין בת-מלכה איז דורך זיי געווארען א קוה, א קעלבעל, א ציג, נעבעך; נישט איין פריץ, נישט איין גראף איז דורך זיי געווארען א הונט, א וואלף, א בער. וואס האט געריסען, נעווארגען מענשען, געזויגען זייער בלוט, און ביי זיי ארויסגענומען דעם מארך פון די ביינער. יא, גאנצע דערפער, גאנצע שטעדט זענען, נעבעך, דורך זיי איבערגעקעהרט געווארען אין טשערע-דעס שאף און האבען געליטען זעהר פיעל צרות, שרעקליכע יסורים און עגויים קשים... אט וואס אויף דער וועלט האט פאסירט, אט וואס דער כח פון פארבלענדזעניש, פון כשוף און פון פארען-זיך מיט רוחות האט אנגעמאכט!

בידנע אומגליקליכע מענשען!

די דאזיגע ווערטער זענען געגאנגען פערדומפען עפים ווי פון א פוסטער פאס. און עס האט עפים אויסגעזעהן נישט ווי א לשון מיט די לעפצען, נישט די קליאטשע רעדט עס, נאר א רוח רעדט אויס איהר, דאס האט אויפגעריהרט דעם מח, געררוישט, געזומט, ווי עס וואלט זיך אויף איהם געגאסען פון א רינע א שטארקער שטראם קאלטע וואסער. די קליאטשע קוקט מיך אן און עס לאזט זיך ווייטער הערען דאס גע-שפרעך פון איהר.

— „אין יענער צייט איז א מאל געווען א פרינץ, א בן מלך, זעהר א פיינער, א קלוגער. א געראטענער מיט אלע מעלות, גאר איין אנטיק. דער דאזיגער בן-מלך האט אין דער יוגענד געוואנדרעוועט, געמאכט רייזען, בכדי צו דערקענען די וועלט. און אומעטום וואוהין ער איז גע-קומען, האט מיט איהם די וועלט געקלונגען. איין קעניג פון מצרים, דעם בעריהמטען לאנד פון ציגיינער און פון טאשענשפילער, איז שטארק אין כעס געווארען אויף דעם דאזיגען פרינץ, וואס איז געקומען צו איהם צו-גאסט. פאר גרויס שרעק, דער פרינץ זאל שפעטער מיט איהם זיך נישט אברעכנען און ארויסטרייבען איהם פון זיין אייגען לאנד, האט ער פארבעטען צו זיך זיינע גרויסע כשוף-מאכער און צו זיי אזוי געזאגט: הבה נתחכמה לו! דאס טייטש: לאמיר, ברידער, צו דעם פרינץ זיך קליגען און איהם אבטאן עפים אויף טערקיש. די מכשפים האבען מיט זייער כשוף פארשטעלט דעם פרינץ אין א קליאטשע, און מיט איהר, נעבעך, געארבייט עבודת-פרך!

די קליאַטשע, נעבעך, פֿלעגט פֿיהרען ציגעל און לעהם גאַנצע בערג און דערמיט אויסגעמויערט פּיתום מיט רעמסס. זעהר פֿיעל יאָהרען האָבען די ציגיינער זי געפּייניגט, איהר פֿעראומערט דאָס לעבען, ביז גאָט האָט אויף איהר זיך דערבאַרעמט. עס איז געקומען אַ גרויסער, אַ בעריהמטער מענש, אַ בעל שם, וואָס האָט חוזק געמאַכט פֿון אַלע ציגיינער מיט זייער כשוף און גרעסערע קונצען פֿון זייערע בעוויזען מיט דעם הייליגען „שם המפורש". ער האָט געזאָגט אַ שפּרוך, איז פֿון דער קליאַטשע ווידער א פּרינץ געוואָרען! כל-זמן יענער גרויסער בעל שם און זיינע וואונדערליכע תלמידים, וואָס נאָך איהם, האָבען געלעבט, האָט דער פּרינץ אַ פּנים געהאַט ווי אַ מענש, און געלעבט אין עושר, אין כבוד, ביי זיך אין לאַנד. נאָכדעם אָבער, אַז זיי אַלע זענען אויסגעשטאָרבען, האָבען שונאים דעם פּרינץ ווידער פֿאַרוואָרפֿען אין אַ קליאַטשע, און אין דער געשטאַלט טרייבט מען איהם, נעבעך, אַרום שוין אַ גוזמאָ יאָהרען פֿון איין אָרט צום אַנדערן. דעם אומגליקליכען פּרינץ פּאַסט טאַקי גאַנץ גלייך דער נאָמען: „די אייביגע קליאַטשע". אייביג שלעפּט זיך די קליאַטשע אַרום און געהט אויס, וואו די וועלט האָט איין עק, ווער עס האָט גאָט אין הארצען, זעצט זיך אויף איהר רייטענדיג; ווער אין גאָט גלויבט, גיט איהר אַ קלאַפּ, אַ זעץ; איטליכער לעגט אויף איהר אַנידער זיין פּעקיל, זיין קלימעק. אייביג געהט זי אין יאָך, שלעפּט, שלעפּט, נעבעך, ציגעל און לעהם מיט פֿיעל מיה, מיט בלוט און מיט שווייס, וואָס דערפֿוּן האָט מען שוין אויסגעבויט גאַנצע שטעדט!"...

אין יענער צייט, אַז דער קאָפּ מיינער איז פֿול געוועזען מיט וואונדערליכע מעשיות פֿון מכשפים און צויבערער; אין יענער צייט, וואָס חוץ מעשה-ביכלעך, ווי אַ שטייגער, „טויזענט און איין נאַכט", „צענטוריע-ווענטוריע", „בבא מעשה" וכדומה, וועלכע איך האָב געשמאַק געלייענט אין דער יוגענד, האָב איך גאָר אויף דאָס-ניי ווי די האַלעשקעס איינגעשלונגען נאָך אַנדערע מיני מעשיות; אין יענער צייט, אַז מיין הארץ איז געוועזען הייס, מיין בלוט אָקראָפּ און מיין כח-הדמיון פֿלאַם-פֿייער, אַז מיינע געפֿיהלען זענען געוועזען פּולווער, זיך אָנגעצונדען און אויסגעשאָסען פֿון אַ מינדסטען רייב, מיינע אויגען קוואַלען, וואַרמבעדער, איטליכער, וואָס האָט עפּיס געליטען, האָט אין זיי פֿאַר זיך געפֿונען וואַרמע, הייסע טרעהרען, — אָט אין יענער צייט האָט מיך די מעשה מיט דעם אומגליקליכען פּרינץ שטאַרק געריהרט. איך בין געוואָרייי גאַר צוקאַכט.

# די קליאטשע

— זאג מיר, איך בעט דיך! האב איך זיך אנגערופען, זאג מיר, וואו איז ער איצט? וואו געפינט זיך אצינד דער שלים׳מזל׳דיגער, דער אומגליקליכער פרינץ?

— דער פרינץ, דער שלים׳מזל׳דיגער פרינץ ליגט איצט פאר דיר אין דער געשטאלט, מיט דעם פנים פון א קליאטשע!

איך האב געזיפצט, געוויינט און אבגעגי׳ מיט הייסע בלוטיגע טרערען מיין וויסטע, אומגליקליכע קליאטשע

## דאס פערטע קאַפּיטעל

# ישׂראליק טענה'ט זיך אוים מיט דער קליאַטשע.

אַז איך בין אַביסעל צו זיך געקומען און אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זעה איך — די לבנה שיינט און קוקט אַראָב מיט איהרע זילבערנע שטראַהלען אין גרוב אַריין און די קליאַטשע מיינע קייעט היי גאַנץ רוהיג, קאַלטבלוטיג, אָהן אַפּיצעל זאָרג, טאַקי גאָר אַזוי ווי אַ געבוירענע, אמת'ע קליאַטשע. אין מיין האַרץ האָבען געקאָכט פערשיידענע געפּיהלען. באַלד האָב איך געפּיהלט, ווי דאָס לעבען עקט זיך מיר פּשוט פאַר גרויס רחמנות אויף דער ווישטער, אומגליקליכער קליאַטשע, און באַלד ווידער האָב איך געהאַט אויף איהר פּערדראָם, — ס'טייטש, ווי אַזוי ליגט זי אין דער בלאָטע אַזוי רוהיג, קאַלטבלוטיג, גלייך ווי זי פיהלט נישט, פאַרשטעהט נישט איהר ביטערע לאַגע! ווי אַזוי עפּענט זיך איהר דאָס מויל צוקייען היי נאָך אַזאַ שרעקליכער סצענע און נאָך אַזעלכע קלעפּ, וואָס זי האָט ערשט היינט געחאַפּט! איך האָב אָנגעהויבען ביי מיר צוטראַכטען, אויב די גאַנצע מעשה איז נישט אַ חלום; אויב איך האָב נישט צוטאָן גאָר מיט אַ פּשוט'ער שקאַפּע, וואָס האָט אין זיך נישט אפילו קיין אָדער פון אַ פּרינץ; וואָס האָט נישט קיין שום געפיהל פון כבוד, פון האָנער, און איז, משטיינס-געזאָגט, נישט אימשטאַנד צופיהלען איהרע אייגענע צרות, די גרויסע חרפּות און בזיונות. וואָרום ווען זי זאָל נאָר האָבען חאָטש אַ פּיצעל געפיהל, חאָטש אַפּיצעל פערשטאַנד, האָלט זי בשום-אופן נישט געקענט ליגען אויף איהר אָרט אַזוי רוהיג. עס האָט אין איהר בעדאַרפט קאָכען דאָס בלוט ווי אין אַ קעסעל; עס האָט אין איהר בעדאַרפט זיך בעוועגען איטליכם גליד, איטליכער אָדער; זי האָט בעדאַרפט טראַכטען, אין זינען האָבען, אַז עס

איז נישט גוט צובלייבען אין דער וועלט די אייביגע קליאַטשע, נישט גוט צולײדען פון אַ ליאַדען קונדעס, פון אַ ליאַדע הינטעל, און בעדאַרפט זיך שטרעקען אין דער לענג און אין דער ברייט, צו טאָן אַלע מיטעל, ווידער צובעקומען אַ פנים פון אַ מענשען. איך האָב מיך געשעמט פשוט פאַר זיך אַליין. נישט אַנדערש איך בין משוגע! וואָס האָב איך געטאָן? פאַר וועמען האָב איך ערשט אַזוי געזיפצט, געוויינט? פאַר וועמען האָב איך פערגאָסען בלוטיגע טרעהרען? פאַר וועמען בין איך ערשט ברייט געווען זיך אַוועקצולעגען, מקריב צו זיין מיינע טעג, מיינע יאָהרען, מיין גאַנץ לעבען? פאַר וועמען? פאַר אַ קליאַטשע! פאַר אַ יאַדעשליוווער, אָבגעבאַרעטער שקאַפע!... איך האָב מיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען אוי מיט אַ צעבראָכען האַרץ זיך אַוועקגערוקט אַ ביסעל ווייטער. —

די קליאַטשע האָט פלוצלים אַ זיפץ געטאָן. איהר זיפץ האָט מיר אין האַרצען זיך אָבגערופען ווי אַ דונער. איך בין פערציטערט געוואָרען. פייערדיגע געפיהלען פון רחמנות האָבען ווידער אָנגעצונדען מיין בלוט. איין זיפץ איהרער האָט אין מיר אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש, און מיך ווידער שטאַרק געצויגען צו איהר ווי אַ מאַגנעט. אָט אַזוי, האָב איך געטראַכט, איז טאַקי גוט. זיפץ, זיפץ, קליאַטשע! דאָס איז אַ גוטער סימן, פון דעם זיפצען זעהט מען אַרויס דעם אומגליקליכען פרינץ, ווי ער רייסט זיך מיט אַלע קרעפטען צו בעקומען אַ מענשליך פנים, אין דעם זיפצען הערט זיך זיין קול, ווי ער שרייעט: איך לעב נאָך און פיהל נאָך אַלצדינג, ווי אַלע מענשען! עס הערט זיך, ווי ער שרייעט און בעט רחמים: גוואַלד, מענשען, דערבאַרמט זיך, לאָזט מיך צוריק אָננעהמען מיין געשטאַלט! — זיפץ, קליאַטשע, זיפץ! דאָס זיפצען קען עפּים אָנמאַכען, עס קען אַ מאָל ריהרען, צעברעכען הערצער, עס קען אַ מאָל אַריינגעהן מענשען אין די אויערען, זיי וועלען אַזש אָנהויבען צו ציטערן, וועלען רחמנות האָבען און דיר העלפען. אָט אַזוי, קליאַטשע, אַז דו זיפצסט, איז טאַקי גוט!

און ווי איך טראַכט אַזוי, גיב איך אַ בליק: נעבען מיין קליאַטשע איז נישטאָ קיין לעק היי, זי האָט עס אינגאַנצען אויפגעגעסען, נישט איבערגעלאָזט, איהר זאָלט זאָגען, אפילו אַ בלעטעל. אַ-אַ-אַ! האָב איך ביי מיר געטראַכט, אָט וואָס איהר זיפץ בעטייט! זי זיפצט פשוט, וואָס עס דערגעהט איהר נישט די קישקע, וואָס זי האָט נישט נאָך אַ בינטעל היי, נאָך אַ הויפען גראָז. ווען זי זאָל בעקומען אַ סך היי, אַ סך גראָז,

דערצו נאָך עטליכע מעסטלעך האָבער, וואָלט זי געווען צופֿרידען, גאָר איבערגליקלעך. עס מעג שוין זיין ווי עס וויל זיך, אַבי אַ סך האָבער, אַבי די קישקע. אַ ריינע, עכטע קליאַטשע, כ׳לעבען!... דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך גאָר צושרויפט. פֿאַר פֿערדראָס האָב איך געציטערט און געווען שטאַרק צורודערט.

— וואָס ציטערסטו אַזוי? — רייסט זיך פֿון דער קליאַטשע אַרויס אַ וואָרט צו מיר — אפֿשר איז דיר דאָ ענג דאָס אָרט, אַ פּנים, נישט גוט צו זיצען דאָ נעבען מיר?

— דיר איז אפֿשר דאָ גוט, אָבער אַ מענשען מיט פֿערשטאַנד, מיט געפֿיהל, און ווייס וואָס גוט איז, איז אַזאַ אָרט שלעכט, זעהר שלעכט! — זאָג איך אַביסעל מיט פֿערדרוס, ווענדיג איהר אַ פּיק טאָן מיט אַ שטעך־ווערטעל.

— אודאי איז דיר גוט צו רעדען! — האָט זי זיך אָנגערופֿען און אַ מאַך געגעבען מיט דעם קאָפּ. אַ אַנדערער זאָל ווי איך פֿאַרשטעלט ווערען אין אַ קליאַטשע אַזוי פֿיעל יאָהר, אַ אַנדערער זאָל ווי איך אַזוי פֿיעל אויסשטעהן, זיין פֿערוואָגעלט, דער׳הרג׳עט, דערשלאָגען, אַזוי פֿיעל איבערטראָגען צרות און לייד פֿון איטליכען בעזונדער, וואָלט ער, כ׳לעבען, שוין לאַנג פֿערלוירען זיין פֿערשטאַנד, זיין געפֿיהל. עס וואָלט איהם איינגאַנצען דאָס לשון אָבגענומען און ער וואָלט געווען אַ ריינע אמת׳ע בהמה.

— נו, נו, בין איך איהר אַריינגעפֿאַלען אין די רעד, דיר איז ליעב די בלאָטע, דיר איז דאָ גוט!

זי צו מיר: — דאַכט זיך גוט. אַלץ בעסער ווי פֿריהער. עס זענען געווען צייטען, וואָס מען האָט מיך נאָר געטריבען און נישט געלאָזט אויסרוהען מיך אפֿילו קיין רגע. מיינע שונאים פֿלעגען מיך אַלץ טרייבען, טרייבען און צונעהמען ביי מיר דעם לעצטען כח. איצט, ווייניגסטענס רוה איך דאָ אַביסעל, אויף דער בלאָטע איז מיר ווייך צו ליגען און איך גלייך האָטש אַביסעל אויס מיינע אַלטע קראַנקע ביינער.

איך צו איהר: — און די קלעפּ, וואָס דו האָסט ערשט היינט געחאַפּט פֿון די קונדסים, און די הינט, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג

אויף דיר אָנגעפאַלען, האָסט־דו שוין פאַרגעסען? אפשר איז דאָס בײ דיר אויך גוט?

זי צו מיר: — אַלץ בעסער ווי פריהער. אויך מיר הינט! הינט האָסט־דו בעדאַרפט זעהען, וועלכע די לצים, די דייטשלעך, האָבען אַמאָל אויף מיר אָנגערייצט. יענע זענען געווען גרויסע, געלעהרענטע, האָבען געסלוזשעט, געשטאַנען אויף די לאַפּקעס, געדרעהט מיט די ווידלען און אויסגעפּאָלגט אַלצדינג, וואָס מען האָט נאָר געהייסען, זענען צווישען די הינט געווען פשוט פּראָפעסאָרען. שכל האָבען זיי געהאַט כמעט ווי מענשען, אָבער אַ האַרץ און אַ מויל—עכט הינטישע. זייער בים איז געווען שרעקליך, עד היום שטעהען נאָך בײ מיר צייכענס פון זייערע צייהן... די הינט, וואָס דו האָסט היינט געזעהן, זענען פּראָסטע קעלבלעך, גראָבע קעפּ, אָהן שכל; ווייסען אפילו ניט רעכט ווי אָנצוּפאַלען, ווי צו בייסען, בילען, משטיינס־געזאָגט, גלאַט אַבי געבילט, און בילען אויך אַקעגען דער לבנה. מיט אַשטיקעל ברויט פערשטאָפּט מען זיי דאָס מויל, און דענסטמאָל קען מען פראַנק און פריי גנבה'נען, גזלנ'ען, ראַבעווען פאַר זייערע אויגען... אויך מיר קונדסים! קונדסים זענען געווען אין יענע יאָהרען, וואָס פּ'לעגען זיך שטאַרק נאַריש מאַכען, איטליכען פאַרדרעהען די קעפּ און אויסטראַכטען ווילדע אָנשטעלען; וואָס פלעגען זיך פאַרשטעלען כלומר'שט פאַר בערען, מאַכען בו און שרעקען דעם עולם. אמת טאַקי, די היינטיגע קונדסים געהט אויך גאָר־נישט אָב, נאָר ווי קומען זיי אָבער דאָך צו די אַלטע! אַז יענע האָבען זיך גענומען צו מיר מיט זייערע אָנשטעל'ען, פלעגט מיר פשוט ניט ניחא זיין דאָס לעבען. וועניג, אַ שטייגער, האָבען מיך געפּלאָגט אָט יענע שטאַרקע פערד, וואָס דו האָסט היינט געזעהן צווישען די תבואות!

— וואָס רעדסט־דו? — מאַך איך שרעקליך פערוואונדערט. — וואָס הייסט עס, פערד האָבען דיך אויך געפּלאָגט. געפּייניגט? ווי קומען די פערד, די היינטיגע פערד, צו דיר?

— ווען מענשען זאָלען קענען אַריינקוקען אין איטליכער זאַך אינווענדיג, וואָלט זיי פאַרענטפערט געוואָרען אין דעם לעבען זעהר פיעל קשיות. נישקשה, איך רעד צו דער זאַך. אָט די דאָזיגע פערד זענען גלגולים פון שרעקליך ווילדע מיאוסע קונדסים, וואָס האָבען פאַרצייטענס

געגאַנט, געפלאָגט דעם עולם, געאַרבייט מעשים און אָנגעטאָן זעהר פיעל שאָדען. אַליין איז איטליכער געווען בעזדושנע, דאָס הייסט אָהן אַ זעל, און אויף איהם האָבען געמוזט אַרבייטען טויזענדער זעלען; יענע פלעגען עסען דאָס דאַר שטיקעל ברויט מיט דעם שוויים פון זייער פנים, חוץ דעם זיך גאַרנישט פערגינען אפילו דאָס, וואָס זיי האָבען אַליין אַרויסגעבראַכט, אויסגעהאָדעוועט מיט זייער פראַצע, — און ער האָט זיך געבאָדען אין וואוילטאָג, אויפ׳געגעסען זייער מיה און נאָך געשאַסטעט, פאַרשוועדעט. יענע האָבען פון זיינעטוועגען איינגעלעגט די וועלט, מיט זייער אַרבייט איהם פערשאַפט מאַיאָנטקעס, דערפער, שטעדט; מיט זייער מיה אידם געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגען, און דאָס ביסעל עסען, וואָס זיי, נעבעך, פלעגען פון איהם אַ מאָל בעקומען, טאַקי נאָר אבי צו דערהאַלטען די נשמה — דאָס האָט געהייסען אַ נדבה. זיי האָבען גע-הייסען אָרמע בעטלער, און ער — בעל רחמים, אַ פריינגעביגער, אַ בעל-צדקה, אַ בעל-טובה. זיי, אַז האָבען אויף איהם געהאָרעוועט, איז עס געווען אַ גאַנץ געוועהנטליכע זאַך, אַזוי האָט עס בעדאַרפט טאַקי זיין, און אַז ער האָט אַ מאָל געגעבען עפּיס אַ נדבה אויף הונגעריגע, אויף קראַנקע, פון זייער שווערער האָראָוואַניע טאַקי, האָט דערמיט די גאַנצע וועלט געהאַט צוטאָן, מען האָט עס בעזונגען, בעוואונדערט אין אַלע גאַזעטען און צולעגט אויף טויזענט טעלערלעך — לאָז דער עולם וויסען, אַז ס׳איז דאָ אַ בּאַרמהאַרצדיגער, אַ גוטער, אַ פרומער, אַ דימענטיגער מענש!... אַ מאָל זענען די דאָזיגע פערד געווען איידעלע מענשען-לע-דיגגעהער, היינט זענען זיי אידעלע פערד-לעדיגגעהער. וואָרום, לאָמיר זיך נאָר נישט נאַרען, צו וואָס טויגען אייַדעלע, געלעהרענטע פערד? אַרבייטען — אַרבייטען דאָך פערדלעך, נעבעך, די געמיינע פערד. זיי אַקערען די פעלדער, פיהרען וואַסער און האָלץ, שלעפען, טראָגען משא און טוען אַלצדינג אין דעם בעל-הבתישקייט. די אייַדעלע פערד אַקעגען פיהרען זיך אַ גליקליך לעבען אין שטאַל נעבען היי און האָבער; פּאָהרען זיך אַ מאָל אַרוים שפּאַצירען מיט זייער פּריץ, הייבען פיסלעך, און שטאַלצירען מיט זייער פעט בייכיל, מיט זייער שענעם געשפּאַן, אָדער טאַנצען, מאַכען אָנשטעלען אין די צירקען און נאַרען דערמיט ביי דעם עולם אויס דאָס געלט. צו וואָס נוצט עס באמת אַז אַ פערד טאַנצט, מאַכט הוקעס-פּוקעס? פאַר וואָס זאָל אַזאַ פערד געהן אין גאָלד און מען זאָל איהם, ווי גרוים עס איז, מיט געלט אָבשיטען? לאָזען בעסער יענע פערד אַרבייטען און נישט געהן אין שאָדען!

— שא, שטילער א ביסעל! האב איך צו איהר געזאגט, דו רעדסט תמיד אזוי פיעל?

— אך! — האט די קליאטשע מיט א זיפץ געענטפערט — געוועהנטליך שווייג איך און קען נישט רעדען אפילו קיין ווארט. מען וויל נישט, איך זאל רעדען. גאנץ אפט קען איך אפילו קיין פיפס נישט טאן, און דענסטמאל בין איך טאקי א קליאטשע מיט אלע פישטשעווקעס, חאטש רעד איבער מיר פון היינט ביז איבער א יאהר, וועל איך דיך נישט הערען. דו וועסט שרייען: געה רעכטס! און איך וועל מיר געהן לינקס, סיידען דו וועסט מיך אננעהמען ביי דעה טשאפרינע און שלעפען מיט געוואלד. דענסטמאל קען אויף מיר רייטען ווער עס וויל, אפילו א יונגעל, א שוטה, א ווייסע-חברה'ניק, א דראב, א טויגעניכטס, א לא-יוצלח! נאר עס זענע דא געוויסע צייטען, וואס מיר עפענט זיך א מויל, און אז מען ציהט מיך דענסטמאל ביי דער צונג, שיטען מיר זיך ניין מאס רעד פון דעם מויל איך רעד דענסטמאל פאר פייער און פאר וואסער. עס זעצט דענסטמאל פון מיר ארויס מיט אימפעט, ווי פון א פייערשפייענדיגען בארג, אלצדינג, וואס מיר האט זיך אנגעקליבען אויפ'ן הארצען: גאנצע וואלקענס פער-דראס, גריזאטע, וועהטאג און פורעניות; עס צושפילען זיך אין מיר די געבליטען, ווי פלייצענדיגע טייכען אין ווערנע-צייט, הייבען זיך-אויף מיר אין דעם קאפ מיט שרעקליכע חוואלעס, רייסען דעם מוח און שטופען זיך מיר ארויס דורך די אויגען. עס פוקעט זיך מיר די גאל, עס רעדט זיך ארויס מיין ביטער הארץ, מיין שווער געמיטה!...

— זאג מיר, נשמה, — האב איך מיך אנגערופען, — זאג מיר, אז ס'איז שוין יא געקומען צו רעד, פאר וואס געהסט דו אין שאדען? ערשט היינט טאקי איז מען דערפאר אויף דיר אנגעפאלען. ערשט היינט האט מען געשריגען: דו מאכסט אן שאדען!

— בעטראכט די זאך בעסער, ענטפערט זי, וועסט-דו מיך אזוי נישט בעשולדיגען. אז מען רעדט פון מיין שאדען, מוז מען אקעגען שטעלען אויך דעם נוצען, ווען איך ברענג. ווארום מען קען אנדערש נישט ארויסגעבען א פסק דין, צום גוטען, אדער צום שלעכטען, סיידען ארויפלעגענדיג די ביידע זאכען אויף די וואגשאלען איינע אנגעגען די אנדערע, צו זעהן, וועלכע פון זיי וועט איבערוועגען. ווען נישט, קומט אויס, אז כמעט איטליכער טוהט אן שאדען; קיינער כמעט איז נישט ריין פון דעם פעהלער, אפילו יענער, וואס שרייט דערויף געוואלד.

ביי דער היינטיגער פיהרונג אין דער גאַנצער וועלט אַרום און אַרום, איז שאָדען אַזאַ פעהלער, אַזאַ זינד, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אויסמעקען און פאַרענטפערט זיך נאָר מיט נאָך אַזאַ זינד. למאי, זאָגט מען, געהט יענער אין שאָדען? — דאָס איז אַזאַ זינד, וואָס ווי דו זאָלסט נישט שרייען, בלייבט זי טאַקי אַלץ; זי קען מען נאָר פיהרען אונטער דעם דעקטוך — פאַרדעקט, פערהאַנגען מיט צדקה, אָדער נוצען. שמעון דער נגזל, נעבעך, שרייט: אוי, ראובן שאַדעט! יאָ, ענטפערט מען: ראובן מאַכט טאַקי אַביסעל קאַליע, אין ברירה, וואָס זאָל ער טאָן? דערפאַר קוק אָבער, ווי ער נוצט ערגיץ אַנדערש!... און אויב איך נוץ אויך? אויב איך האָב אויך געבראַכט און ברענג דער וועלט אַ נוצען? דאָס, דאַכט זיך, וועט נישט אָבלייקענען קיינער. פון אייביגע, אייביגע צייטען איז מען אויף מיר געריטען, איטליכער האָט פון מיר, מעהר אָדער ווייניגער, גענאָסען. וועמען האָב איך שוין אויף מיין רוקען נישט איבערגעטראָגען? און וועמענס שאָדען בין איך שוין אין מיין לעבען נישט אויסגעשטאַנען? איך מיין, אַז מיין אַרבייט איז ווערטה אַ סך מעהר פון אַ הויפען גראָז!... דאָס, האָסט דו איינמאָל. היינט צווייטענס, פאַרגעס נישט, אַז מיך קוועטשען די אומשטענדען, מיך צווינגט די נויט. ווען איך וועל מיר אַליין נישט זוכען עסען, וועט מען מיר טאַקי נישט געבען. איך וועל מוזען לעגען די צייהן אויף דער פאָלעצע און שטאַרבען פאַר הונגער. אויף דרך ארץ קען איך נישט וואַרטען; כל־זמן מען לעבט, מוז מען עסען, וואָס וויל איך דען מעהר ווי עסען? און וואָס, משטיינס־געזאָגט, איז אינגאַנצען מיין שאָדען? אַ הויפען היי, אַביסעל גראָז!.. יענע שענע פערד אָבער האָבען דאָך פון כל טוב, זיי גיט מען דאָך זייער בעדערפניש, זיי האָבען דאָך דאָס רעכט צו פיטערן זיך אומעטום פריי אויף דעם גראָז, פאַר וואָס געהען זיי אין שאדען? און נאָך וואָס פאַר אַ שאָדען! זיי צוטרעטען תבואות, פערוויסטען גאַנצע פעלדער און מאַכען תל.

— וואָס פאַר אַ שייכות, פרעג איך זי, איז אַ מאָל געוועזען צווישען דיר און יענע פערד, אָדער, ווי דו זאָגסט, קונדסים?

— יענע קונדסים, אָדער ווי דו זאָגסט, פערד, ענטפערט זי, פלעגען אַ מאָל, אַ מאָל אין די אַלטע יאָהרען שרעקליך זיך אָבערעכנען מיט מיר און מיך פייניגען צום טויט. בשעת זייערע אַ קאָמפּאַניע האָט זיך אַ מאָל געלאָזט אויף אַ מלחמה מיט דעם תוגר, האָבען זיי מיך געדריגעט, געטרעטען מיט די פיס און מיר אַרויסגעקוועטשט דעם מאַרך

פֿון די ביינער. זיי האבען דענסטמאָל פֿון מיר געריסען די ווערים, גע־טרענט די אָדערען, מיך געשטעמפּעלט, געבּרענט מיט גליהענדע קוילען פֿייער. אויף מיין פֿעל שטעהט אָבּגעדרוקט מיט אַלערליי צייכענס די גאַנצע געשיכטע פֿון אַכזריות, פֿון ווילדקייט און פֿון נאַרישקייט, וואָס האָבּען געהערשט אין יענע שווערע, בּיטערע צייטען. מיין אָבּגעבּאַרעטע פֿעל מיט די בּלויע צייכענס, מיין צוקאַראַדאַשעטער רוקען מיט די בּיילען— איז די געשריבּענע געשיכטע פֿון יענע אַלטע דורות. קוק אויף מיין פֿעל און לייען!...

## דאס פינפטע קאפיטעל.

# די קליאטשע הויבט זיך אויף פון גרוב מיט א שטורם.

ווי א ווינטמיהל דרעהט זיך מיר דער מוח פון אלצדינג, וואס מיר איז ערשט ענטפלעקט געווארען, און די וועלט מיט אלע איהרע בעשעפענישען דרעהען זיך מיט איהם, פערמישענדיג זיך און פערבייטענדיג זיך איינע מיט די אנדערע. עפיס קומט מיר אוים, אז אלע זענען נישט דאס, פאר וואס זיי גיבען זיך אוים. קיינער איז אינוועניג נישט דאס, ווי אזוי ער זעהט אוים פון דרויסען. א פנים, די אינדיאנער, וואס גלויבען, אז די נשמות פון מענשען געהען איבער אין אלערליי בעשעפענישען, און די בעלי הקבלה, להבדיל, זענען טאקי גערעכט. די גאנצע וועלט איז לויטער גלגולים. א פנים, אז דער טעם, וואס שטעהט ערגיץ אין א סדור, פאר וואס עס איז א מצוה צו עסען פיש, שבת, בכדי דערמיט מתקן צו זיין די נשמות, וואס ווערען אין זיי מגולגל — איז טאקי זעהר אמת. אויב אזוי, בעקומט דאך די וועלט גאר איין אנדער פנים, מען מוז אויף איהר קוקען מיט אנדערע אויגען און בעטראכטען איטליכע זאך גאר אנדערש. אין א מענשען, קען זיין, ליגט בעגראבען א הונט, און אין א הונט ליגט בעגראבען א מענש. א פונט פרישע פיש, קען זיין, איז א פונט פרישצאפעלדיגע נשמות, אין א גוטען קארפ ליעגט א פלוידער־זאק א רעדנער מיט פעפער און ציבעלעס אויפ'ן פאלומישאק פאר מיר! אויב אזוי, וועלען דאך פארענטפערט ווערען א סך קשיות אין דער השגחה, אויך אין די פיהרונגען פון פיעל מענשען; עס וועט שוין פארענטפערט ווערען, פון וואנען עס האבען זיך גענומען ביי אונז שוטים, נאראנים, צבועיקעס, בטלנים, קהל'ס־לייט, חאפערס, בעלי־טאקסעס, גבאים, נאמנים, שתדלנים, בעלי־טובות, שטאדט־יורשים, פיינע־בריות, שענע מענשען, גאטס־

סטראַפּטשעס, טענצער, טעלערלעקער און קאָלעפּעל. מען וועט שוין פאַרשטעהן, ווער זיי זענען, פון וואַנען זיי שטאַמען, וועמענס טבע זיי האָבען און וואָס זייער תכלית, זייער כונה איז אויף דעם עולם, ־עישען אונז אומגליקליכע, זינדיגע מענשען..

עס טרעפט זיך פיעל מאָל אין דער וועלט—איינער גיט זיך אָב מיט לערנען דעם גאַנצען לעבען און בלייבט אַ נאַר. און איינעם געראָטה עס ווערען אַ חכם באַלד טאַקי אָהן גרוים מיה.

בלילה הזה—אָט די נאַכט בין איך געוואָרען אַ חכם און ווי באַלד איך בין געוואָרען אַ חכם, פערשטעהט זיך שוין אַליין, אַז איך האָב אָנגעהויבען אין אַלצדינג מסופק צו זיין, און נישט נאָר אין אַנדערע מסופק צו זיין, נישט צו וויסען קלאָר, ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען,—אפילו אין מיר מיט מיין כבוד אַליין טאַקי אויך. אפשר בין איך גאָרנישט איך? טאָמער בין איך אין דער האַנד פון איין אַנדער כח, וואָס לעבט אין מיר און נישט איך בין דער הבית פון מיין גופ'ל, צו טאָן אַלצדינג נאָך מיין פערשטאַנד און מיין ווילען, נאָר יענער הערשט איבער מיר און צווינגט מיך מיט געוואלד צו טאָן דאָס, וואָס ער וויל, איך זאָל פיהרען זיינע געשעפטען און זיין שטייגער לעבען ווייטער טאַקי ווי ער פריהער. עפּיס טאַקי נאָר „אַ כהנה כחומר"—איך בין דער חומר און ער איז דער יוצר, דער גאַנצער מאַכער, הייסט עס, אָדער—איך בין דער חמור, דער אייזעל, און ער איז דער אָנטרייבער. יאָ, אָבער ווער זאָל דאָס זיין אין מיר אַזוינס? און וועמעס גייסט רעדט דאָס אַזוי אויס מיר? אפשר זיצט אין מיר איינע פון די הויכע נשמות—שלמה המלך'ס נשמה, אַ שטייגער! און עס לאָזט זיך טאַקי דענקען אַזוי. ער איז אין איין נאַכט פון דער היצלער הויט געוואָרען אַ חכם, קליגער פון אַלע מענשען אין זיין צייט און איך, בחור, בין דאָך אויך געוואָרען אַ חכם בלילה. הייסט דאָס, אַ פּנים, ער וויל, אַז דורך מיר זאָל זיך עס ציהען זיין חכמה און איך זאָל זיין קליגער פון אַלעמען אין מיין צייט. אָדער אפשר זיצט אין מיר אַן׳אַנדער גרויסע נשמה? אויב די קליאַטשע, אַ נקבה, איז אַ בן מלך, בין איך, אַ זכר, נאָר אַ בת מלכה, און אַז נשמות זאָלען ביי גלגולים זיך פערביטען, דאָס הייסט, פון אַ זכר זאָל ווערען אַ נקבה און אַ נקבה אַ זכר, דאָס איז אַזוינס, וואָס אי׳ז זעהר מעגליך. און איך האָב מיך דערמאָנט, אַז דאָס אייגענע מאַקי האָב איך אויך געלעזען אין אַ ראָמאַן פון אַ בעריהמטען פראַנצויזישען אַסטראָנאָם. און אויב יאָ אַזוי, מעגליך, אַז איך בין נאָר די מלכת שבא מיט איהר כבוד אַליין. איז נישט

יסט טאַקי זענען מיר, איך מיט דער קליאַטשע, זיך צונויפגעקומען דאָ. אַי וואָס, אפשר איז אַ טעות, און נישט איינע פון די ביידע נשמות זיצט אין מיר, מאַכט אויך נישט אוים. דער עיקר איז דאָך אַ הויכע, אַ גרויסע נשמה. און וועניג גרויסע נשמות זענען דאָ ביי אונז? און כּפי דאָס קאָכעניש פון מיין הייס בלוט און די גרויסע התלהבות מיינע, מעגליך, אַז אַ רוח פון יהודה המכבי איז אַריין אין מיר. דער כּח ליע:ט דאָך מיר אין מויל, די גבורות—אין דער צונג. איך פיהל אין מיר אַצינד, ווי עס קאַטערט מיך טאַקי צו געבען אַ שרעקליכען געשריי, ווי מיר אויפ'ן האַרצען איז, אַזש די וועלט זאָל פערציטערט ווערען

און ווי איך האָב נאָר אויפגעעפענט אַ מויל און אַ געשריי געטאָן, באַלד איז געוואָרען דונערען מיט בליצען און אַ שרעקליכער שטורעמווינד, אַ רעדעל ווי אַ זייל האָט זיך געדרעהט גאַנץ הויך אין דער לופטען, ס'איז אַ קאָכעניש, אַ אויסמישעניש פון אַלערליי געשטאַלטען, וואָס טאַנצען, שפרינגען, פליהען משוגע'נערוויז ווי די רוחות, אַריינהאַפענדיג צו זיך אין קאָהן אַריין אַלצדינג, וואָס קומט זיי אויפ'ן וועג אַקעגען. עס טראָגט זיך, עס דרעהט זיך רעש'דיג מיט אימפעט, בעגלייט פון אַ משוגע'נער קאַפעליע: עס קראַקעט, קוואַקעט, קוואָקעט, קרעכצט, הײלט, זוישעט, בילדערט, גרילצט אין די אויערען. בוימער און וואַלד ענטפערען אָב צום טאַקט, בויגענדיג זיך אין אַלע זייטען, רוישען, צימבלען און פאַטשען, פליעסקען מיט די צווייגען. די לבנה דערשרעקט זיך און לויפט זיך בעהאַלטען אין אַ שטיק זאָלקען. איך בלייב פערגאַפט. איז עס מעגליך, אַז אָט דער רעש, דער שטורעם זאָל קומען פון מיין געשריי, פון מיין בלאָז טאָן מיט דעם מויל! אפשר איז אַצינד אַ חתונה ביי דעם גוטען פעקיל שדים,—אַ מכשפה פיהרט מען עס צו דער חופה מיט איהר באַשערטען, לעבעדיג־פרעהליך, אַלטע און יונגע מכשפות טאַנצען, שפרינגען און דרעהען זיך אין אַ רעדעל מיט רוחות אינאיינעם. איך קוק מיך אום צו דער קליאַטשע און דערקען זי נישט. זי מינעט זיך און נעהמט אָן אין איין מינוט פערשיעדענע געשטאַלטען. אָט, דאַכט זיך, נעהמט זי אָן אַ מענשליך געשטאַלט: אַ העלדזועלע אַ אויסגעדיירווערטע, אַ גערגעלע מיט אַ אויסגעשטאַרצעטען קנאָפ, מיט פאות פערפלאָנטערטע קאָלטענעוואַטע, אַ אָפען מויל, מיט אַ אַראָבגעהאַנגענעם ליפ און אַ זיפּץ נאָך אַ זיפּץ רייסט זיך אַרוים טיעף ביי איהר פון האַרצען. און אין אַ רגע אַרום נעהמט זי אָן אַ משונה געשטאַלט, נישט צו פאַרשטעהן, וואָס עס איז פאַר אַ מין פערזעהעניש

און פלוצלינג שטעלט זי אויף די אויערען, הערט זיך ווי צו עפּים צו, גלייך ווי זי האָט עפּים דערשפּירט, טהוט זיך פערציטערט אַ שטעל אויף די פיס, גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטאָן, שטרעקט זיך אויס ווי גרויס זי איז שאָקלענדיג מיט'ן עק, ווי אַנ'עכטע קליאַטשע טאַקי. און באַלד וואַקסט עפּים אויס ווי פון דער ערד אַ מין נפש, חאַפּט זיך אַרויף אויף דער קליאַטשע רייטענדיג, טהוט אַ שמיץ, אַ פייף—אַוועק, אַוועק, די קליאַטשע טהוט 'געשווינד אַ שפּרונג אַרויס פון דער גרוב און ווערט פערשוואונדען.

— אוי, אוי, קליאַטשע! אוי, אוי, מיין קליאַטשע!—שריי איך מיט אַלע מיינע קרעפטען.

און דער שטורעם לאָזט נישט אָב, און די דונערען ווערען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס פריהערדיגע רעדעל אין דער לופט גיט מיר אַ נעהם, און איך דרעה זיך אינוועניג אין איהם מיט נאָך אַנדערע ווילדע בעשעפענישען. עס הערט זיך אַ מורמלען עפּים ווערטער אויף אַ לשון אַ גאַנץ אומבעקאַנטען: „שרלאַי ואמרלאי בזך בזייך בזבזייך מסמסייך פרח פרחייכו! — עס פאַרדרעהט זיך מיר דער קאָפּ, עס מאַכען זיך צו די אויגען, עס בעשלאָגט מיך אַ שוויס. און איך דערפיהל ווי עפּים אַ האַנד נעהמט מיך אָן דאָ פאַר'ן קאָפּ, דאָ פאַר די פיס, און איך גיעב אַ געשריי פאַלענדיג אַראָב, און אויפעפענדיג די אויגען.

איך פיהל עפּים קישענס מיר צו־קאָפּענס און וויס נאָך אַלץ נישט קלאָר, וואו בין איך. איך הער משונה'דיגע ווערטער, ווי יענע, אַ שטיינער, וואָס פריהער, בשעת דרעהענדיג זיך אין רעדעל, און ווער עס רעדט, זעה איך נישט. און אין אַ ווייל אַרום, אַז איך האָב אָנגעהויבען צו זיך קומען, האָט זיך מיר געוויזען אַלץ וואָס ווייטער, ווייטער איינע נאָך די אַנדערע אַ צוקאָשמעטע באָרד, לאַנגע פאות און אַ משונה'דיגע צורה פון אַ מין נפש אַ מאַנספערשוין. דער דאָזיגען מין נפש באַברעט זיך אין אַ ווינקעל, גלאָצט מיט די אויגען, מאַכט משונה־ווילדע העוויות, טופעט, גלייך ווי ער וואָלט מיט עמיצען זיך געקריעגט און מיט אַ בייזער געערדט אַזעלכע מיני ווערטער: „איך בין אייך משביע בשם לוציפעריאל, ובשם פלוטאָניאל, צערבעריאל, פראָזערפיניאל, בשם... בשם... און בשם... אַז איהר זאָלט קיין שליטה נישט האָבען אויף ישראל'יק בן ציפּה. צוזייעט זיך, צושפּרייט זיך, אין די וויסטע פעלדער, אין די פוסטע וועלדער. דאָרט שטעהט אַ שטיין, אויף דעם שטיין נאָך אַ שטיין, דאָרט שטעהט אַ באַרג, אויף

דעם באַרג נאָך אַ באַרג, אויבען זיצט שמענדריג בן געץ און פּאַסעט ווילדע קעץ; חאַפּט וואו ערגיץ נאָר אַ קאָטער, חאַפּט וואו ערגיץ נאָר אַ פּיפּערנאָטער. חאַפּט פון דער וועלט אַלע פליגען, טאַראַקאַנעס, גרילען, פליי, וואַנצען, און געהט מיט זיי טאַנצען, טאַנצט אין די פּוסטע וועלדער, אין די וויסטע פעלדער, טאַנצט, שפּרינגט, קוועלט, און לאָזט צורוה די וועלט"... און אַ אַלטע גוי'ע שטעהט זיך און שעפּטשעט ביחידות, שטיל, אין אַ ווינקעל, שפּייט און געניצט אויסשפּאַרענדיג דעם מויל הויך אויף אַ קול.

— פרחא זיקא למריקו, ביך, ביך! — מורמעלט דער מין נפש, בויגט זיך אויף מיר און חאַפּט מיר אָן פאַר'ן שפּיץ נאָז.

— הסיך: אַ פּססיך: אַ פּססססיך! — ענטפערט איהם אָב די נאָז מיינע, צוגיסט זיך ניסענדיג אויף אַ קול

— צום געזונד. צום לעבען! — ווינשעוועט מיר צו דער מין נפש מיט פרייד, טוהט זיך אַ לאָז נעשווינד צו דער טיר מיט דער פרעהליכער בשורה:

— ציפּע, קומט, זעהט, דערזוהן אַייערער איז פריש און געזונד.

— וואו בין איך? — פרעג איך שטאַרק פערוואונדערט.

— ביי מיר, מיין זוהן! ביי מיר ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר — ענטפערט אָב די מאַמע שטעהענדיג נאָך אין דער טיר און טאַקי אין אַ מינוט אַרום קומט זי צו, פאַלט מיר אויפ'ן האַלדז מיט אַ ביטער געוויין.

— שברירי, ברירי, רירי, רי, — האָט געשעפּטשעט יענער מין נפש, בלאָזט און בלאָזט, ווי ער וואָלט עמיצען דערמיט פערטריבען. דערנאָך ווענדעט ער זיך צו דער מאַמען און זאָגט:

— ציפּע! איך פאָרע מיך שוין מיט די לצים אפשר אַ יאָהר דרייסיג — יאָ אַזוי, ציפּע, איז טאַקי דער חשבון, באַלד נאָך דער ערשטער בהלה, נישט היינט געדאַכט, בין איך געוואָרען אַ בעל שם. אַ פּאָר יאָהר פאַר דער גרויסער שרפה, פונקט אין דער צייט, וואָס רב טוביה־קלמן רב גדליה־איצעס האָט געפונען אין דער שטאָדט אַ אוצר, פריהער מיט אַ יאָהר לערך, אַז מען האָט אויסגערייניגט דעם טייך און די מקוה — יאָ, ציפּע, עס וועט שוין טאַקי זיין אַ יאָהר דרייסיג, אויב נישט מעהר. איז דער צייט האָב איך מיט זיי נענוג זיך געפּאָרעט, די לייט האָבען

פון מיר היינט געחאפּט דעם פּסק. גישקשה! דאָס איז געווען זייער אַרבייט, זייער מלאכה.

— האַ־הוך! — האָט די אַלטע גוי'ע אויף אַ קול אַ געניץ געטאָן, עפּיס געשפּראָכען, אויסגעשפּיגען, און ווייטער מיט אַ געניץ טאַקי אויסגעלאָזען: טראַסצאַ איח מאַטערי!

דער בעל שם שניידט אָפּ פון דעם טיש און די בענקלעך זיבען שטיקעלעך האָלץ, נעהמט אָן זיבען הויפען שטויב פון אונטער דער שוועל, און זיבען זילבערנע מטבעות אין אַ וואָלענע זאַק מיינע, וואָס די מאַמע האָט איהם געגעבען, אָנרופענדיג זיך צו איהר:

— אָט געלצדינג, וואָס איך נעהם, דאַרף איך האָבען אויף צו שפּרעכען דערויף ביי דער נאַכט פאַר דער לבנה אונטער'ן שטאָדט אויף די שייד־וועגען; דערצו דאַרף מען נאָך צולעגען זיבען האָר פון אַ געלטען הונד'ס אַ באָרד, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען. נאָר בשעת הדחק, אז ס'איז נישטאָ קיין הונד, איז מען יוצא מיט אַ קאַץ. די קאַץ דיינע, ציפּע, געפינט זיך בודאי אין דער קיך, און איך געה בלויז אַ הינצו נעהמען זיבען הויפענס אַש פון דעם פּריפּעטשאָק, וועל איך שוין אין איין וועג אויסרייסען זיבען האָר ביי דער קאַץ פונ'ם עק ווידעל.

אַזוי האָט געזאָגט דער בעל שם, און נאָך דעם ווי ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה צו־זאָגענדיג: קומען, אם ירצה השם, מאָרגען ענדיגען די מלאכה זיינע, האָט ער וואונק געגעבען דער גוי'ע, און זיי זענען ביידע אַרויס פון דער שטוב.

— מאַמע, וואָס טוהט זיך דאָ אַזוינס? — זאָג איך מיט גרויס רחמנות אויף דער מאַמען, זעהענדיג זי, ווי זי וויינט — וואָס וויינסטו, מאַמע?

— אוי, ביטער איז מיר, פינסטער איז מיר, זוהניעניו מיינער!

— וואָס איז געשעהן?

— אוי, זאָל שוין זיך מעהר נישט אומקעהרען דאָס, וואָס ס'איז געשעהן!

— האָב רחמנות, מאַמע, און דערצעהל מיר איך וועל נישט רוהיג זיין, ביז וואַן דו וועסט מיך נישט בערוהיגען. וויין נישט און דערצעהל מיר, זיסע טייערע מאַמע! לאָמיך וויסען.

— וואַרט אַ ביסעל, מיין טרייסט, לאָז מיר זיך אויסוויינען.

ס'איז שטיל. די מאַמע ליעגט אָנשפּאַרענדיג מיר דעם קאָפּ אויפ'ן האַרצען, חליפעט שטילערהייד ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער. אין

אַ ווײַלע אַרום הויבט זי אויף דעם פּנים צו מיר, האַלט זיך אײַן און דערצעהלט מיר זיפצענדיג אַט וואָס:

— אַז דו ביסט אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אין פעלד, און נישט צוריק געקומען ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מיר אַלע געגאַנגען אונטער דער שטאָדט און זיך צולאָזט אין אַלע זייטען דיך אויפצוזוכען. מיר האָבען אַזוי לאַנג געזוכט, געזוכט, ביז מען האָט דיך געפונען עפּיס ווי פערשלאָפען אונטער אַ בוים, ערגיץ נעבען אַ קאַנאַל. קומענדיג אַ היים האָט מען שוין אַרויסגעזעהן אין דיר, אַז דו ביסט עפּיס צוטראָגען. עס האָט פון דיר זיך אָבגעטאָן דער שלאָף און ביסט געווען שטאַרק צוקאָכט. אויף מאָרגען האָסט דו אין מויל נישט גענומען קיין עסען, אַלץ געווען צורודערט, פערטראַכט און גערעדט צו זיך אַליין עפּיס אַזעלכע ווערטער, וואָס איינם צום אַנדערן האָט זיך נישט געקלעבט. מיר אַלע אין שטוב האָבען עס נישט געקענט פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אַזוינס בעדייטען? — דערנאָך, וועה איז מיר, האָט עס זיך אַרויסגעוויזען. הלואי רבונו של עולם, מען זאָל מעהר דערפון נישט וויסען נישט מיר, נישט כל ישראל!

— ניין, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט טרעהרען, אָבשטעלענדיג זיך אין מיטען שמועס — ניין, איך קען מעהר נישט ריידען, איטליכעס וואָרט שטעכט מיך ווי אַ שפּילקע. איך בעט דיך, מיין קינד, לאָז מיך צורוה, און דיר טאַקי איז אויך צייט צו רוהען. נאָכ׳ן שלאָף וועט דיר גרינגער ווערען. שלאָף, מיין זוהן, שלאָף, דער שלאָף איז זעהר גוט פאַר דיר, ישראל! — — — — —

— נור מיט דעם בעדינג, מאַמע, אַז דו זאָלסט מיר צו-זאָגען מאָרגען ווייטער צו דערצעהלען.

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט — האָט געזאָגט די מאַמע. — שלאָף, שלאָף, מיין קינד, שלאָף, ישראל!...

## דאָס זעקסטע קאַפּיטעל

# וואָס די מאַמע דערדערט נישט, דערקלערט עס דער משרת.

אויף מאָרגען גערט אַריין די מאַמע צו מיר פרעגען, וואָס איך מאַך, און אַז איך האָב זי שטאַרק געבעטען, זי זאָל האַלטען וואָרט און דערצעהלען, האָט זי, ווישענדיג מיט'ן פאַרטוך די אויגען, מיט אַ ביטער זיפץ געזאָגט:

— דערצעהלען אַקוראַט ווי עס איז, איז אונמעגליך. זעהר משונה זענען געווען דיינע געננג און דיין רעדען. יענעם טאָג, נישט היינט געדאַכט, האָסטו גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, איבער חיות, איבער בהמות, און איבער מענשען, להבדיל, און ס'האָט דיך געריסען פאַר גרויס רחמנות אויף עפּיס אַ בידנע-אַ ווייסטע קליאַטשע, נעבעך, וואָס איז קראַנק, צובראָכען און זעהר אומגליקליך. הלואי דיינע ווערטער זאָלען זיך צוגעהן, ווי אַ רויך, איבער פוסטע וועלדער, וויסטע פעלדער! און אין שטאָדט איז דערווייל וועגען דיר אַרוים אַ קלאַנג, אַז דו ביסט... הלואי, רבונו של עולם, משוגע זאָלען זיי ווערען, די שונאים, וואָס ווינשען בייז מיר און כל ישראל! עפּיס ווי אַ קדחת האָט עס מיט דיר געוואָרפען עטליכע טעג און ביזט געלעגען שטאַרק פערדולט. געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, וואָס היינט האָסטו זיך אויפגעחאַפּט פרישער. אוי, געזונד זאָלסטו מיר זיין!

— ציפּע! — זאָגט דער בעל-שם, וואָס ער מיט דער גוי'ע זענען אַריין צו מיר אין צימער אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט צו בעאומרוהיגען פּלוצלינג דעם קראַנקען, שטעהענדיג אַ ווײַלע שטיל הינטער דער מאַמען בשעת זי רעדט, — נישט ער האָט עס גערעדט, דאָס זענען זייערע ווערטער, דער רוח האָט דאָס אוים איהם גערעדט.

— פראוודא! — האט זיך אריינגעמישט די אלטע גוי'ע, וואס האט פערשטאנען א ביסעל יודיש — עטא איחניע דילא. טראסצא איח מאטערי!

אלע שפייען אוים דריי מאל.

אין מיטען דרינען קומט אריין ברײנדיל די זאגערין, וואס די מאמע האט זי געשיקט אויף דעם הייליגען ארט רייסען קברים און מעסטען פעלד. אריינקומענדיג קושט זי דריי מאל די מזוזה, און לויפט גיך צו דער מאמען פערוויינט, פערחליפעט מיט טרעהרען, זאגענדיג איהר מיט א ניגון פון די קינות:

— איך האב געבעטען די באבע יענטען, די מוהמע זעלדען, זאלען א ליכטיגען גן עדן האבען, זיי זענען געווען כשר'ע יודענעס. דעם טאטען, דעם זיידען רב שעפסלען און די גאנצע משפחה. איך האב אויך געבעטען די אלטע רבי'צען, די צדקנית, איהר זכות זאל אונז ביישטעהן, זיי זאלען זיך מיהען. דער וואס לעבט אייביג וועט דערהערען זייער תפלה, ער איז דאך א טאטע, רחום, צדיק. ישראליק וועט, אם ירצה השם, זיין געזונד... מען האט איהם בעדארפט פריווען אויסקויקלען נאך א מאל מיט אייער און אויסגיסען פון וואקס. דאס איז איהם געקומען פון א דערשרעקעניש. פאר א יאהרען האט עס זיך גע-מאכט אזוי דאס אייגענע טאקי מיט דעם בראדער מלמד'ס זוהן. קרוינע האט איהם באלד גוט אויסגעקויקעלט מיט אייער און ווי מיט דער האנד צוגענומען. וואס מאכט ער איצט, ציפע?

— נישקשה! — זאגט דער בעל-שם, — אהן סכנות. ס'איז איהם געקומען פון א דערשרעקעניש איז דאס איהם געקומען, זאגסטו ברײנדיל. א טעות! אין די זאכען בין איך א מבין. דאס איז געווען זייער ארבייט, ברײנדיל, זייער מלאכה, איהר מעגט פרעגען די ערל'טע, זי איז מבין כל-דבור. מיר האבען שוין עפים אויך איבערגעהאט עסקים אין אונזער לעבען.

— פראוודא, ברײנדליא — האט די אלטע גוי'ע געזאגט און צוגעשאקעלט מיט דעם קאפ. שטשא פראוודא, טא פראוודא. עטא איחניע דילא. טראסצי איח מאטערי!

— איך וויים אסור נישט — וואונדערט זיך די מאמע און רעדט אין דער וועלט אריין — פון וואנען קומט צו איהם א זעלכע ווילדע

געדאַנקען? נישט אַנדערש טאַקי, קלער איך, אַז דאָס איז פון זיינע ביכלעך, וואָס ער האָט אַריינגעלעגט אין זיי דעם גאַנצען קאָפּ זיינעם. נישט איינמאל האָב איך איהם געזאָגט: ישראַליק, צו אַלע רוחות יענע ביכלעך, אַ שענע ריינע כפרה דער גאַנצער עקזאַמענט און פערשלאָג דיר נישט דעם קאָפּ מיט אַזעלכע נאַרישע ביכלעך, מיט אַזעלכע משוגע'נע מעשיות! אַ קאַטאָוועס, אַ לאַנגע צייט כסדר הויך אויף אַ קול אַריינ'חזר'ן אַ מעשה עפּיס מיט אַ גבור, וואָס ער האָט אויסגעראַמט זעקס און דרייסיג שטאַלען פון פערד, אַ מעשה פון אַ סאַלאַוויי אַ ראַזבויניק, אויך מיט אַ בעריהמטען ריצער, וואָס פלעגט אויסטרינקען אַ ירדן מיט בראַנפען און אויסרייסען גרויסע דעמבענע בוימער אַזוי גרינג ווי אַ האָר; מעשיות פון אַ מכשף קאשציי, און עפּיס פון אַ באָבע יאַהאַ, וואָס האָבען געקעהרט די וועלט און וואָס זייערע פערד האָבען גערעדט ווי מענשען; מעשיות פון אַ שטיפמאַמע, וואָס האָט איהר שטיפזוהן פאַרשטעלט אין אַ צאַפּ. און אַזעלכע מעשיות פון דראַקעס, געשלעג, מלחמות, מכות, צרות ופורעניות, און איך ווייס נאָך וואָס. וואָס דען? גוטס קען פון דעם אַרויסקומען?

— ס'טייטש, מאַמע־לעב! — האָב איך געזאָגט, אין אונזערע ספרים שטעהען דען נישט געשריבען אַ זעלכע מעשיות? וועניג האָסטו מיר אַליין דערצעהלט, און וועניג האָב איך מיר פון אַנדערע אָנגעהערט דערצעהלענדיג אויך אַזעלכע מעשיות און נאָך מעשיות פון וואָוקאַלאַקעס און פון גלגולים? און מתים וואָס געהען אַרום אויפ'ן עולם התהו, און מעשיות מיט רוחות, קליפות, מיט קליינע קינדער, מיט חתנים, כלות, וואָס זענען אַריינגעפאַלען צו די כת־לצנים. וויפיעל געבראָטענע היהנער האָבען יודען ביי אונז שוין געהערט קרעהען, פאַר זיך אויף דעם פּאַלומעשאָק? — וויפיעל קעלבלעך, וויפיעל קיה, וויפיעל אָקסען, ביקעס, פערד און אייזלען האָבען פון דער העלער הויט זיך צעוויינט און געבעטען תיקון: וויפיעל אַזעלכע האָבען שוין די בעלי שמות מתקן געווען און זיי געבראַכט צו קבר ישראל? — „מי מנה עפר יעקב"!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער? — האָט די מאַמע מיט שרעק זיך אָנגערופען און געמיינט, איך רעד וויעדער פון דעם וועג. הא, וואָס הייסט דאָס אַזוינס „מנה"?

— הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר זאָלסטו מיר לעבען, ציפּעלע, — חאַפּט זיך אונטער ברײנדיל מיט אַ זיס שמייכעלע פאַר תענוג, וואָס זי

קען אצינד ארויסווייזען, אז זי איז א וואויל-קענעוודיגע. — נישקשה, נשמה מיינע, דאס טייטש: „מגה", ווער קען איבערצעהלען, „עפר" די ערד, דאס מיינט מען די קברים, „יעקב" וואס מען האט אנגעמאכט ביי יעקב, דאס מיינט מען די יודען, וואס הייסען יעקב. דאס איז דאך א פסוק אין „צאינה וראינה" און דער רבנו בחיי זאגט...

וואס ער זאגט מכח גלגולים, — האט דער בעל-שם זיך אריינגעמישט אין שמועס,—שווער איך ביי בארד און פאות, אז מיר אליין האט זיך שוין געטראפען אין מיין לעבן א סך גלגולים ארויסצוטרייבן, איך האב זיי אליין געהערט שרייענדיג, איך זאל אזוי הערען שופר של משיח!

— ס'טייטש גלגול! ס'טייטש גלגול! — האט בריינדיל געזאגט מיט א פערפרומט פנים'ל. — ס'טייטש, דאס שטעהט דאך אין דער תורה. דאס איז זעהר געוועהנטליך, וואס דארפט איהר מעהר, אט האט איהר אייך קאבצאנסקער גלגול! די גאנצע וועלט האט אין זיין צייט מיט דעם גלגול געקלונגען. שא, ברוך מזכיר נשכחות! ביי אונז האט דען זיך נישט געטראפען א מעשה מיט א שווארצען קאטער? דאס איז געווען א דריי יאהר נאך מיין חתונה מיט דעם צווייטען מאן, עליו השלום, פונקט אין דער צייט, ווען איך בין פערגאנגען אין טראגען מיט מיין חאצקעלען, זאל געזונד זיין. איך געדענק דאס ווי היינט. אז מען האט דענסטמאל געלאזט אויסרופען אין אלע שוהלען, דער עולם זאל געהן זעהן, ווי מען טרייבט דעם גלגול, און מעוברת'ע טהארען נישט געהן קוקען...

—דו הערסט, מאמע-לעב?—האב איך צו איהר זיך אנגערופען,— דו הערסט, וואס דער בעל-שם און בריינדיל זאגען?

— עט, כ'לעבען, ישראליק! — ענטפערט זי עפיס אהן לשון, — אונזערע, להבדיל, זענען עפיס אנדערס. עט, וואוהין דו פערקריכסט! עט, עט, ווי קען מען אזעלכעס פערגלייכען? יענץ איז אין דער טומאה און דאס איז אין דער קדושה, להבדיל.

—אמת, ציפע, ווי איך טראג בארד און פאות—האט דער בעל-שם צוגעבאסעוועט דער מאמען. — א גוטער תירוץ, כ'לעבען, ציפע! אזוי איז טאקי דער אמת, בנאמנות!

—נו, א שטשי ווי קאזשעטע?—האב איך א זאג געטאי צו דער

אַלטער גוי'ע, אַרויסזיצהענדיג, אַז עס איז אומזיסטע רעד, מען וועט מיך נישט הערען.

— ווין מאַיע פּראַווא, — האָט זי געענטפערט און געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ. עטאָ איחניע דילע, טראַסצי איח מאַטערי!

* * *

ס מאַכט זיך אַ מאָל, אַ מענשען חלומ'ט זיך עפּיס, און אַז ער שטעהט אויף, איז פון דעם חלום קיין זכר נישט געבליבען. שפּעטער אָבער, אַז ס'גיט איהם אַ קלאַפּ אין מח עפּיס ווי אַ אָבקלאַנג פון דעם חלום, לאָזט עס איהם נישט רוהען, ביז וואַנען ער דערמאָנט זיך נישט אָן איהם אינגאַנצען. און דאָס אייגענע האָט זיך געטראָפען מיט מיר אויך:

די עטליכע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט מיר דערצעהלט אויפ'ן גאַנק, האָבען מיר געפּיקט אין קאָפּ, איך זאָל מיך דערגעהן די איבע־ריגע זאַכען, וואָס האָבען עפּיס געשוועבט פאַר מיר מטושטש, נישט לאָזענדיג אַנצוחאַפּען זיך אין מח. אין אַ צייט אַרום איז מיר אַלצדינג קלאָר געוואָרען.

אין דער מאַמעס קלייט האָט געדינט אַ משרת נאָך פון בחור־ווייז אָן, אַצינד שוין אַ בעטאָגטער איד מיט אַ באָרד, אַ איד מיט אַלע געננ, און אַ משרת מיט אַלע פּאַסטעמקעס. געהייסען האָט ער סנדר'ל שלנו, אונזער סענדעריל. דעם סנדר'ן האָט דאָס שטאַרק געאַרט, וואָס איך בין אַראָב פון וועג, אָבגעבענדיג זיך מיט נאַרישע זאַכען. און מיין גאַנצע אויפפיהרונג איז נישט לכבוד פאַר אַזאַ געהויבענע משפחה, לוויטער יחוס, ווי מיינע, און וואָס נאָך? ער האָט אין דערינען געזעהן אויך אַ פּחיתת הכבוד טאַקי פאַר זיך אַליין, ווי דער שטייגער איז פון משרתים, וואָס נעהמען זיך איבער מיט דעם כבוד פון זייערע בעלי בתים, און ביי איטליכער געלעגענהייט האָט ער זיך געזוכט מיך אַ שטאָך צו טאָן, נאָר דאָך מיט אַ מאָס דאָססמאָל האָט איהם די מעשה מיט מיר אַ שרעק ווי אויפגעבראַכט אויף מיך.

—ס'טייטש, — האָט ער געזאָגט: — ער זאָל אונז אַזוי פערשוואַר־צען דעם פּנים!

איינמאָל אַז מיר האָבען זיך צווערטעלט און ער האָט געחאַלט

בעווייזען מיר, ווי ווייט די אפיקורסות האָט מיך פערפיהרט, איז ער שוין אַרויס מיט דער גאַנצער שפּראַכע, געשט־אָפּט, דערצעהלענדיג מיר די מעשים מיינע מיט אַזעלכע ווערטער:

—אַרויסגעהענדיג איינמאָל אויף דעם הויף, איז דיר אָקעגען געקומען אונזער היוכער גאַלגאַנסקער האָהן. — וואַשע בלאַגאָראָדיע!—זאָגסט דו צו איהם און נעהמסט אַראָב דאָס היטעל,—איהר זייט אַ גוואַרדייעץ, טראָגט שפּאָרען און שענע פעדערען, די וועלט האַלט אייך פאַר אַ גע־בילדעטען, פאַר זעהר אַ פארשטענדיגען ; נאָר זייט מיר מוחל, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אייער אויפפיהרונג איז, כ׳לעבען, עפּיס נישט אַזוי־שען. זינט איהר וואוינט ביי אונז, הערט מען נישט מעהר, ווי איהר שרייעט, פּילדערט און שלאָגט זיך, דאָס — מיט דעם, דאָס — מיט יענעם, אַלץ פאַר ווייבער, פאַר נאַרישע זאַכען. קאָרג ליבעס פיהרט איהר אַלע טאָג, ווילט איהר נאָך ביי דעם אַנדערען זיין איינציגע אויך צונעהמען. וואָס, אַ שטייגער, האָט איהר געהאַט ערשט צו יענעם שלימזלניק ? פאַר וואָס זייט איהר געגאַנגען מיט איהם אויף אַ דועל און האָט איהם פערוואונדעט ? אָט אויף־דערויף האָט איהר שפּאָרען, איינער דעם אַנדערען איין אויג זיך אַרויסצונעהמען ? און דאָס הייסט נאָך ביי אייך כבוד, האָנער! ביי דעם געמיינעם עולם הייסט עס פשוט רציחה, אַ רחמנות, כ׳לעבען, אויף אייער ווייב. זי, נעבעך, פּלאָגט זיך, פיהרט זיך דאָרט אַרום מיט אייערע קינדער. איהר ווילט צו זיי אפילו קיין שמעק נישט טאָן, לויפט גאַנצע טעג נאָך אַנדערע און האָט אין זינען נאַרישקייטען. הער גאַנז, הער איינדיק געפעלען מיר, כ׳לעבען, בעסער. די וועלט האַלט זיי פאַר נאַראָנים, פאַר פּראָסטאַקעס, זיי פיהרען זיך אָבער אויף גאַנץ אָרענטליך, זענען געטרייע טאַטעס און מפרנס ווייב און קינדער, ווי גאָט האָט געבאָטען. אין פערגלייך מיט זיי, טויגט איהר, כ׳לעבען, וואַשע בלאַגאָראָדיע, טאַקי אויף כפרות.

— אַוועקגעהענדיג פון דעם האָהן, דערזעהסט־דו אונזער קוה מיט דעם קעלביל נעבען צעבער פּאַלאָווע. דו האָסט מיט זיי זיך געוויטעט זעהר שען. אַ, מאַדאַם קוה! — זאָגסט דו, — ווי געהט עס? וואָס מאַכט אייער ווערטהער געמאַהל, הער ביק? אייער אַנצוג, מאַדאַם, געפעלט מיר זעהר, ער איז אי שטאַרק, אי שען. דער עק, וואָס שלעפּט זיך אייך הינטען נאָך, איז היינט די נייעסטע, די לעצטע מאָדע, ער פּאַסט זעהר די דאַמען . . . גאַנץ שען, כ׳לעבען, אייער מאַן האָט פון אייך

בעקומען הערנער! אָ, זעהר אַ שענע מתנה, כ׳לעבען. עס מוז איהם שטאַרק הנאה טאָן... למאי איז ער תמיד אַזוי בעשעפטיגט? מען מוז מיט אַ ווייב אַמאָל אַרויסגעהן שפּאַצירען און אינאײנעם מאַכען וויזיטען. וואָס דען זאָל אַ דאַמע טאָן?... איהר האַלט, אַ פּנים, מיט יענע, מאַדאַם קוה, אַז נקבות זענען נישט בעשאַפען געוואָרען צו ערנסטע אַרבייט, ווי די מענער. וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס, אַ שטייגער, אַז אַ שיקסע טרייבט אָן? יאָ, האָט איהר שוין בעקאַנטשאַפט געמאַכט מיט אונזער האַלענדערקע? אַך, זעהר אַ שענע, אַ דיקע דאַמע! אויסלאַנד אין טאַקי גאָר עפּיס אַנדערס! הער ביק איז, דאַכט זיך, מיט איהר אַ גאַהענטער שמעלקע! — געניסען זי אַביסעל קאָנפעטור, — האָסט-דו איהר געוויזען אויף דעם צעבער, — געניסען זי, מאַדאַם, און גיט אויך אייער פריילין! שעהמט זיך נישט, פריילין קעלבעל. זעהר גלייך, מאַדאַם קוה, וואָס איהר האַלט אייער פריילין תמיד נעבען אייך. וואָס קומט אַרויס פון די דאָזיגע, וואָס מען גיט אָב ערגיץ אויף דער האָדיוולע? אַ גענאַרטע זאַך, כ׳לעבען! רעדט מען שוין בעסער אייער פריילין שידוכים! שעהמט זיך נישט, פריילין, נישקשה, דאָס איז אַ בעקאַנטע זאַך. קעלבעלע איז אַ ג׳טע, אַ כשר׳ה ווי די מאַמע. איך זאָג אייך, חלילה, נישט קיין קאָמפּלימענט, טאַקי נאָר דעם ריינעם אמת...

גראָד דענסטמאָל, בעדאַרף זיך מאַכען, קומט צו אונז מיט אַ וויזיט הער צעמפּעל מיט דער פרוי און מיט די טעכטער. האָפּסט דו, נישט היינט געדאַכט, דעם צעבער, טראָגסט איהם געשווינד אין זאַל אַריין, שטעלסט איהם אַנידער פאַר די געסט און מאַכסט צו זיי אויף קיהיש צו עסען פּאַלאָווע. שוין צייט, כ׳לעבען, זאָגסט דו, די קיה אויסצומעלקען און זיי צו פערטרייבען. ביז וואַנען איז דער שיעור אַזוי זיך אַרומצושלעפּען? ביי אונז אין דעם בעל-הבתישקייט געהט עס עפּיס צו גאָר אָהן אַ טאָלק!... דו קענסט דאָך דיר משער זיין, ווי אַלע זענען געבליבען געפּלעפט און ווי איטליכען איז געוועזען אויף דעם האַרצען. מען האָט דיך געשווינד אַרויסגעפּטר׳ט. פּלוצלים הערט מען אַ געשריי, מען לויפט אַרויס און מען זעהט — פינסטער איז געוואָרען איטליכען אין די אויגען! אין שטוב שטעהט רב איציק וואָלף, אונזער פיינע-בריה, אַ קאַטאָוועס אַ גבאי, וואָס אַלצדינג אין דער שטאָדט איז אין זיינע הענט און מען גלויבט איהם אויף נאמנות! דו שטעהסט אַקעגען איהם און שרייסט, נישט היינט געדאַכט, מיט אַזעלכע

װערטער: משטײנס-געזאָגט, װי אונזער קהל פֿיהרט אײנגאַנצען! אַבי מען בעקומט שױן דעם באָק, דעם קהל׳שען צאַפּ, לאָזט מען איהם אָב און קײנער קוקט זיך אױף איהם מעהר נישט אַרום. װאָס טהוט אָבער אַזאַ צאַפּ? ער געהט מײסטענס אין קלױז, דאָרט איז זײן מקום מנוחה, ער לעקט, זײט מיר מוחל, די װענט, באַברעט זיך אין שמות, שפּרינגט אױך אין גערטנער מיט דער גאַנצער חברה ציגען, חאַפּט זיך שטילערהײד אַרײן צו איטליכען אין שטוב; קוים קעהרט מען אַװעק די אױגען, שטעקט ער אַרײן די מאָרדע אין אַ מולטער, אין אַ קעסטעל, אָדער אין אַ פּושקע און מאַכט אַשאָדען. נעהם-זשע, קהל, אָן דײן צאַפּ פֿאַר דעם בערדיל און מאַך אַזױ, אַז ער זאָל מעהר נישט שפּרינגען אין די גערטנער, מעהר נישט חאַפּען פֿון מולטער, נײן! דאָס טוהט נישט קײנער, איטליכער האָט מורא צו איהם אפילו זיך צוצוריהרען. מאַכט זיך אַ מאָל שטעהן אײן עדה יודען און שמועסען פֿון תוך-זאַכען, דער-זעהען זײ פֿון דער װײטענס אָט דעם קהל׳שען צאַפּ, הױבט די הױט אױף זײ אָן צו ציטערן און צולױפֿען זיך אין אַלע זײטען.

— חרפּות, בזיונות האָסט דו אונז אָנגעטאָן מיט דײנע מעשים, אַ װעלכע שענע לײט, כשר׳ע מענשען האָסט דו געמאַכט פֿאַר בהמות! אַי-אַי-אַי! — לאָזט אױס סענדערל, אָנחאַפּענדיג זיך פֿאַר׳ן קאָפּ. — עס זאָל זיך עפּענען אַ גרוב, װאָלטען מיר לעבעדיגערהײד אין איהר אַרײן

## דאס זיעבעטע קאפיטעל

# ישראליק וויל נאך אלץ ווערען א מענש.

פאר דריי עבירות בין איך געוועזען שטארק פעררופען אין שטעדטיל: דערפאר וואס איך בין א בחור העכער פון צוואנציג יאהר און נאך נישט קיין בעווייבטער; דערפאר וואס איך האב פערבויגען דאס לערנען, אוועקווארפענדיג אינגאנצען די גמרא, און דערפאר וואס איך בין ארייגעטאן מיט'ן גאנצען קאפ אין די ביכלעך. די אידען אין מיין שטעדטיל האבען מיך געהאלטען פאר א אפיקורס, געקוקט אויף מיך קרום, מיך אויסגעווייכט. נישט געוואלט שטעהן אין מיינע ד' אמות.

גענוג ווען איז דאך דעם עלענדען אין דער פרעמד, נעבעך, נאר וועה און ווינד איז נאך פיעל מאל מעהר יענעם, וואס איז עלענד ביי זיך אין דער היים. דארטען, אין דער פרעמד, קען דער עלענדער קיינעם נישט, און קיינער קען איהם נישט. אודאי איז דאס א הארצוועה־טאג, אבער קיין בזיון שטעקט דאך נישט דערינען. ביי זיך אין דער היים, צווישען אייגענע, צו זיין פרעמד—אט דאס איז אזא לאגע, וואס דערינען ליעגט אי הארצוועהטאג, מיט בזיון אינאיינעם. דאס ביטערע געמיטה פון אזעלכען, נעבעך, קען פיהלען יענער נאר, וואס צווישען די פערבעטענע אויף אן אסיפה, אדער אויף א קערמעשיל, א שטיינער, לאזט מען איהם זיצען אליין, קיינער קוקט זיך אויף איהם, בכיון צו נישט בכיון, נישט ארום. עפיס טאקי נאר ווי א רואה ואינו נראה איז ער, ער איטליכען זעהט, און איהם,—קיינער נישט. זאגט ער עפיס א ווארט. הערט מען נישט, וואס ער זאגט, און זיינע ווערטער קומען צוריק איהם טאקי אין די אויערען אריין. ענטפערט איהם יא א מאל איינער מיט

א האלבען מויל, אזוי אונטערן נאז, זעהט דאס אויס, ווי ער שענקט איהם א ווארט, טראכטענדיג דערביי ביי זיך: גא און געה דיר צו אלדי רוחות!

ווען איך זאל ווי פריהער געווען זיצען טאג ווי נאכט פערשפארט ביי מיר אין צימער איבער מיינע ביכער, וואלט איך אפשר די לאנגע מיינע, צו זיין פונ'ם עולם פערהאסט, נישט אזוי שטארק געפיהלט. אצונד אבער, אז צוליעב דער שלאפקייט מיינער, נישט-דא-געדאכט, בין איך געצוואונגען געווען וועניגער צו לערנען און א מאל טאקי אויף א צייט איינגאנצען אוועקלעגען דאס לערנען, אט דענסטמאל פלעג איך עס גוט פיהלען, ווי פינסטער און ביטער מיר איז, פון איינענע און פון פרעמדע אבגעריסען צו זיין, נישט אהין, נישט אהער.

די מאמע מיינע האט זיך שטארק געערגערט, װאס מיט מיין אויפ-פיהרונג און מיט'ן גאנצען בענעהמען זיך כיינעם בין איך אוועק אין א זייט פון אלע אידען אין שטעדטיל. דאך האט זי זיך געהיט נישט צו זאגען מיר א קרום ווארט, כדי דערמיט נישט צו קרענקען דעם בן-יחיד איהרען, און דערפאר איז די ליעבשאפט מיינע צו איהר פארגרע-סערט געווארען נאך מעהר, און ווען מיר איז נישט גוט געווען אויפ'ן הארצען, פלעגט עס מיך ציהען, ציהען, אויסגיסען פאר איהר מיין ביטער געמיטה.

— אוי, מאמע, נישט גוט! — קלאג איך מיך פאר איהר א מאל, אין א שווערער מינוט — נישט גוט א מענשען צו זיין אליין!

די מאמע מיינע טוהט זיך א חאפ, דערהערענדיג עס, מאכענדיג צו מיר מיט א שיינענדיג פנים פאר פרייד:

— האסט מיך מחיה געווען, זוהנעניו! ערשט טאקי האט מען דערפון גערעדט. מען זאל געווען דערמאנען משיח'ן, וואלט ער געקומען איך זעה דערינען בעשיינפערליך דעם בעסטען סימן. אז דאס, וואס איך האב דיר אצינד צו זאגען, איז פון דעם אויבערשטען טאקי. איך בין זיכער, אז היינט וועסטו מיך שוין גערן אויסהערען; דאס מזל דיינס זאל דיר פון היינט אן—אוי הלואי רבונו של עולם—אנהויבען צו שיינען אזוי ווי דער ליכטיגער מארגענשטערען. הארך-זשע, מיין זוהן! היינט האט מען מיר פארגעלעגט א שידוך פאר דיר, אבער גאר א טייערען. א כלה—א גאלד! א שענע, א רייכע, אויך...

— גענוג! גענוג! — בעט איך דער מאַמען, זי אָבער הערט נישט און שיט מיט שבחים טאַקי אַלץ ווייטער.

— אויך געלט אַ כך, מתנות, צירונג, גאָלד און זילבער, בריליאַנטען, אַ שענע גאַרדעראָבע, קעכט, אַלצדינג כדרך הנגידים!...

— אַלצדינג כדרך היהודים, ווי בײַ אידען טאַקי! — שריי איך אויס אַרייַנפאַלענדיג איהר אין די רעד — אַלטע מעשיות! אָנהויבען הויבט זיך עס אָן כדרך הנגידים און דער אויסלאָז איז ווי געוועהנטליך, כדרך הקבצנים: קינדער אַ זעציל, דלות, אַ ביטער לעבען, מלמדות, בטלנות, מעקלערײַ, אַ געבויגען רוקען, אַ בוקען זיך, אַ קניען, אַ זאָגען מודים, אַ פאַלען תחנון, אַ לויבעניש, עלינו לשבח, טפוי! לשבח, לשבח, לשבח און לשבח...

— גענוג, לאָז שוין זיין גענוג! — מאַכט די מאַמע, אָבשפרינגענדיג צוריק אַ דערשראָקענע — עפּיס אַ מבול פון ווערטער, בעהיט זאָל מען ווערען. שאַ, שאַ, איך וועל שוין מעהר נישט רעדען. ווען דו זאָלסט נישט געווען אָנהויבען, וואָלט איך קיין וואָרט נישט געזאָגט, דו מיט דיין מויל אַליין האָסט אָקאָרשט געזאָגט, ווי אין פסוק שטעהט: נישט גוט צו זיין אַ מענשען אַליין. דאָס טייטש: נישט גוט אַ מענשען צו זיין אָהן אַ ווייב.

— ע־ע, מאַמע! דאָס האָב איך גאָר געזאָגט אַ געגען דעם, וואָס איך געפין מיך דאָ אייגער אַליין דערווייטערט פון אַלע מענשען.

— דו, ישראָליק, דו אַליין האָסט זיך דערווייטערט פון לייטען, דו געהסט דאָך אין זייער וועג נישט. אויב דו ווילסט, קענסט־דו דאָך די זאַך פערריכטען.

— אפשר אַ בעל תשובה ווערען ראַטסט־דו מיר, מאַמע. צוריק אַ בטלן זיין מיט די אַלע פאָסטעמקעס פון די בטלנים אונזעריגע? טאָן אַזוינס, וואָס אַ געגען דעם פערשטאַנד און דעם ווילען מיינעם און זיין כל ימי אַ שוטה, כדי שוטים זאָלען פון מיר צופרידען זיין — ניין, מאַמע! דערמיט וועל איך מיר נאָר ערגער מאַכען: אַ מענש, וואָס טהוט קאַפּויר זיין פערשטאַנד, קאַפּויר זיין ווילען — דער איז אַ גאָרנישט, ערגער פון אַ נבלה. דאָס איז נישט אויף אידען אַליין, נאָר בכלל אויף אַלע מענשען געזאָגט געוואָרען.

די מאַמע שווייגט, קוקט אויף מיך פערזאָרגט, שאָקלענדיג מיט'ן

קאפ, און זיפצט. מיר איז שטארק אנגעזאלצען אויפ׳ן הארצען און איך קלאג מיך פאר איהר פאר גרויס צער:

— וועה מיר, מאמע, וואס דו האסט מיך גאר געבוירען, אנ׳אומגליקליכער, א פערהאסטער זיין ביי א וועלט מענשען! ביטער איז מיר פון אייגענע, פון אידישע קינדער, און ביטער איז מיר פון „יענע", פון די נישט-אייגענע. די האסען מיך דערפאר, וואס איך בין נישט אזא יוד, ווי זיי ווילען, און ביי יענע בין איך ווי אלע יודען אויף צרות א יוד. — פאר דער דאזיגער זינד, וואס איך מיט מיינע עלטערן זענען מיט איהר אויף דער וועלט געקומען, וואס מיר האבען זי בירושה פון אברהם אבינו אן, ווערען מיר בעשטראפט מיט גרויסע צרות, מיט אונטערדריקונגען, גזרות רעות, יסורים, לייד, און כל המיני פורעניות. א געגען אזא אומגליק האלט איך עס פאר דער גרעסטער שולד, טאן אלע מיטעל, וואס נאר מעגליך. א מענש, וואס מען נעהמט איהם ארויס פון כלל מענשען; וואס מען דערנידעריגט דעם מענשליכען ווערטה, גאטס מתנה אין איהם; וואס מען פאקט איהם אריין אין א ענג ארט ווי א פויגעלע אין שטייג, נישט צוריהרען זיך פון דאנען אהין, און ביי איהם איז עס—עט, גארנישט,—אט אזעלכען וואלט פיעל גלייכער געווען, ער זאל גאר נישט געבוירען ווערען אויף דער וועלט. איך בין א מענש, מאמע! איך לעב און וויל לעבען, עס גלוסט זיך מיר ארויסגעהן פון דער ענגשאפט און לעבען מיט לייטען גלייך אין גאטס גרויסער וועלט. טאן וואס נאר מעגליך איז, אז דאס יודישקייט זאל מיר ניט שאדען, און די לאנגע מיינע צו פערבעסערן.

— אוי, וואס רעדסטו, מיין זוהן! — טהוט די מאמע א געשריי, בלייך ווערענדיג ווי די וואנד, נאך צום חלש׳ען.

— בערוהיג זיך, מאמע! — נעהם איך זי איין מיט גוטע רייד— ישראל דיין זוהן איז ישראל, און ישראליק וועט ער פערבלייבען אויף אייביג. פערבעסערן די לאגע מיינע מיין איך דורך בילדונג. דורך דעם וואס איך וועל ענדיגען דעם אוניווערזיטעט, וועל איך בעקומען בעזונדערע זכיות, צווישען זיי אויך דעם זכות, ארויס פון דער ענגשאפט, פון דעם התחום און פראנק און פריי זיך בעוועגען אויף דער גאנצער וועלט.

— נו, מילא, ווילסט, א פנים, זוהן מיינער, צו דיינע מעשיות, טאג חי נאכט שוויצען איבער דיינע ביכער! — זאגט די מאמע זארגענדיג

זיך פֿאַר'ן געזונד פֿון מײַן גוף און פֿאַר די רוהיגקייט פֿון מײַן נשמה— אוי, דיינע ביכער, דיינע ביכער! נאָר אויף לייד און אויף צרות זענען זיי אונז. ישראל! אַ פּראָסטע יודענע בין איך און איך פֿערשטעה כלל נישט, וואָס איז דיר אַזוינס די דאָזיגע וועלט, פֿון וועלכער דו רעדסט אַזוי אָפֿט, און צו וועלכער עס ציהט דיך אַזוי שטאַרק? זיץ לעם דער מאַמען דיינער, האָסט, דאַנקען גאָט, ביי מיר אַלע בעדערפֿעניסען דיינע. און פֿאַר וועמען האָרעווע איך און רייס קריעה מײַן גאַנץ לעבען? טאַקי נאָר פֿון דיינטוועגען דאָך, זוהנעלע.

— זיין אַלעדיגגע'הער און זיצען אויף דער מאַמעס קאַרק, אַך, ווי מאוס דאָס איז! אַ דערוואַקסענער בחור ווי איך זאָל זיך האַלטען אין דער מאַמעס פֿאַרטוך, עסען און גאָרנישט טאָן,—וואָלט גלייכער געווען איהם, איהר, פֿאַר לייטען, אַז ער זאָל גאָר נישט געדאַכט ווערען אויף דער וועלט. ניין, קיין בטלן וויל איך נישט זיין, גענוג בטלנים ביי אידען חוץ מיר.

—איך בעט דיך, לעג אַוועק דיינע ביכער, יענע ביכלעך דיינע... ישראל, און די דאָזיגע „פּראַווע" צו וואוינען וואו מען טהאָר נישט, פֿון וועלכער דו רעדסט, אָך, דערצו איז דאָ אַ מיטעל—געלד, אַ שיין פֿון אַ בעל מלאכה.

— וואָס הייסט געלד?!

— אָך, מען בעצאָהלט פֿאַר אַ „קופּעצעסטוואָ" פֿון וועלכער גילדע עס איז, און דאָס גיט דעם אידען דאָס רעכט צו זיצען דאָרט אין דער וועלט, צו וועלכער עס ציהט דיך אַזוי שטאַרק.

— אוי, וועה איז יענעם, וואָס איהם שטעהט-ביי דער זכות פֿון געלד און נישט זיין אייגענער זכות, אַ רעכט, וואָס קומט דורך געלד, איז אַ שאַנדע אי צוגלייך דעם, וואָס ער גיט עס, אי פֿאַר יענעם, וואָס בעקומט עס. פֿע, איך וויל עס נישט, און מסחר האָב איך בכלל פֿיינט. איך האָב עס פֿיינט צוליעב די סוחרים, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון זיי, פֿון די טאַנדעטניקעס ביז קרעמער און באַנקירען, זענען אַלע פֿון לבן אַרמי'ס תלמידים, און די סוחרים ווידער האָב איך פֿיינט צוליעב דער קנאָה, קאָנקורענץ, און די גרויסע פּלאָנטערניש און דעם גאַנצען שטייגער פֿון האַנדעל-וועלט, וואָס ווילענדיג—ניט ווילענדיג ווירקט דאָס שלעכט אויף זיי. גענוג טאַנדעטניקעס, גענוג קרעמער זענען דאָ ביי אידען חוץ מיר! און דאָס וואָס דו זאָגסט—אַ שיין פֿון אַ בעל

מלאכה, — ס'טייטש, מאַמע, ווי קומט צו מיר מלאכה? ניט איך קען זי, ניט איך ווייס זי.

— מלאכה איז ניט אַזוי נויטיג, — האָט מיר איינגערוימט די מאַמע, — דער עיקר איז דער שיין פון אַ בעל מלאכה, דו פערשטעהסט! ...

אַ קרים מיט׳ן נאָז האָט געדינט פאַר אַ ענטפער אויף דער מאַמעס ווערטער, וואָס האָבען מיר נישט געשמעקט. חאָטש אייגענטליך איז דאָ אַ היתר, אַז עס געהט אין לעבען אַריין, אויפצוטאָן אַנאויבער־הסברה, ווי צום ביישפיעל: אַנ׳עירוב, מען זאָל מעגען טראָגען, אַנ׳עיסקא, אויף צו נעהמען פראָצענט, וכדומה.

אַ היבשע ווײלע האָב איך געשוויגען, פאַרדרעהענדיג די נאָז, דערנאָך בין איך אַרויס מיט דער שפראַכע, קורץ און שאַרף: איך ווייס נישט מעהר ווי אַ דיפלאָם פון אוניווערזיטעט און דעם דיפלאָם מוז איך זעהן צו בעקומען מיט מיין גאַנצען כח. איך וועל נישט רוהען ביז איך וועל איהם האָבען. איינמאָל פאַר אַלע מאָל, איך וויל לערנען!

— לערנען די תורה דיינע, משטיינס־געזאָגט! אוי דיין תורה, אַט זי נעהמט דאָך ביי דיר צו דעם גאַנצען כח דיינעם. ישראל! ...

— דאָס לעדיג־געהן שוואַכט מעהר אָב דעם כח און מאַכט איהם אוים מענשען.

די מאַמע, וואָס זאָל זי טאָן, נעבעך, האָט מיר נאָכגעגעבען, נאָר מיט אַ תנאי, איך זאָל מיר בעשטימען אַ צייט אויף לערנען, אַ צייט אויף שפּאַצירען געהן, אויף שלאָפען, און נאָך אויף אַזעלכע זאַכען צום אָבהיטען דאָס געזונד. ביי אַ געזונדען קערפער איז דאָ אַ געזונטע נשמה.

בכן האָב איך אין אַ גוטער מזל׳דיגער שעה צוריק זיך גענומען צו די ביכער, לערנענדיג גאַנץ געשמאַק מיט אַ סדר אַקוראַט ווי פריהער, ביז וואַן עס איז געקומען די צייט פון די עקזאַמענס.

## אכטע קאַפּיטעל

# אַ מאַמעס האַרץ איז אַ נביא.

אין איין שענעם פֿריהמאָרגען, ווען־ס׳ע־צייט, איז פֿערפֿאָהרען צו אונזער הויז אַ פֿויר, וואָס אין איהר האָב איך בעדאַרפֿט פֿאָהרען קיין דניעפּראָוויץ, אָבצואַרבייטען דאָרט מיין עקזאַמען. די מאַמע איז געווען זעהר אומעטיג, די אויגען האָבען איהר נישט געטריקענט פֿון טרעהרען, אַלץ געוויינט און אויף מיך געקוקט, געקוקט און ווייטער געוויינט.

— וויין נישט, מאַמע! — האָב איך זי געבעטען און אַליין טאַקי זיך אויך צוּוויינט. עס איז מיר עפּיס שרעקליך שווער געווען אויף דעם האַרצען. — וויין, כּ׳לעבען, נישט, מאַמעניו! איך פֿאָהר דאָך נישט אַוועק, גאָט ווייסט וואוהין און אויף וואָס. איך מוז שוין דאָך איבערקומען דעם טאַנץ, האָב אַזוי פֿיעל געאַרבייט, אַזוי פֿיעל געהאָרעוועט. גאָט וועט העלפֿען, איך וועל דערגרייכען מיין וואונש, איך וועל קענען פֿערדינען מיין ברויט בכבוד און זיין לייטען גלייך, — דענסטמאָל, מאַמעניו, וועסט־דו פֿון מיר נחת האָבען, וויין, כּ׳לעבען, נישט, וויין נישט, מאַמעניו!

— אַך, ישראָליק! — האָט זי געענטפֿערט, — עס איז דיר גרינג אַזוי צו זאָגען. אַ מאַמעס האַרץ אַז עס וויינט, קען מען עס אַזוי גרינג נישט איינגעהמען ווי אַ קינד. עס וויינט נישט אומזיסט. עפּיס שפּירט עס, עפּיס שמעקט עס אַזעלכס אָן, וואָס קיינער קען עס מיט דעם שכל נישט פֿאַרשטעהן. איך בעט דיך, ישראָליק, טאָמער וואָלט פֿאָרט אַ סברא געווען, דו זאָלסט נישט פֿאָהרען! צו וואָס זאָלסט־דו זיך אין די יאָהרען אַזוי, געבעך, פּלאָגען? ווער ווייסט, אויב נאָך אַלע מיה וועט דיר שוין גוט זיין? אויב דיין פּלאָגען־זיך וועט דיר עפּיס העלפֿען? וויפֿיעל געבילדעטע מענשען געהען, ביי אונז יודען, אָהן שטיוועל,

געבעך! וויפיעל געלעהרענטע מענשען ווערען פערפאלען און קומען אפ זייער גאנץ לעבען! ישראליק, דער גאנצער ענין פון די שקאלעס זייערע און די תורה וואס מען לערענט — דאס איז דאך גאר א נייס, אונזערע עלטערן האבען דערפון אפילו נישט געוואוסט. הלואי זאל דאס נישט זיין אויף צרות אונז און כל ישראל, קינדער זאלען פון די עלטערן נישט אבגעריסען ווערען. איך בעט דיך, בלייב אין דער היים! שווער איז מיר, זעהר שווער צו שיידען זיך מיט דיר.

דער בעל-עגלה איז אריינגעקומען אין שטוב, פערנומען אלע מיינע זאכען און האט דערמיט איין עק געמאכט פון מיין שמועס מיט דער מאמען. מיר האבען ביידע וויינענדיג זיך געקושט און געזעגנט, איך האב מיך אריינגעשטופט אינוועניג אין דער בויד און אוועקגעפאהרען.

לאכט אייך, איהר הייניגע אויפגעקלערטע, לאכט אייך פון וואס איהר ווילט, נאר לאכט נישט, איך בעט אייך, דערפון, אז א מאמעס הארץ וויינט נישט אומזיסט! כל-זמן איהר שווייגט און קענט מיר נישט ענטפערן, וואס איז אזוינס לעבען? ווי אזוי עס ווערען ביי אונז אינוועניג אין די נעהירען צוגעבריט און געמאכט אלע אונזערע געדאנקען און געפיהלען? ווי אזוי עס שפינען זיך, עס וועבען זיך אין אונז אוים וואונדערליכע חלומות פון אזא שטאף, פון אזא פאדים, וואס לעת-עתה איז ער נאך אפילו אויף דער וועלט נישטא און וועט ערשט אויסוואקסען שפעטער? — כל-זמן איהר שווייגט און הייבט עס נישט אן צו פארשטעהן, וועל איך אייך, נישקשה, נישט לאזען לאכען דערפון, אז א מענשענס הארץ פיהלט און טרעפט! איהר טהארט נישט, איהר האט נישט דאס רעכט צו לאכען, אויב איך זאג, אז מיין מאמעס הארץ האט געוויינט נישט אומזיסט! — דער עקזאמען איז מיר נישט געראטען!

עס שאדט אבער נישט צו וויסען, ווי אזוי און וואס מיר האט נישט געראטען. דעם טאג, וואס איך האב מיך בעדארפט עקזאמענירען, בין איך דוקא געווען בעהארצט און האב נאך, פון קוראזש וועגען, אויף אויסגעטרונקען א גלעזיל בראנפען, הגם איך טרינק קיינמאל נישט! נישקשה, האב איך געטראכט, גאט וועט העלפען! וואס האב איך מיך אזוי צו שרעקען? איך האב דאך צוטאן מיט געלעהרענטע, איידעלע מענשען, מסתמא וועלען זיי זיך בעגעהן מיט מיר דעליקאט, פיין, אזוי ווי געלעהרענטע בעדארפען צו טאן, און דערמיט וועלען זיי מיר אונטערגעבען שטארקייט. נאר, אוי ווער! קומענדיג צום עקזאמען, האב איך

בֿאַלד אַראָבגעלאָזט די נאָז. די לעהרער זענען געזעסען אָנגעטאָן אין מונדירען מיט מעשענע קנעפּ און געקוקט אויף מיך אַזוי שטרענג, אַזוי בייז, גלייך ווי איך האָב גע'גנבֿה'ט, אָדער געקוילעט אַ מענשען; זיי האָבען געקוקט אַזוי ווי אין יענע צייטען אַ סטאַנאָוואָי, וואָס דאָס ערשטע ברוך־הבא איז ביי איהם געווען: „איסקודעוואַ? יאַ טעבי!... פּאַספּאָרט מאַיעש?"... צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלען לעהרער, וואָס זייער עסק איז צו מאַכען פֿון אונז, פֿון אונזערע קינדער מענשען מיט שכל און מיט געפֿיהל, וואָס זייער עסק פֿאָדערט, זיי זאָלען זיין גוט, פּראָסט און צו איטליכען צוגעלאָזט, כּדי עס זאָלען פֿאַר זיי זיך עפֿנען די הערצער, אין וועלכע זיי בעדאַרפֿען זייהען און פֿלאַנצען מדות טובות, — צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלען זיי טראָגען מעשענע קנעפּ און קוקען שטרענג ווי קוואַרטאַלנעס? וואָס איהר ווילט זאָגט איך, עפּיס קען מען זיך נישט פֿאָרשטעלען סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס וכדומה אין אַזעלכע קנעפּלעך מיט אַזעלכע זויערע מינעס און פֿינסטערע צורות... עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז פֿון זייער ברוך־הבא האָב איך בֿאַלד פֿערלאָרען דעם קוראַזש און האָב שוין נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוהט זיך. אויב דאָס טאַקי מיינט דער פּסוק, האָבען די לעהרער דערלאַנגט זייער וואונש, וואָס דערלאַנגען הייסט. מיין קאָפּ איז שוין געווען פֿערשלאָגען... בֿאַלד דערויף האָט זיך געווענדעט צו מיר עפּיס אַ לעהרער מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: אויך מיר אַ מענש! איך בין עס דער גרויסער קאָפּ, דער אָפּענער מח. איך פֿרעג! פֿאַרשטעהסט־דו? איך, איך פֿרעג. דרך־ארץ, אַזאַזס; מיט אַזאַ מינע האָט ער צו מיר זיך געווענדעט און מיך מכבד געווען מיט אַ פּסוק פֿון דאַנען, פֿון דאָרטען, ביז מען איז אַרויף אויף אַ מעשה, אַקוראַט אויף דער באַבע יאַהאַ! איך האָב מיך פֿאַרדרעהט, פֿערפּלאָנטעט, פֿערקראָכען קיין בויבעריק. די לעהרער האָבען מיר אָנגעטאָן כבוד, מיר געשענקט אַ געלעכטעריל, שוין מיט אַ פֿרעהליכער מינע און דערמיט איז געוואָרען איין עק פֿון מיין עקזאַמען, איין עק פֿון מיין גאַנצער מיה, איין עק, אַ סוף פֿון אַלע מיינע האָפֿנונגען!

פֿאַר צרות האָב איך נישט געקענט איינזיצען אויף דער סטאַנציע און האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער שטאָדט, אויסגעמאָסטען אַלע גאַסען און די הויכע שענע בערג. איך פֿלעג קומען אויף דער קוואַרטיר נאָר וואָס־ס'איז אָבצועסען און שלאָפֿען. עס רעדט זיך נאָר אַזוי שלאָפֿען! דער שלאָף האָט פֿון מיר זיך אינגאַנצען אָבגעטאָן און איך פֿלעג

צוברענגען שרעקליכע נעכט, ווארפענדיג זיך אויף מיין געלעגער פון איין זייט אויף דער אנדערער! קוים האב איך צוגעמאכט איין אויג, זענען פאר מיר, ווי פון דער ערד אויסגעוואקסען עפּיס ווילדע געשטאלטען, געקוקט אויף מיך ביז מיט זויערע מינעס — און עס האט זיך אנגעהויבען א שפּיל, די גוטע שפּיל. ס'איז געגאנגען א קאמעדיע, אין וועלכער איך פלעג זיין דאס כפּרה-היהנדעל, קוקען ווי א האהן אין „בני-אדם", וואס פאר מיר, נישט צו וויסען פון „בני-אדם" די טייטש, וואס „בני-אדם" הייסט אזוינס — און פּיהלען, עפּיס דרעה איך מיך, דרעה מיך אין דער לופטען, געבונדען אויף אלע פיער, ווי מען שלאגט מיט מיר כפּרות. איינמאל האב איך בשעת אזא שפּיל, א קרעה געטאן, עפּיס נישט מיט מיין קול און האב פון מיין קרעה זיך אליין טאקי דערשראקען, אזוי אז איך בין נישט טויט, נישט לעבעדיג אראבגעשפּרונגען האסטיג פון מיין געלעגער און ארויסגעלאפען צוקאכט אין דרויסען. עס האט מיר זיך געדאכט, מען לויפט מיר נאך אין איין קול: וואו איז ער ערגיץ?.. חאפּט איהם!... לויפענדיג אזוי הענדום-פענדום, אין איין אטהעם, שלאג איך מיך אן פּלוצלים אין עמיצען עפּיס און דערפיהל, ווי א קאלטע האנד האלט מיך אייזען פעסט. אקעגען מיר, גיב איך א בליק, שטעהט א אלטע באבע, אהן א לויט פלייש, נאר הויט און ביין. אויף דעם ארט פון די אויגען זענען צוויי טיפע לעכער, בעברעהמט מיט א שמוציג-געקנייטשטע הויט ווי יערכע, פון א מיתה-משונה-קאליר, דאס מויל אפען ביז צו די אויערען, אהן איין צאהן, לעדיג, וויסט, נאר וואס דאס צינגעל אינווענדיג ווארפט זיך, קרימט זיך צאפּלענדיג ווי א ווארעם אין זיין גריבעל. אויפ'ן ארם הענגט איהר א קויש מיט גרויסע לעבעדיגע ראקעס, וואס קריכען אומגעלומפּערט איינע די אנדערע אויף די קעפ, מאכענדיג מיט די הערנער, ווי די צוואנגען. זי קוקט מיך אן שווייגענדיג, דאס מויל ציהט זיך איהר אוים נאך ברייטער. דאכט זיך, עס לאכט משטיינס-געזאגט, א לאכען, פון וועלכען עס לעגט זיך אויף דער נשמה א פינסטערער שאטען מרה-שחורה און עס ווערט פערקיהלט אינווענינג אין בויך... עס קומט מיר אויפ'ן געדאנק די באבע יאהא, דאס אומגליק מיינס שוין עטליכע יאהר, וואס שטעהט מיר אין וועג און לאזט מיך נישט אויפקומען. א קאלטער שווייס טרעט מיר אויפ'ן לייב ארויס און עס ווערט מיר איבעל נאר צום חלשען. איך טהו מיר אן א כח גיב מיך א רים פונ'ם ארט און לאז מיך לויפען ווי א דולער.

די באבע יאהא האט אויף מיך אנגעמאכט אזא אימה,

האָב לויפיענדיג מיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען שטאַרק היטענדיג זיך, מיך זאָל זי נישט בעגעגענען. געהערט האָב איך פון גאַנץ לאַנג, אַז וואוינען וואוינט יאַהאַ אין דניעפּראָוויץ, און האַלט שטאַרק אין דער מורא איטליכען פון יענע מיט די לאַנגע נעזער. לאָז איינער אַזעלכער זיך איהר נאָר אַ וויז טאָן, האַפּט זי איהם ביי דער נאָז, טהוט אַ פייף — קומען די גוטע לייט די מזיקים, רוחות. זי שלעפּט איהם ביי דער נאָז און יענע שטופּען אונטער, ישובו בנים לגבולם, קומען די לאַנג-נאָזענדיגע אין זייער רוה אריין. פון יענער צייט אָן האָב איך אָנגעהויבען אַלץ טאַפּען מיך ביי דער נאָז, בעהאַלטענדיג זי ווי ווייט מעגליך פאַר גרויס סכנות

## דאס ניינטע קאפיטעל.

## ער האט זי ווידער דערטאפט.

שפאצירענדיג איינמאל אויף דער גאס, דערזעה איך פון דערווייטענס, ווי פאליציייליט שלעפען עפּיס א מין בהמה און שלאגען עס טויטשלעג. לויט מיין שולדיגקייט, ווי איינער פון דער חברה „צער בעלי-חיים" בעדארף טאן, האב איך מיך באלד געלאזט געהן צו די פאליציייליט, בעטען אויף איהר רחמים. אז איך בין צוגעקומען נעהענטער און א קוק געטאן, האט מיך בעשלאגען א קאלטער שווייס, — דאס איז זי מיט די ביינער — מיט דער קאלטענוואסער פאה, מיט דעם גערגעלע און מיט דעם קרומען צוקאראדאשעטען רוקען! דאס איז זי, זי — מיין אלטע, מיין דארע, מיין בידנע שקאפע!

— פאר וואס, — פרעג איך די פאליציייליט, — פאר וואס שלאגט איהר אזוי א לעבעדיגע בעשעפעניש, נעבעך?

— נישט דיין עסק, טראג זיך ווייטער, זלידניע!

— כ'בין א חברה-מאן פון דער חברה „צער בעלי-חיים, — איהר פערשטעהט?

— מיר פיהרען זי אין פאליציע, — ענטפערען מיר די פאליציייליט מיט א האלבען מויל.

— פאר וואס קומט נאך שלאגען?

— אהן א קלאפ האט דאס פירען עפּיס קיין פנים נישט, אזוי ווי א חתונה אן כלי-זמר, — ענטפערען זיי מיט שפאט!

— עס איז דאך אבער א צער בעלי-חיים, טוט איהר דען נישוועה. אז מען שלאגט זי? ס'טייטש. איהר שלאגט דאך א נפש א מענשליכען נפש! —

— וואַ־אַ־אַ־אַ־ס!?—רופֿען זיך אָן די פּאָליציייליט אויסשטעלענדיג אויף מיר אַ בייזען פּנים און בדקעווען מיך מיט די אויגען.

פֿון דעם דרייגאָרענדיגען „וואָס" און פֿון דעם בדקעווען מיך בין איך פֿערציטערט געוואָרען מיט די אברים, בעזונדערס מיט דער נאָז. און כּמעט נישט ווייסענדיג, איז מיין האַנד אַריין אין דער קעשענע, און פֿון דער קעשענע אין זייערע הענד און באַלד טאַקי זענען זיי געוואָרען ווייכער. און בענוצענדיג זיך מיט זייער גוטסקייט, האָב איך זיי אַ פֿרעג געטאָן שוין ווי אַ גוטער בעקאַנטער:

— אַט דאָס בעשעפּעניש,—מיט וואָס האָט זיך עס פֿערזינדיגט?

— די בהמה דאַרף זיך ניט אומשלעפּען אין שטאָדט. על פּי דין דאַרף זי ליעגען אין שטאַל ביי זיך.

— למאי אַנדערע שלעפּען זיך אַרום אין די גאַסען דאָ?

— אַט, וואָס האבען מיר דאָ צו רעדען? אַזוי הייסט מען און אַט אַזוי טוען מיר. איבעריגענס, אַז דו שטעלסט זיך דאָ אַזוי אַרויס, זאָג, אפשר איז דאָס דיין קליאַטשע?

איך האָב געוואָלט באַלד ענטפֿערן: יאָ, זי איז מיינע, די קליאַטשע איז מיינע! גראָד אָבער האָב איך אויף איהר אַ קוק געטאָן און עס האָט מיך מיאוס פֿערדראָסען, ווי אַזוי זי שטעהט זיך רוהיג, אָהן אַ פּיצעל געפֿיהל, גלייך ווי דער גאַנצער שמועס געהט זי נישט אָן: גלייך ווי נישט זי מיינט מען, די וואַנט מיינט מען; גלייך ווי זי טראַכט זיך: נו, מילא, אַז מען בעליידיגט מיך, אַז יענע מאַכען חוזק, וואָס־זשע אַרט עס מיך? אָדער גלייך ווי זי טראַכט גאָרנישט, טאַקי פּשוט גאָרנישט, עס ליגט איהר נישט מעהר אין זינען, ווי דערטאַפּט מען ערגיץ עפּיס, אָנצושטאָפּען די קישקע. פֿאַר פֿערדראָס האָב איך שוין געוואָלט זאָגען: ניין, זי איז נישט מיינע, מיר געהערען זיך כּלל נישט אָן! האָב געוואָלט אַ שפּיי טאָן און צוועקגעהן... נאָר באַלד האָט זי מיך אָנגעהאַפּט ביים האַרצען, אַזוי אַז מיט פֿייער האָב איך אַ זאָג געטאָן:

מסתמא איז זי מיינע...

וואָס טויג דאָ אַ סך צו בריען פֿון מיין גאַנצען שמועס דערנאָך מיט די פּאָליציייסקע? כּורץ, איך האָב מיך מיט זיי אויסגעדונגען, בעצאָהלט, אָבגעגעבען זייערט און אויסגעלייזט די קליאַטשע פֿון זייערע הענט, נאָר באופֿן, איך זאָל זי אַרויספֿיהרען פֿון דער שטאָדט. אויב אָבער זי וועט זיך פּאַפּאַען נאָך אַ מאָל פֿאַר זייערע אויגען, מעג איך מיך ריכטען, אַז דענסטמאָל וועט מיר שוין קאָסטען... טייערער

איך האב געהאלטען ווארט און, נישט לאנג געטראכט, לאז איך מיך מיט דער שקאפע אין וועג אריין.

שטעלט אייך פאר מיין לאגע אויף דעם וועג, ערטערווייז גריבערדיג מיט שטיינער און מיט דערנער, גערה איך, שלימזל, צופוס מיט א קליאטשע! איך פלאג מיך, ארבייט איבער די קרעפטען, גערה פאראויס און זי קוים וואס זי שלעפט זיך, קוים וואס זי הויבט א פוס. דאס איז נאך גוט, צוצייטען פערשטרויכעלט זי זיך, שטעלט זיך אנידער, האטש האק זי און בראך—נישט פון דעם ארט! זי נעהמט זיך גאר אראב פון דעם וועג און וויל פערקריכען ערגיץ אין א בלאטע. וואס טהוט מען מיט איהר? וואס פאר א עצה גיט מען זיך דא? איך נעהם זי אן ביי דער טשאפרינע און שלעפ זי מיט געוואלד. איך ווער אבער מיד זי שלעפענדיג און גערה אב מיט שוויס. עס רייכט מיר אויס דאס הארץ זי צו שלעפען, א רחמנות, עס מוז איהר וועה טאן! שלעכט, זעהר א שלעכטער עסק! איך שטעל מיך אנידער מיט פערלעגטע הענט, שטארק אנגע'ברוגז'ט אויף איהר און בטל חלומות:

— פע, כ'לעבען! — זאג איך אנגעדרודעלט, עפיס חי גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. — איך האב מיך נישט געריכט, כ'לעבען, זי זאל מיר אנטאן אזוי פיעל צרות, אזוי פיעל לייד פאר מיין פריינדשאפט, פאר מיין גוטסקייט! איך קריג מיך דא פאר איהר אזוי, האמפער מיך און נעהם מיך פאר איהר אן; איך פערוואַרף פאר איהר א גוט ווארט, בעט זי ווי-עס-איז אב, מען זאל זי אזוי מיאוס נישט בעהאנדלען; איך גערה צוליעב איהר צופוס ווי א בעטלער, כבוד שוין אין א זייט, לעז אנידער מיין געזונט און פייניג מיך דא אזוי,—וואס איז? בכדי זי זאל זיך צו-שלאגען צו עפיס בעסערס, אויסצורוהען, צו עטהמען פריי — און זי מאכט מיר א פערפוילטע לעבער, טהוט מיר אין דער גאל אריין, ווי דער ערגסטער שונא! אדרבה, איך פרעג, איז דאס רעכט, איז דאס שען? — פע, כ'לעבען! איך מאך ביי מיר גאנצע פלענער און טראכט זעהר פיעל וועגען איהר, אלץ וועגען איהר, וועגען איהר—און זי צושלאגט מיר אלע מיינע געדאנקען מיט איהר איצטיגער אויפפיהרונג. איך זאג איהר: גערה! — שטעלט זי זיך אב פון הינטען; איך שריי: גערה מיט דעם וועג! — קריכט זי אין בלאטע. איך אדרבה ואדרבה—און זי אלץ קידער-ווידער, אלץ קאפויר! אדרבה, איז דאס רעכט, איז דאס שען? טפו! נאר א געלעכטער, כ'לעבען ... איך וויים זעהר גוט, — זאג איך, נאכדעם ווי איך שוויג אביסעל, טייטענדיג מיט א פינגער גלייך איהר

אין כּפּים אַריין, — ווען איך זאָל מיך אַרויפֿחאַפּען אויף דיר רייטענדיג, אָנטאָן דיר אַ צוים און אַ שמיץ טאָן, וואָלסט-דו זיכער געגאַנגען, וואָ'הין איך וואָלט דיך געקערעוועט. פֿאַר דעם, וואָס רייט אויף דיר, שקאַפּעלע, האָסט-דו דרך-ארץ, דו ציטערסט פֿאַר זיין וואינק, פֿאַר זיין בליק און שעצסט-זיך איבערגליקליך, אַז דו שטעלסט איהם צופֿרידען, ער מעג אפֿילו שינדען, אַראָבציהען דיר די פֿעל; נאָר מיין האַרץ אָבער דערלאָזט מיך נישט צו רייטען אויף דיר. לאָז מיר דער צונג זיך צוקלעבען צום גומען, אויב איך וועל דיר זאָגען: טראָג! אויב איך וועל דיר דערלאַנגען אַ שמיץ, בּידנע שקאַפּע, לאָז מיר אָבדאַרען מייז רעכטע הענד! בּע-טראַכט זיך נאָר גוט.

אַזוי רעד איך צו דער קליאַטשע מיט פֿייער, אַזוי טענה איך און זאָג איהר אַ דרשה פֿון דעם גאַנצען האַרצען, איך וויין פּשוט ווי אַ קינד פֿאַר וועהטאָג, און זי שטעהט זיך, שטשיפּעט גאַנץ קאַלט-בּלוטיג גראָז בּיי דער זייט פֿון דעם וועג. וואָס טהוט מען? וואָס הויבט מען אָן? טענות העלפֿען נישט, דרשות טויגען נישט, עס איז נישט צו מאַכען גישט מיט בּייזען, נישט מיט גוטען. אַוועקוואַרפֿען זי, — לאָזט מיך דאָס האַרץ נישט, עפּיס האָב איך אויף איהר שרעקליך רחמנות און עס ציהט מיך צו איהר ווי אַ מאַגנעט. איך נעהם זי ווייטער בּיי דער טשאָפּרינע און שלעפּ זי, אויף גאָטס בּעראָטה, ווי ווייט איך קען. איך בּעט גאָט, לאָזען וועניגסטענס נישט דורכפֿאָהרען קיין פֿרעמדע מענשען און לאָזען זיי נישט לאַכען פֿון מיר און פֿון מיין קליאַטשע; לאָזען חאָטש פֿרעמדע נישט זעהן, וואָס צווישען אונז געהט פֿאָר, לאָז עס חאָטש בּלייבען בּסוד, חאַטע פּאָקרישקע! דאָס געבעט אָבער איז נישט מקוים געוואָרען. צום אומגליק האָבען זיך בּעדאַרפֿט אַ שאָט געבען פּאַרשוינען פֿון אַלע זייטען, אי פֿונ'ם אײדעלען, אי פֿונ'ם געמיינעם גראַד מענשען. איטליכער האָט דורכפֿאָהרענדיג אויף אונז געטייט מיט די פֿינגער, געזאָגט אַ ווערטיל און געלאַכט. דער האָט געזאָגט: וואו האָט איהר עס דערטאַפּט אזאַ לעבעדיגע קליאַטשע? אַזאַ כּשרה מציאה? — יענער: וואָס האַלט איהר זיך, יונגער מאַן, נעבען אַזאַ שלימזל? געהט אייך אייער וועג און לאָזט די נבלה אייערע צופֿרידען. וואָס דולט איהר אייך אומזיסט אַ קאָפּ, איהר וועט מיט אַזעלכע גאָרנישט מאַכען! זעהט איהר דען נישט, אַז זי שמעקט שוין מיט קבֿרות-בּלעטלעך, מיט צדוק-הדין? — נאָך אײנער: אָט זעצט זיך אויף איהר רייטענדיג און בּרעכט איהר די בּיינער-ישקשה, וועט זי הייבען פּיסלעך וועט פֿליהען. — און ווידער איין

אַנדערער זאָגט: נעהמט די שקאַפּע אויף די פּלייצעס, וועט איהר כּ׳לעבען, בּעסער מאַכען!... ווי אַזוי מיר איז געווען אויף דעם הארצען פון איטליכען אַזעלכע רייד צו־צוהערען, ווייסט נאָר איין גאָט וואויל.

דערוויל איז אונטערגעפאַלען די נאַכט. דער הימעל איז געווען איבּערגעצויגען מיט אַ שוואַרצער חמאַרע. ערטערווייז האָט געבּליצט און די קליאַטשע האָט אַלץ געמאַכט די פריהערדיגע אָנשטעלען. איך האָבּ זיך געאַיילט, געוואָלט אָנציהען ערגיץ אויף אַ נאַכטלעגער און דעריבּער האָבּ איך אויף מיר גענומען, צו שלעפען מיין שלימזול מיט אַלע כּוחות. נאָר הערט אָבּער אַ מעשה! אַז איך האָבּ זי אַ שטאַרקען ציה געטאָן, האָט זי זיך אויפגעשטעלט גאָר דיבּאָם, געענטפערט קוממיות און געבּריקעט. הע־הע! טראַכט איך: דו בּריקעסט־זיך, דו ווילסט מיך שלאָגען, טאָ האָבּ־זשע דיר אַ גוטע נאַכט! שלאָף־זשע דיר אַליין. איך וועל מיר אַוועקגעהן, וועל איך פּטור ווערען פון אַלע צרות, וועל פערשפּאָרען פערשוואַרצט צו ווערען און צו זיין צום געשפּעט, צום געלעכטער אינ־איינעם מיט דיר. בּאַלד אָבּער האָבּ איך צוריק מיך בּעטראַכט: הע־הע! דו בּריקעסט־זיך, דו בּיסט אין כּעס, ווילסט מיך שלאָגען, גאַנץ גוט; מסתמא הויבּסט־דו אָן צו פיהלען, מסתמא אַרט דיך, און אַז עס אַרט דיך און הויבּסט אָן צו פיהלען, איז דאָ אַ האָפנונג, אַז דו וועסט, אם־ירצה־השם, קומען צום שכל—און דענסטמאָל וועט זיין גאָר עפּיס אַנדערש!...

מיט גרויס ליבשאַפט האָבּ איך געהאַלזט, געגלעט מיין קליאַטשע און זי פאַמעליך, פאַמעליך געפיהרט בּיז מיר זענען געקומען צו אַ גרויסען, געדיכטען וואַלד. אַהינצו זענען מיר אַריינגעגאַנגען אויף נאַכטלעגער.

## דאָס צעהנטע קאַפּיטעל.

# וואָס מיט ישראַליק'ן האָט זיך פּאַסירט די נאַכט.

אונטער אַ הויכען, אַ גרויסען בוים האָבען מיר ביידע זיך געטאָן אַ וואָרף שטאַרק מיד און אָבגעשוואַכט פון אַזאַ ביטערער רייזע, נישט פאַר אייך געדאַכט! עס האָט געטאָן אַ בליץ, גלייך ווי דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען און אָבגעטוקט די וועלט מיט פייער. באַלד דערויף האָט אַ הילך געגעבען אַ דונער אין זיך אָבגערופען אַרום און אַרום מיט שרעקליכע קולות ווי פון טויזענדער האַרמאַטען. עס האָט זיך אויפגעהייבען אַ שטורמווינט, ער האָט משונה געפייפט, געוויינט, געהיילט ווי הונגעריגע וועלף, גלייך ווי עס האָבען דעם טאָג זיך אויפגעהאַנגען הונדערט מכשפים. דער גאַנטשער וואַלד האָט זיך אויפגעהאַפּט שטאַרק דערשראָקען. עס האָט זיך אויפגעהאַפּט איטליכס גרעזעלע, איטליכס צווייגעלע, איטליכס בלעטעלע, אַלע האָבען גע'רעש'ט, געפּילדערט, געפּלוידערט אויף אַלעו'לי' קולות און פערמישטע לשונות. סאָראַקעס, וואָראָנעס און סאָוועס מיט זייער גאַנץ פעקיל האָבען אויך צוגעקרעכצט, צוגעשפּילט אַ וויינענדיגס. יעדער בעזונדער האָט געקרעכצט, געזיפצט, געשריגען איינער דעם אַנדערען מבלבל געווען, ביז אַ שלאַקס-רעגען האָט מיט אַ מאָל איטליכען פערשטאָפּט די מיילער.

שרעקליך אַזאַ נאַכט אין וואַלד, שרעקליך, שרעקליך!...

איך שפּאַר מיך צו, איינגעהייקערט און צעהנטען צום בוים. דער רעגען וואַשט מיך אַ שרעק, עס ציטערט מיר דאָס לייב, און צווישען די דונערען קלינגען מיר אין די אויערען יענע געטליכע, קרעפטיגע ווערטער אין תהלים.

ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו...

עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטען,
עס ציטערען פון בערג די גרונטען —
קראך־קראך! אט וואלען זיי זיך איין,
ווי באלד ער קומט אין כעס אריין.
פונ׳ם נאז איהם זעצט ארויס א רויך,
א פייער פלאמט פונ׳ם מויל ביי איהם
און גליהנדע קוילען פליהען הויך,
עס ברענט, עס שרפה׳ט אומעטום!
ער נייגט דעם הימעל, געהט ארונטער,
א וואלקען שפארט די פיס איהם אונטער.
ער רייט אויפ׳ן כרוב, ער פליהט געשווינד
און שוועבט אויף פליגעל פון דעם ווינד. (תהלים י״ח׳—ה׳ י״א)

אט איז ער, גאט! אט זעה איך איהם באלד פאהרען דארט, דארט צווישען די צעריסענע חמארעס! — א שטיק שווארץ־געדיכטער וואלקען, העל־ליכטיג ביי די קאנטען, טראגט זיך דארט אויבען אין דער געשטאלט פון א מורא׳דיג גרויס פערד, מיט א קלאר־ווייסער גריווע אויף דעם טונקעל־געפלעקטען האלז. פון די נאזלעכער, פונ׳ם מויל פליהען איהם ביסליכווייז פייערדיגע בליצען, מיט א ציק הין־און־הער.. דאס איז ער — דער כרוב, אויף וועלכען עס זיצט רייטענדיג א שרעקליך גרויסער העלד, א גבור, אין א פורפער־קלייד, מיט לאנגע גרייז־גרויע לאקען און מיט א לאנגער געגרייזעלטער בארד, ריין, ווייס ווי זילבער. נאך איהם ציהט זיך א גאנצע מחנה ריזען, עוג מלך־הבשן׳ס, גוג־מגוג׳ן, מיט אלערליי חיות, וועלכע איהר ווילט. אלע מיט ערענסטע פנימער, אלע עפים פערטראכט, אלע איילען, יאגען זיך פלינק, דער גוטער יאהר ווייסט וואוהין — און לאזען נאך זיך איבער אויפ׳ן הימעל א בלויען, לויטערן שטעג. די לבנה שטעקט פון צווישען די וואלקען ארויס א שטיק קעפיל און קוקט זיי נאך פונדערווייטענס מיט אבשיי, ווי איין עלטסטער בשעת עס פאהרט דורך אין זיין ארט א גרעסערער פריץ פון איהם... די בוימער בויגען אן די קעפ, בוקען זיך מיט גרוים דרך־ארץ, האבען א פנים ווי די אבגעשמיסענע — תרבית, שא־שטיל! און פונ׳ם גרינעם בלעטער־מאנטעל קאפעט זיי טראפענס וואסער, קאפ, קאפ אויף דער ערד, קאפ, קאפ מיר אויפ׳ן קאפ.

א, הייליגער גאט! לאז איך ארויס א געשריי און פאל כורעים אויפ׳ן פייכטען נאסען גראז. —

א ווילד משונה קול עפּיס, ווי א היילען פון א הונד, א מיאוקען פון א קאץ און א ברומען פון א בער, לאָזט זיך פלוצלינג הערען פון ערגעץ, אַנוואַרפענדיג אויף מיך א אימה, אַז איך בין פערציטערט געוואָרען און א שטעל געגעבען זיך אויף די פיס. שווער צו זאָגען: צו די קולות זענען פון פיעל פערשיעדענע חיות, צו אפשר איז דאס איין חיה, וואס שרייט אויף פערשיעדענע קולות. נאָך א ווילע — און א געוויש פון טריט לאָזט זיך הערען פון ווייטענס, ווי איינער געהט אין וואלד איבער טרוקענע בלעטלעך און צעבראָכענע צווייגלעך. איידער נאָך איך האָב צייט געהאט בעוואָפענען זיך מיט א שטיק האָלץ, וואס וואלגערט זיך דאָרט אויף דער ערד, טוהט א בלישטש אויף מיך פון דער טונקעלהייט ארויס א פּאָר אויגען, ווי די לאַמטערנעס, און צוגלייך טאַקי טוהט זיך א וויז א קאָפּ, א אָפען מויל, א רויטע צונג, שאַרפע שפּיציגע שניי־ווייסע ציינער, באַלד דערויף א גאַנצער גוף, און פוץ — א גרויסער וואָלף פאַר מיר, א שרעק אַנצוקוקען איהם, א ברום — א שפּרונג — און איך בין אין די לאַפּעס! איך בין געווען ווי א מויז צאַפּלענדיג זיך אָהן א נשמה ביי דער קאץ צווישען די נעגעל. די טויט־שרעק, וואס זענען מיך בעפאַלען די ערשטע ווילע ביים ליעגען אין וואלפס קלויען, זענען באַלד פערשוואונדען און איך האָב געפיהלט עפּיס א מין טעם גן עדן, וואס צדיקים פיהלען עס ביי דער פטירה זייערער. איך זעה מיך ליעגענדיג בשלום על משכבי, אויף מיין געלעגער אונטער א חופה פון פּורפּורוואל, געבונדען מיט שטריק פון לייגען די הענד און די פיס; א גרויסער פענכער א אַנגעפּיל־טער מיט אייז זיצט ווי א קרוין מיט קריסטאַל מיר אויפ'ן קאָפּ, און משרתים אין די ווייסע בגדי כהונה בעדינען מיך מיט'ן גאַנצען כח; מען יעצט מיך אריין אין א בעטיל פון מירמעלשטיין און מען לאָזט אויף מיך א שטראָם עפּיס פון א מין וואסער א זעלכעס. די מאַמע מיינע שטעהט לע'ם מיר אין מיין מחיצה, דער בעל שם און די אַלטע גוי'ע, להבדיל, אויך זיי דאָרט, עס שיינען זיי די פּנים'ער, די אויגען טריפען זיי טרעהרען פאַר פריוד, צו־זעהענדיג דעם כבוד, וואס מען טוהט מיר אָן; איך קוועל־אָן קוקענדיג אויף זיי און זיי קוועלען־אָן קוקענדיג אויף מיך. נאָר א אָנקוועלען אָבער אָהן א אויפהער, א שטענדיגע פריוד מיט א שיינענדיג פּנים'ל אָהן א עק, איז מיר געוואָרען דערווידער. — פע, נאָר צום ברעכען, גלייך ווי א מאכל פון האָניג, צוקער מיט לאַקריץ אינאיינעם. א זעלכער וואָס האַלט שטענדיג אין איין הנאה האָבען איז, דאַכט זיך, אַזא שוטה, וואס קיין גרעסערער פון איהם איז שוין גאָר

נישט דאָ. אויך די קרוין איז מיר געוואָרען לעסטיג אויפ'ן קאָפּ. ווער איך אין כעס, מאַך צו די אויגען, כדי נישט אָנצוקוקען די שיינענדיגע פּנים'לעך מיט דעם שטענדיגען הנאה האָבען. און ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געחאַפּט אַ דרעמעל. איינגעדרעמעלט בין איך געוואָרען איבער, און אויפגעוואַכט האָב איך זיך שוין אונטען, ערגעץ אין אַ וועלדעל, עפּיס נעבען אַ הייל, בעדעקט מיט גרויכע צווייגען סכך פון אַלטע בוימער. נישט וויסענדיג, ווי איך בין אַרויף אַהין, נישט ווי איך בין אַראָב אַהער, קוק איך מיך אַרויס פון צווישען די צווייגען און זעה עפּיס אַ פריילען פּלאַץ, אין דער מיט אַ פּיען, אין וועלכען עס שטעקט אַ מעסער און בלישצעט אַ געגען דער לבנה. אַ וואָלף לויפט שפּרינגענדיג הין און הער, און באַלד האָב איך איהם דערקענט – דאָס איז יענער, וואָס האָט נאָריהער מיך געחאַפּט. ער לויפט און קומט נאָהנט צו צום פּיען, בעטראַכט איהם שטיל ברומענדיג און לויפט ווידער אַוועק, גלייך ווי ער לערענט זיך שפּרינגען. און צום סוף איז ער געבליבען שטעהן, מעסט אויס די ווייטקייט צווישען איהם און צווישען דעם פּיען, גורט אָן זיינע לענדען, טוהט זיך פלינק אַ לאָז, און שפּרינגט אַריבער, איבער דעם מעסער, אויף יענער זייט און דאָרטען איז ער געפּאַלט מיט אַ קלאַפּ, אַ יסציהענדיג זיך און ווי גרויס ער איז אויף דר'ערד.

– ברוך דיין אמת! האָב איך געזאָגט מיט פרייד – גט'פּגר'ט דער וו לף!

שטעה איך אויף און געה טאָן דעם בר מינן זיין רעכט – אָבשינדען איהם די הויט. ערשט אויף דר'ערד דאָרט ליעגט גאָר אויסגעצויגען עפּיס ווי אַ מענטש אַ געזונטער, אַ רויטער, מיט אַ געזונטען קאָרק, אַ גרויסע באָרד, מיט אַ טשאַפּרינע, אַ נאָז – נאָר אַ קירבעס, זיצט פּערטיעפּט אין פּנים צווישען די אויגען, אַ קאָפּ ווי אַ לאַדישקע, און זעהט אויס ווי אַ שכור ביים אויסניכטערן זיך. דערזעהענדיג דאָס, האָב איך מיך דערמאָנט אין דעם, וואָס חכמים געלערענטע זאָגען אין זייערע ביכער, איבער וואָלפקולאַקעס – דאָס זענען מכשפים און מכשפות, וואָס פּערוואַרפען זיך אין וועלף און נעהמען צוריק אָן דערנאָך אַ מענשליך פּנים. פּונקט טאַקי ווי דער דאָזיגער האָט אַצינד דאָ געטאָן. און ניט נאָר פּאָר וועלף אַליין קענען מענשען זיך פּערוואָרפען, נאָר זיי פּערוואַרפען זיך אויך פּאַר הינד און פּאַר אַנדערע חיות רעות און מזיקים און פּאַר מיני מאוסע שקצים אַזוינע. איך רייב אָן די הענד מיינע אין גראָז, ווי דער

דין איז, און ציה גוט אראב דאס היטעל אויפ'ן קאפ, און מאך א ברכה מיט גרויס כונה:

„ברוך שנתן מחכמתו לבשר ודם"!

יענער בן אדם זעהט, ווי איך שעפטשע שטיל מיט א פערקרימט פנים'ל, און מיט אויגעלעך פערגלאצטע צום הימעל, האט ער א קוק געטאן אויף מיך מיט רציחה, ער האט געמיינט, אז דאס וויל איך איהם עפּיס אבטאן מיט א שפרוך, און וויבאלד איך האב איהם דערצעהלט, ווי דער אמת איז, און האב אין טאג אריין גערימהט אונזערע וואויל-געלעהרענטע, אז זיי ווייסען די קונץ, ווי מען פארשטעלט זיך, ווייסען אלצדינג, שרייבען איבער אלצדינג און רעדען איבער אלצדינג, האט איהם אבגעלאזען דער כעס. אז איך האב געזעהן, דאס ער איז שוין נישט מעהר אין כעס. ער קוקט אויף מיך און שווייגט, האב איך איהם ארוייערוקט א האנד און געפרעגט, ווי ער הייסט.

— איך הייס קאשציי — ענטפערט ער מיר אונטער דער נאז, אויפשטעהענדיג פון דר'ערד, גלייכט אוים די ביינער, א שאקעל געבענדיג מיט דער טשאפרינע.

— אזוי, קאשציי! — מאך איך שטארק פערוואונדערט מיט א שרעקענדיג הארץ, בוינענדיג זיך פאר איהם מיט א חניפה'לע, כדי איהם צו געפעלען, — אז וואויל איז דעם, וואס זעהט אזא מענשען ווי דו, וואס מיט איהם קלינגט די וועלט. אפילו א מינדסט קינד קען איהם שוין.

קאשציי שאקעלט צו מיר מיט'ן קאפ, א בעוויז אז ער איז זעהר צופרידען. און איך פויל מיך נישט און זאג איהם אב אלע שבחים זיינע אין די אויגען, אזוי ווי ס'שטעהט איבער איהם געשריבען, און דערווייל טאקי מאך איך צו בלאטע די באבע יאהא, מיט אנדערע די אלע חכמים און שטערנזעהער, וואס זיי קומען נישט צו זיין קנעכיל און האבען דאס נישט אין קאפ, וואס ער האט אין מינדסטען פינגער, אלץ אויף דעם שניט טאקי ווי א תלמיד חכם א איד איז זיך נוהג. קאשציי האט הנאה געהאט און האט מיר געזאגט גאנץ פריינדליך:

— עס פרעהט מיך זעהר, ר' איד, וואס איך האב דיך נישט אויפגעגעסען בשעת דו ביסט געוועז ביי מיר אין דער לאפע. בשעת איך בין א חיה רעה, איז דאס פאר מיר א אידען אויפצועסען דער געשמאקסטער ביסען. דיין טרפה'נער מזל, וואס דענסטמאל איז מיר

דאָס בויך געווען איבערפול. נו, גוט, אַצינד קום, לאָמיר אויסטרינקען צוליעב אַזאַ גאַסט.

אַז קאַשציי איז געוואָרען אַביסעל פאַרלעקט, האָט זיך איהם פערוואָלט צו בעווייזען די גרויסקייט זיינע, ווער און וואָס אַזוינס ער איז. ער טהוט אַ פייף און באַלד ווערט אַ רעש, אַ געטימעל, און עס לויפען זיך צונויף פלינק פון אַלע זייטען סאָוועס, סאָראָקעס, וואָראָנעס, פלעדערמייז, קעץ, מאַלפעס, פרעש, סאַלאַמאַנדרעס, יאַשצערקעס, מיני שלאַנגען, עקדעשען, פיפערנאָטערס, אַ שרעקליך גרויס געזינדעל, און דער גאַנצער וואַלד האָט געציטערט פון זייערע משונה ווילדע קולות. איך שטעה אין איינע שרעק און עס ציטערט אויף מיר דאָס לייב. קאַשציי טהוט אַ בלאָז, — ווערט עפּיס אַ גאַנצע איבערקעהרעניש — און פיינע נקבות, בילד שענע בתולות, יונגפרויען חנ׳עוודיגע שטעהען פאַר מיר. פון אונטער קורצע באַטיסטענע טוניקלעך, גוט צוגעשטאַנען צום קערפער, זעהט זיך אַרויס אַ קלאָר רויזענפאַרבינע הויט, די גלידער ווי אָבגעטאָקטע און עפּיס אַ חן ליעגט אין איטליכער בעוועגונג זייערער. אויגען — פייער, נעהמען דורך און דורך, בריהען די נשמה, צוקאָכען דאָס בלוט — און דאָס האַרץ ציהט, ציהט, גערט אַזש אויס. אַזוי פיעל שענקייט, אַזוי פיעל חן, איז דעם מענשענס האַרץ נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטען.

קאַשציי טהוט אַ זאָג — און ס׳לאָזט זיך הערען אַ געזאַנג. נקבות צוגיסען זיך זינגענדיג אין ליעדער, ליעדער, וואָס חאַפּען אָן ביי דער נשמה און טראָגען, וואַרפען זי, פון איין פאַליע צו דער אַנדרערער פאַליע, אין אַ ים פון קולות און שטורעמדיגע געפיהלען. בתולות און יונגפרויען מחנות-ווייז געהען אַרוים שוועבענדיג אין טענץ, אין טוניקלעך און שאַרפען פון גאַז, בלענדענדיג די אויגען מיט די פאַרבען פון אַ רעגענבויגען, מישען זיך אוים און ווערען ווי בייטלעך, בייטלעך רויזען, אַלערליי שענע בלומען. קאַשציי צוהיצט זיך, שפּרינגט אַריין צווישען די טענצערינס, אַריינציהענדיג מיך אויך אַהין און מיר ביידע טאַנצען אין קאָן. ער טאַנצט מעשה קאָזאַק, צו-זעצענדיג זיך אויף די פּיסלעך, און איך העצקע מיך, דרעהע מיך, שטעהענדיג אויף איין אָרט. ער זינגט אונטער „קראַסנאַיאַ דיעוואושקאַ“ און איך זינג מיר „מה יפית“ מיט אַ בויג, מיט אַ דרעהעלע. ס׳איז אַ געזינגעריי, אַ שפּילעריי, אַ טאַנצעריי, טוניקלעך פערדרייסען זיך שוועבענדיג אין דער לופטען, ווי זילב׳ינע דרעהדלעך, און אָרימס און פּיס ווי די מאַרמאָרנע זיילען

## די קליאטשע

בלישטשען, שײַנען פֿאַר די אויגען. די קולות פֿערשטאַרקען זיך, דער עולם טאַנצט און איך שאָקעל מיך שטאַרק בגילופֿין, טהו אַ פֿאַל פֿער־דולט, ווײס נישט אויף וואָסער וועלט איך בין.

אויפֿוואַכענדיג זיך אויף מאָרגען פֿריה מיט׳ן בעגין האָב איך מיך געפֿונען ליגענדיג אונטער אַ בוים, טאַקי אויף דעם אייגענעם אָרט, וואָס איך בין פֿריהער דאָרט געפֿאַלען, דער קאָפּ איז מיר געווען שווער, אויפ׳ן האַרצען נישט גוט און זעהר צוטראָגען.

## דאס עלפטע קאפיטעל.

# יערליק בעקלערט די וועלט.

---

א פריש געשמאק ווינטעלע האט פאמעליך געבלאזען און פון די חאלקענס, פונ׳ם שטורם איז נישט געווען אפילו קיין זכר. דער אבגע-טובלטער, אויסגעצוואגענער וואלד איז געשטאנען ווי א חתן-בחור אנגע-טאן אין א נייער, גרינער זופעצע, געמאלט ערשט איצט אין פריהלינג, און געשיינט, געלויכטען ווי דער ליכטיגער מארגענשטערען, וואס האט, לויפענדיג פאראויס, געבראכט די פרעהליכע בשורה, אז אט באלד קומט צופאהרען די זון—די טייערע, גילדענע מחותנת׳טע און די חתונה וועט זיך אנהויבען! אלצדינג ארום-און-ארום האט געלויכטען, געפינקעלט, אלצדיגג האט עפיס ווי זיך צוגעגרייט. די ערשט נישט לאנג וויסטע שמוציגע ערד האט אויסגעזעהען איצט נאר א כלה, טאקי מיט דעם גאנצען פוץ, מיט דעם חן, מיט שענע בוקעטען און קרענצלעך שמעקענדיגע בלומען. אומעטום האט אויסגעזעהען ווי יום-טוב׳דיג און אומעטום האט געשמעקט געווירץ, זיסע, ליבע ריחות פון בשמים. — שען איז דער אנברוך אויף טאג וועסנע-צייט אין וואלד, שען, זעהר שען!

דער בעריהמטער כלי-זמר, דער סאלאוויי שטעהט זיך דארט ערגיץ אין א ווינקעל און שפילט א וויוואט לכבוד יום-טוב. און אינ׳ם זיסען שטייגער זיינעם הערט זיך עפיס ווי א וויינענדיגס, א צעגיסען-זיך טיעף פונ׳ם הארץ אין שטייגער, אין א געבעט, עפים נאר טאקי א „אל מלא רחמים", וואס די כלי-זמר שפילען חתן-כלה, יתומים, נעבעך, אויף דער חתונה ביים בעדעקענס!

זיסער, ליעבער, סאלאוויי מיינער! וואס איז דיר אזוינס, וואס דו ביסט אזוי פערומערט? פאר וואס איז א פרעהליכס אפילו, אז דו

שפילסט, ווארפסטו אריין א ביטערען טראפען פון מרה-שחורה? פארוואס אין דעם ים זיסען שטייגער דיינעם קאלען—רוישען חוואליעס ביטערע טרעהרען? ס'טייטש! ס'איז דאך אצינד פאר דיר א לעבען, ביסט דאך איצט א בעל-שמחה! דאס ווייבעלע דיינס האט ווי א בעל-הבית'טע צורעכט געמאכט דאס הייזעל, צוגעגרייט א ווייך-פריש געלעגער און ליגט למזל אצינד אין קינפעט. ארום און ארום שמעקט מיט זומער דער וואלד איז אנגעטאן אין דער יום-טוב'דיגער גרינער קאפאטע, די ערד אין דער נייער חתונה-קלייד קוקט-ארויס ווי א כלה חאפען הייסע-ווארעמע קושען פון'ם חתן—און אט אצינד, אין אזא צייט גראד, קומט דיר אויס צו שפילען א פרעהליכס מיט א וויינענדיגס אינאיינעם!

אוי, איך פיהל דיין הארץ, ליבער, טייערער סאלאוויי מיינער! דאס הארץ פון א בריה א פאעט פיהלט דעם צער פון דער וועלט, וואס איהר פעהלט, נעבעך, וואס איהר געהט-אב—און דאס וואס ער פיהלט, אט דאס שפילט ער, דאס דערמאנט ער תמיד אין פריידען, אויף שמחות. דו שפילסט, א שטייגער, דיין ליבהארציגע ווייב א „מזל טוב" לעבעדיג, קנאקענדיג, און אין מיטען קנאק הערט זיך עפיס א זיפץ, אנ'אפקלאנג פון א שרעקליכען ווינטער בשעת וואגלענדיג זיך מיט דיר אין גלות ערגיץ אין א פרעמד לאנד! דו שפילסט דעם וואלד, וואס שיינט אין דעם נייעם גרינעם קאפעלושיל זיינעם אויפ'ן קאפ, און אינ'ם ליבליכען צו-ווינשעווען איהם פיהלט זיך עפיס א וויינענדיגע שטימע, א הספד אויף די פאר-איאהרדיגע בלעטלעך זיינע, וואס פוילען וואלגערען זיך, נעבעך, אין שטויב איהם צו די פיס. און אונזער ערד, דער אויסגעפוצטער כלה מיט פרישע בלומען, ביסט-דו מזכיר נשמות מיט א טרויער אויף איהרע קינדערלעך, וואס זי האט זיי און בעגראבט זיי אלע יאהר. ביסט מיר ליעב, דו וועלט-בעריהמטער זינגער, דו סאלאוויי מיינער! אט דאס טרויערדיגע שטיקעל אין דיין זיסען שטייגער—אט דאס טאקי רירט מיך בעסער פון אלע דיינע ליעדער. דען אויף צרות, אין טרויער האט דאך די מאמע מיך געהאט, אין טרויער האט זי מיך פערוויגט, און דאס ליעד פון צרות, פון לייד, מיט וועלכס זי האט מיך פארשלעפערט, איז מיר געבליבען דאס ליעד, אוי-וועה, אויף דעם גאנצען לעבען! וואס געהער איך שלימזלדיגער מיך אן מיט פריהלינג? וואס פאר א מחותן בין איך עלענדער מיט דעם גאנצען יום-טוב'דיגען עולם—מיט דעם וואלד דעם שענעם, מיט דער פריש בליהענדער נאטור דא? דער וועלטס פרייד איז ניט אויף מיר געזאגט געווארען. אז לייט לעבען אין נחת, איז אויף מיר אויסגע-

נאָסען אַ צאָרן. אַז ביי זיי אין גאַס איז אַ שמחה, איז אין מיין נעסיל אַ געוואַלד—בלוט, שרפות, פלאַם־פייער און רויך. אַז גרינוואַרג ווייזט זיך אין לאַנד און שפילפייגעלעך לאָזען זיך הערען, געהט ביי מיר אַ כדרה תעניתים, יאָמער און קלאַג

שפיל, סאָלאָוויטשיקעל, שפיל! שפיל אַ ריהרענדיגס, אַ וויינענדיגס, עס זאָל רייסען, צופען ביי דער נשמה!

דער סאָלאָוויי שפילט, קלאָגט. זיין ניגונדיל ריהרט מיר אויף אין האַרצען פערבאָרגענע סטרונעס. זיי ברומען, שרייען, רעדען ווערטער, און עס קומען מיר אַרויף אויפ'ן געדאַנק אַלטע און נייע נוט קיין פרעהליכע זאַכען.

עס לאָזט זיך מיר הערען אַ זיפצען פון אַ פערוויסטער נשמה— און אַ טרויעריג בילד, גלייך ווי עס לעבט, טרעט מיר אַרויס פאַר די אויגען.

איז ווינטער. וואָלקענס. ווינט און שניי. אַ מרה־שחורה'דיגער טאָג. אונטערן טיש, אויפ'ן לייסט, וואָס צווישען די פיסלעך, זיצט אַ „ציפעטשקע", אונזער הוהן. זיצט עלענד, אַליין פאַר זיך, דאָס קעפיל פאַרלעגט אונטער'ן פליגעל. צייטענווייז דוכט זיך, זי שלאָפט, טהוט זיך ניט קיין ריהר. און צייטענווייז גיט זי אַ ציטער. עס שטעלט זיך איהר פאַר דער זומער, גוטע טעג, ווען זי האָט געוואוסט פון אַ לעבען צו זאָגען. געאַכט, געליעבט איז זי געווען ביי „הענדלען", איהר מאַן, אַ הויכער, אַ שענער, אַ העלד, אַ יונג מיט שפאָרען, אויפ'ן קאָפּ אַ קאַם ווי אַ קיווער. הענדיל איז געווען אין איהר פערקאָכט. אַלץ קוצעניו־מוצעניו, נישט אָבטרעטענדיג פון איהר טאָג און נאַכט. אַלע פריה־מאָרגען פלעגט ער זי אַרויספיהרען פון קאַטוך און געשפּאַצירט מיט איהר אויפ'ן הויף און אין גערטנער. געגריבעלט זיך, געשפּילט זיך מיט איהר אין זאַמד, געזוכט, געניסטערט און צוגעטראָגען איהר, וואָס ער האָט געפונען דאָרט. אויף אַלע וייבער געזאָגט געוואָרען אַזאַ לעבען, וואָס זי האָט ביי איהם געהאַט. זי האט זיך געלעגט, געקוואָקעט און אויסגעפּיהרט הינדעלעך. צעהן קינדערלעך מיט אַ־מאָל האָט זי אויסגע־פיהרט. אַלע שענעטשקע, פוכלינקע, געלינקע. באַלד ביים אַרויסקריכען פונ'ם איי, שטיקלעך שאָלעכץ האָבען נאָך געקלעבט אויפ'ן געזעסעל, האָבען זיי זיך שוין אַ שטעל געגעבען אויף די פיסלעך, אַ פּיפּס געטאָן— שלום עליכם! הייסט עס אַזוי אין דער וועלט אַריין. די וועלט איז זיי געפעלען, אַ גוטע, אַ ליכטיגע. גאָר מחיה. נו, האָבען זיי געלאַכט

לוסטיג, פֿרעהליך, לויפֿענדיג אַהין־אַהער, וואוהין דאָס האַרץ גלוסט, וואוהין די אויגען טראָגען. די מאַמע איז איבערגליקליך, נעהמט זיי אַריינגעטער אונטער איהרע פֿליגעל און שיצט זיי, וואַרמט זיי און זיי דאַנקען איהר, פּיפּסענדיג גאָר פֿריינדליך. דעם גאַנצען טאָג פֿיהרט זי זיך מיט זיי אַרום, וואו ערגיץ אַ שטיקעל פּלאַץ, וואו ערגיץ אַ בערגיל מיסט. זוכט, ניסטערט דאָרט, און געפֿינט זי עפּיס, איז איין קול: גיכער, קינדער, גיכער, גיכער אַהער צו מיר! פֿאַרביינגעהענדיגע פֿלעגען זיך אָבשטעלען קוקען אויף איהר מיט דעם קליינוואַרג און שטאַרק הנאה האָבען. עס שטעלט ציפּעטשקע זיך פֿאָר פֿריהערדיגע גוטע צייטען, פֿאַרלענגענדיג דאָס קעפּיל אונטער'ן פֿליגעל און זיצט זיך רוהיג.

און פּלוצים גיט ציפּעטשקע אַ ציטער, שטעלט־אויף די פֿעדערען און איז אָנגעבלאָזען — עס קומט איהר פֿאָר דער סוף פֿון איהר גליק און דער אָנהויב פֿון אומגליק איהרס. אין איין שענעם פֿריה־מאָרגען חאַפּט אַ שפּאַרבער אַוועק איהרס אַ קינד און הויבט זיך דערמיט אויף הייך אין לופֿטען. זי, נעבעך, שרייעט: פֿייגעלע, פֿייגעלע מיינס! נאָר שריי חי וקים, פֿערשוואונדען איז דאָס קינד. איין פֿעדעריל נאָר זיינס אַ פֿעדעריל אַ ווייסינקע, מיט בלוט פֿערשמירטע, פֿאַלט אַראָב אויף דער ערד און טרייבט זיך, וואַקעלט זיך אַרום פֿונ'ם ווינט. זינט יענער צייט קומט אַ אויסחאַפּעניש אויף איהרע ליעבע עופֿה'לעך און זיי ווערען וואָס ווייטער אַלץ ווענינגער, וועניגער. איינעם אַ טחויר אויפֿגעגעסען, דעם אַנדערען האָט אַ קאַץ אָבגעדרעהט דאָס קעפּעל און דער, יענער זענען אין דער מענשענס הענד אַריינגעפֿאַלען. פֿרייטאָג אַ־מאָל קומט זי די ווייסטע מאַמע, אין קעך אַריין, פּיקען, ווי געוועהנליך, דאָרט, איז איהר פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען — אוי־וועה, איהר טעכטעריל אַ בתולה, אַ גוטס, אַ וואוילס, ליגט געקוילעט אויפ'ן זאַלץ־ברעטיל! די קעכין שפּאַלט איהר אויף דאָס בייכיל, נעהמט אַרויס די געדערעמלעך און טהוט זיי אַ וואָרף איהר, דער בידנער מאַמע, און דער קאַץ, וואָס ליגט אויסגעצויגען אַ קעגען! פֿון אַלע קינדער איז ציפּעטשקען געבליבען איינס נאָר, אַ יונג הענדעל, קוים וואָס ס'האָט זיך איהם אויסגעשניטען דאָס קעמעלע אויפ'ן קאָפּ. אַז ער איז אַריין אין די פֿעדערען, געוואָרען בר־מצוה, אַ בר־קרעהער, הייסט עס, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און אויף אַ דין קול'כען דאָס ערשטע מאָל געמאַכט קוקוריקו, עפּענטליך מיט דער פּאָמפּע. די מאַמע האָט זיך גאָר געשמאָלצען און געזאָגט, אָמן! הלואי „תרנגיאל“, דער הימלישער ברוך־הוא וברוך שמו, הלואי

לאז ער געבען, דו זאלסט „פארשטעהן קרעהען אויף טאג", ווי דער טאטע דיינער, דער חכם! — דאס גאנצע טרייסט איהרם איז געווען אט דער תכשיט, ער און דער ליבער מאן איהרער. זי האט נאך ניט פערלוירען די האפנונג צו זעהען פיעל גוטס אין איהר לעבען. נאר ברייט און טיעף איז דער לאגעל פון טרעהרעז, זי האט איהם נאך ניט אויסגעטרונקען אינגאנצען.

אין דרויסען איז אסיען־צייט. זי מיט דעם מאן, מיט דעט קינד שפאצירען זיך ארום אויף דער גאס אינדרייען. זיי זוכען, שארען, פיקען און פלוידערען. ביים קומען א היים אוועקצייט חאפט מען דעם מאן מיט דעם זוהן און מען בינדט זיי איהר פאר די אויגען, שטוב־מענשען נעהמען זיי אן ביי די פיסלעך און דרעהען זיי איבער'ן קאפ. עס זיפצען, קרעכצען די געפענטעטע, נעבעך, און יענע דרעהען, דרעהען. דערנאך אננעהמענדיג ביים קאם טהוט מען זיי א שליידער אויף דער ערד. דער שוחט טהוט א חיק און „ציפעטשקע" בלייבט עלענד — אוים מאן, אוים קינד!

עס רייסט מיר דאס הארץ אויף דיר, אומגליקליכע ציפעטשקע! דו ביסט דאך א היימישע, ביי אונז אין שטוב א אויסגעוואקסענע, און פון אלע מיני פייגעל אויף דער וועלט ביסטו דאך, דו אליין, מיר די בעקאנטע. איך האב זיך צוגעקוקט צו דיין שטייגער לעבען, זיך פעראינטערעסירט מיט אלצדינג, וואס דו טהוסט, וואס דו מאכסט. און זינט איך האב דיך געזעהן זיצענדיג אליין, פארלעגט דאס קעפיל אונטער'ן פליגעל, שטעהט מיר דיין געשטאלט פאר די אויגען, ביסט פעראומערט, פער־זארגט, טרויעריג. אז־אך־און־וועה צו דיר, נעבעך, ציפעטשקע מיינע! דיין צער, דיין לייד — דאס איז פון יענע לייד, וואס אויף דער וועלט איז אנגעשיקט געווארען זינט גאט האט זי בעשאפען ביז אצינד. די לייד פון דער וועלט אבער זענען אלערליי, איינע פון די אנדערע אלץ מיט א שטאפעל העכער, העכער. און איך, אז אך־און־וועה צו מיר, איך בין געפריווט נעווארען מיט אלע — אוי, דורכגעגאנגען זיי אלע!

שפיל, סאלאוויטשיקעל, שפיל, צוגים זיך אין שטייגער! עס
וילט זיך מיר אויסגיסען דא מיין הארץ, מיין ביטער הארץ.
דער סאלאוויי קנאקט — און עס טרעט מיר ארוים פאר די אויגען
א אנדער בילד, א פינסטערס, א טרויערדיגס.

אסיען־צייט. א קליין נידעריג הייזעל. אינווענינג חושך, אבגעלאזט, די בעט נישט פארבעט. קיין זאך נישט אויף איהר ארט. דער אויווען נישט

געהייצט. שוין לאנג אז מען זעהט נישט געהן קיין רויך פונ'ם קוימען, וויסט, פינסטער איז אין אימליכס ווינקעלע. די ווענד דארט וויינען. אויף דער מילכעדיגער באנק זיצט הינדע די אלמנה. זיצט איינגעהייקערט, אין צרות, די פיס פארלעגט אונטער זיך. אט שווייגט זי, איז שטום ווי די וואנד, טהוט זיך נישט קיין ריהר. דער קאפ אראבגעלאזט. די אויגען אויסגעשטעלט, קוקען פערגליווערט אין איין זייט. און אט ווערט זי פערציטערט, האפט זיך אן ביים קאפ, יאמערט און קלאגט. נישט דרויף, וואס זי איז ארעם, קלאגט הינדע. צום דלות איז זי געוועהנט. תעניגים האט זי קיינמאל נישט פערלאנגט, נאך זי נישט געבענקט, זיך בעגנוגט מיט דעם ביסעל, וואס זי האט פון איהר ארבייט פערדינט. אויף איהר זוהן, אויף איהר לעצט פערלארען קינד — אט אויף וואס זי קלאגט. פינף זיהן האט הינדע געבוירען און אלע נאר אויף צרות. דעם עלטערען האט מען פאר א רעקרוט גענומען. מענשען, ווי דער שטייגער איז, איז דאך קארג די וועלט, קריגט מען זיך, שלאגט מען זיך, איינער אויפ'ן אנדערען וויל געוועלטיגען, דער יענעם וויל איינשלינגען, בעדארף מען דעריבער האבען אזוינע, אויף צו שיצען זיך פאר'ן שונא, מיט אלע מיני קליפערגעצייג. איז דער זוהן איהרער אוועק צו הרג'ען אדער גע'הרג'עט צו־ווערען און נישטא איהם ביז אויף היינטיגען טאג. דעם צווייטען האט דער מלאך־המות גענומען. אוי, האט ער זיך, נעבעך, אנגעליטען ביז די כשרה נשמה איז איהם ארויס! דער דריטער איז געווארען א קדוש. נים א ווילדע חיה, נים א וואלף, א בער, האט איהם פערצוקט, איהם האבען געהרגעט מענשען, פלייש און בלוט ווי ער. עפיס א בייזע כה־וכה, א שגעון איז אויף דער וועלט געקומען — לייט ווערען פערווילדערט, פערשמאכט זייערע הערצער, ווארפען זיך ווי חיות רעות אויף ברידער, ברעכען, שטעכען משוגענער־ווייז, אהן רחמנות! דער פערטער זוהן, בערויבט, דערשלאגען, דערנידעריגט, נעבעך, נעהמט פאר צרות די טארבע אויף די פלייצעס, דעם שטעקען אין דער האנד און וואגעלט זיך איבער ימים, מדבריות, ווייט אהין, אזש וואו דער שווארצער פעפער וואקסט — און פערפאלען ביז אויף היינטיגען טאג! דער פינפטער, דאס לעצטע אויג אין קאפ, איז א צינד אין מלחמה־צייט אריין אין דינסט, ערשט נעכטען פערלאזט ער די וויסטע עלענדע מוטער און געהט אנידערלעגען דעם קאפ ערגיץ אין עק וועלט... אט אצינד זיצט עס הינדע פערוויסט, פערפינסטערט, בעטראכטענדיג דאס גרויסע אומגליק, וואס האט זי און די קינדער געטראפען. קינדער האט זי געבוירען און אויף צרות נאר

געבוירען — אויף צרות איהר און אויף צרות זיי, נעבעך!

ציפּעטשקע! דיינע היהנדעלעך, ווי באַלד דערזעהענדיג די וועלט, האָבען זיי פון דער וועלט גריס הנאה געהאַט. נעבעך זענען זיי געווען נישט מעהר ווי אייער און אויף מאָרגען שוין מאַכענדיג פון זיך אַ וועזען, טאַקי גאָר ווי „אַלטגעזעסענע“—גיפּיקט, געגעסען, זיך געשפּילט, לעבעדיג, פרעהליך, געלאָפען, געדרעהט זיך אַהין־אַהער, גלייך ווי זיי האַלטען בעקאַנט געווען מיט דער וועלט שוין אַ צייט מיט יאָהרען, וויסען אַלצדינג וואס מען בעדאַרף און וואָס מען האָט צו טאָן. דיינע עופה'לעך האָבען געלעבט, געוואוסט פון אַ יוגענד צו זאָגען און וואויל בעקומען איז זיי די יוגענד. היינדעס קינדער אָבער. אַז־אָך־און־וועה צו זייער קומען אויף דער וועלט! מיט זיי אינאיינעם זענען געקומען זייערע יסורים, קרענק און אַלערליי וועהטאָגען: בויכווועהטאַג, צייהנווועהטאָג, פּאָקען, מאָזלען, כקאַרלאַטינע. גענוג זענען זיי, נעבעך, אויסגעשטאַנען צרות, אַ שטראָף פון גאָט, ביז עס האָט זיך זיי געעפענט די אויגלעך, און דערזעהן פאַר זיך אַ וועלט, איז, ווי באַלד נאָר זיי האָבען זי דערזעהן און געוואָלט אַביסעל זיך שפּילען, צופיהרען די הענטלעך, איז אויף זיי אַרויס אַ צאָרן, אַ וועהטאָג, אַ שטראָף פון מענשענס הענד. קינדער האָט היינדע מגדל געווען מיט פיעל מיה, מיט צער, פערבראַכט אויף זיי אין צרות טאָג מיט נאַכט און—קוים אויסגעהאָדעוועט, נעהמט מען זיי בײ איהר אַוועק. נישט קיין מאַמע איז זי, נישט קיין רעכט אויף איהרע קינדער האט זי, נאָר אַ דינסט איז זי — דעם מלאך־המות'ס און דעם עולם'ס אַ דינסט—אַ שפחה־כנענית הייסט עס, וואָס זי און די קינדער איהרע געהערען ניט זיך. געבוירען זיי—האָט זי. די מיה אויסצוהאָדעוועז זיי—האָט געהאַט זי—קומט מען דערנאָך צום פאַרטיגען און מען נעהמט זיי צו. אַי, וואָס, די דאָזיגע דינסט פיהלט, האָט ליעב, זי בענקט, זי נעהט אוים נאָך די קינדערלעך—נאָר וועמען געהט עס אָן? נישט מעהר ווי אַ דינסט איז זי! היינדע אָבער איז נאָה אַ מוטער, אַ בעשעפעניש פאַר זיך, שלאָגט זי זיך אין האַרצען, רייסט אויף זיך די האָר פונ'ם קאָפּ, וויינט, קלאָגט—און דאָס ביטערע געוויין איהרע געהט אין הימעל אַריין!

שפּיל, סאָלאָוויטשיקעל, שפּיל, אָבער פאַמעליכען אַ ביסעל! שרעקליך שרייעט אין מיר דאָס האַרץ, שרעקליך ברומען, ציטערען אין איהם די פערבאָרגענע סטרונעס נאָר טאַקי צושפּרונגען צו ווערען. עס צולאָזט זיך הילכענדיג דער סאָלאָוויי אויפ'ן העלזעל, און אויף זיינע

שטורעמדיגע פאליעס-טרעלען טראָגט זיך רעש'דיג, צוטומעלט—מיין נשמה. עס טראָגט זיך, פליהט מיר דער מח און בילדער איינע פון די אנדערע פערשיעדענע לויפען איהם פארביי. אָט איז א וואלד, פעלדער גרינע מיט תבואות, מיט בלומען. דער מאָרגענשטערען שפיעגעלט זיך שמייכלענדיג אין די טוי-טראָפּענס דאָרט, מאכט חן—און באלד קומט אפיר די שטאָדט מיט איהר טומעל. מיט איהר גערויש. עפּיס א מרה שחורה, א חושך ליעגט אויף איהר. די זון, די לבנה—עפּיס נאָר ווי בגנבה חאפען זיי זיך אריין צו לייכטען דאָרט—די מויערען מיט די ענגע שמאָלע געסלעך פארשטעלען פאר זיי דעם וועג.

עס שטעלט זיך מיר פאָר א טאָג אין דער שטאָדט, ווי אזוי און מיט וואָס מענשען ברענגען איהם צו, מיט וואָס זיי שטעהען אויף און מיט וואָס זיי לעגען זיך שלאָפען. עס שטעלט זיך מיר פאָר א פריהמאָרגען: יודען שטעהען אויף און קרעכצען! ווייסען נישט וואָס מען טהוט, וואָס מען הויבט אָן, פון וואנען מען זאָל זיך דערנעהרען? זייערע פּנים'ער זענען בלייך, דער שטערן פול מיט קנייטשען, די אויגען ווארפען זיך אין אלע זייטען, גלייך ווי זיי זוכען עפּיס, אָן וואָס זיך אָנצוחאפען, אין וואָס זיך אָנצושפארען, די חוואליעס פון דעם טאָג זאָלען זיי, נעבעך, נישט דערטרינקען. זיי זיפצען, זיי קרעכצען און קנייטשען, קנייטשען דעם שטערן.

עס שטעלט זיך מיר פאָר ביי טאָג א יודענס שטוב, ווי דאָרט מאכט זיך קיין רגע נישט צו די טיר, עס געהען אָרימע לייט. יונגע און אלטע, ווייבלעך, מיידלעך, און קליינע קינדער, איינער געהט ארויס, דער אנדערער קומט אריין. בתוך הבאים קומען אָן גבאי'טעס מיט זייער חן. דערנאָך טוען זיך א לאָז שענע יודען אין זיידענע קאפּאָטקעלעך. פאָדערען געלט פאר זייערע זכות אבות. נאָך זיי קומט אריין א מגיד, א נשרף, א ירושלמי, א משולח, אנ'עגונה מיט אלטע, פערשימעלטע כתבים. באלד נאָכדעם קומט א שמש פון דער שוהל, מאָנט פאר-א שטאָדט, פאר איין עליה, פאר א „מי שברך”, פאר א „מלא”, און פאר א „נדר”; ערשט אָבגעפּארטיגט זיך מיט דעם, גיבען זיך איינער נאָך דעם אנדערען א שאָט א פּעקיל פערשיעדענע גבאים מיט פּושקעס אי אָהן פּושקעס. איינער מאָנט מעמדות אויף ארץ ישראל, דער אנדערער עפּיס אויף

תלמוד תורה, דער דריטער בעט אויף הכנסת כלה, דער פערטער אויף דעם הקדש, דער פינפטער אויף חברה משניות, דער זעקסטער אויף חברה נר תמיד וכדומה נאָך און נאָך חברות. בינתים קומען צוויי בכבודיגע בעלי־בתים מיט ברייטקייט, רוימען עפּיס שטילערהייד איין אין דעם אויער, זאָגען דערנאָך הויך אויף אַ קול מיט אַ זיפץ: היינט פערשטעהט איהר שוין, פאַר וועמען? און נעהמען... נאָר אין מיטען דרינען קומט דער קהל׳שער שמש און מאָנט עפּיס צום רייסטער, דער דעפּוטאַט שטעלט נאָך אַ מאָל אַריין אַ פּאָסטאָ׳, דער קצב זאָגט אָן מיט דער דינסט, אַז פון איצט אָן, זאָל מען מוחל זיין צו־לעגען צו דער אָקע פלייש נאָך צוואַנציג גראָשען, מען האָט פערגרעסערט די טאַקסע... הכלל, מען רייסט פון אַלע זייטען, איטליכער גיט אַ חאַפּ, אַ קניפּ, אַ צופּ, עס שטעלען זיך אין די אויגען טרערען, עס איז שווער אויס־צוהאַלטען.

— שפּיל, סאָלאָווייטשיקעל, שפּיל, איך וויל אַ ביסעל וויינען. עס שטעלט זיך מיך פאָר, ווי יודיש בלוט געלט, יודיש בלוט געהען לאיבוד, זיי גיסען זיך ווי וואַסער און ברענגען נישט קיין שום נוצען. משטיינס־געזאָגט, מה חסרנו, וואָס איז אונזער חסד, אונזערע צדקי

אָט איז דער מאַרק מיט אַלע מיני נפשות זיינע, פון קליין ביז גרויס. דער מאַרק מיט זיינע סוחרים און מסחרים, מיט זיינע אָבנאַרער און אָבגענאַרטע, מיט די ווילדע תאוות, דעם נאַרישען כבוד, קנאה און שנאה, וואָס הערשען דאָרט. אָט טהוט זיך אַ ווייז דאָס גאַנצע פּעקעל קבצנים, מיני אביונים, דלפנים, געפאַלענע, אָבגעקומענע, נויט־בעדערפטיגע, הונגעריגע, ליידענדע, קראַנקע, צובראָכענע, דאַרע־קוואַרע, בלייכע מיט אויסגעצויגענע פּנים׳ער. עס דרעהען זיך אַרום טאַנדעטניקעס, הענדלער, מעקלער, פערטראַכטע, מיט היטלעך פער־ריסענע, יודען מיט זעקלעך, יודען מיט שטעקעלעך, לעדיגגעהער, בטלנים, אַלע לויפען ווי די משוגעים, ניסטערען, זוכען פּרנסה, ווי ס׳איז צו לעבען, צו דערהאַלטען די נשמה פון זייערע ווייבער און קינדער. אַלע זענען פערטראָגען, צוטראָגען, אַלע טראַכטען ווי אַרום עפּיס אַ פּערדינסטעל צו דערטאַפּען און ביי יענעם מיט אַ המצאה׳לע אויסחאַפּען.

עס שטעלען זיך מיר פאָר רעדלעך פאַרשוינען, שענע מענשעלעך, וואָס האַלטען זיך ווי הינד, ווי תאַראָנעס נעבען טויטע און נבלות, וואָס לעבען פון

יענעמס פליישׁ, פון יענעמס בלוט; מענשעלעך, וואָס ווי זענען נישט ווערטה קיין דרייער און גילטען פאָרט זעהר שטאַרק; מענשעלעך, וואָס איטליכער קען זיי פאַר קליינעטשקע און זענען דאָך זעהר גרויס; מענשע־לעך, וואָס זענען אין דער געמיינדע אַמכה, וואָס מאַכען איהר קאַליע דאָס בלוט און נאָגען זי אויס; מענשעלעך, וואָס אָנקוקענדיג, דאַכט זיך, ווי זענען שטאַרק בע־שעפטיגט, פערנומען מיט וויכטיגע עסקים, עס שוויצט ווי תמיד דאָס פנים, שטענדיג פול מיט סודות, מיט סעקרעטען, רעדען אויף דעם וואונק — און באמת זענען ווי סווישטשען, לעדיגגעהער, גאָרנישטען, טויגע־ניכטסען; יענע מיני מענשעלעך, וואָס דרעהען זיך תמיד אַרום קהל, ווילען דער שטאָדט רק איינבּרענגען, רק טאָן טובות, וואָס לעגען זיך איינגאַנצען אַוועק פאַר דער שטאָדט און לעבען בכבוד, עסען דאָס בעסטע און טרינקען אַ גוט גלעזיל וויין; מענשעלעך, וואָס דרעהען זיך אין די קהל־שטיבלעך, נעבען די גבירים, אויף די אסיפות, אין די יאַטקעס און אין די וויינשענקען; וואָס פיהרען די גאַנצע קאָמאַנדע ביי די וויבאָרעס, רוימען איטליכען איין אַסוד אין אויער און שרייען „זשעלייעם“, אָדער „נעזשעלייעם“ פאַר כל ישראל; מענשעלעך, וואָס וויטען זיך, נעהמען אַראָב דאָס היטעל פאַר איטליכען טשינאָווניקעל, פאַר איטליכען פּריץ׳ל, וואָס קריכען תמיד זיך פאָרצושטעלען פאַר אַ נייעם גובערנאַטאָר, פאַר אַ נייעם פּאָליצמייסטער, ראַפּאָרטעווען תמיד מכּח דער שטאָדט; מענשעלעך, וואָס זעהען אויס ווי שרעקליכע וועלף צווישען די אָרימע בּידנע שאָף אויף דעם מאַרק!...

אוי ווי שרעקליך דער מאַרק איז, וויפיעל צרות, דאגות, לייד און פּורעניות, וויפיעל דערנידערונגען, חרפּות, בּזיונות, וויפיעל פאַלש־קייט, שווינדעל, שפּיצלעך, קנייטשלעך, פאַר דעם זינדיגען שטיקעל בּרויט! אָך, שווער, שווער בּיטער קומט אָן דעם מענשענס פּרנסה! עס רייסט, רייסט מיר דאָס הארץ. אַטרויעריגער, זעהר אַטרוי־עריגער ניגון!

פאמעליך, סאלאווי, פאמעליך, נישט אזוי שטארק שפיעל, זינגער, אזוי, עס לאפנעט, עס האט ביי מיר איי הארץ שויי געלאפנעט אפטרונע!

אומגליקליך ביסט־דו מענש, פערפלוכט ביסט־דו פון אלע בהמות און אלע בעשעפעניש אויף דער וועלט. דער אויבערשטער האט דיך בעשאפן מייסטעריש מיט מעלות פיעל, בעסערע ווי ביי אלע אנדערע בעשעפענישען זיינע, דיר טאקי לטובה, און דו האסט מיט די מעלות טובות זיך בענוצט צו דיין רעה. פיעל פערשטאנד האט דיר, מענש, נאט געגעבען און דו האסט זיך בעגאנגען מיט איהם נישט ווי מען בע־דארף. האסט אנגעהויבען פערעבענדעווען צופיעל, קלערען, גריבלען זיך, ארויבעהמענדיג זיך אין דער זייט, האנדלען געגען דיר אליין און געגען דער נאטור. ביי צופיעל חקירות איז צופיעל פעהלער. פון צופיעל אויפ־טהועניששען און נייע ערפינדונגען נעהמען זיך פיעל נייע צרות, מאנגעל, צוואנג אין אומגליקען. פיעל נייע זאכען, אשטייגער, האסט דו מיט דיין פערשטאנד ארויסגעבראכט טאקי דיר אליין אויף צרות — ארויסצוררייסען ביי דיר פון די הענד ארבייט, פונ׳ם מויל דאס שטיקעל ברויט, צו גזאלטען דיך אין דער קלעהם, און צו פארקירצען גיך דיינע יאהרען! אומגליקליך מאכסט דו זיך, מענש, מיט דיין פערשטאנד און אומגליקליך אויך מיט דיין לשון, מיט דער שפראך. אט די גוטע מתנה, צו וועלכער דו האסט זוכה געווען, אט זי איז דיר באקאם אויסגעפאלען. דער הונד, אשטייגער, אט דער דאזיגער כלב, וואס בילט אויף דיך דא, פונקט אזוי בילט אויך יענער כלב, זיין חבר, ערגעץ דארט... אין שפאניען, אשטיי־נער, איין אנפאלען, איין געבילעריי, ביי אלע הינד. דער אייזעל, וואס אין אונזערע מקומות, עפענט א מויל און הירזשעט ווי אלע אייזלען אין דער וועלט. דער אייזעל, יענער אייזעל, וואס מאכט עס אויס, אלץ איינס. אלע פרעש אין די טייכלעך און די בלאטעס קוואקען גלייך אומעדום אין איין צייט פון מצרים ביז אצינד — און מענשען, זיי זענען איינע צו די אנדערע פרעמד און דאס איז א צרה זעהר אגרויסע. אומ־גליקליך ביסט דו, מענש, מיט דיינע פאנטאזיעס. גאט האט בעשאפען דעם מענשען און זיין געשטאלט ארייננעבענדיג אין איהם אמענשליכע נשמה פאר אלע מענשען גלייך, האסט־דו זיך געקליגט, צוגעגעבען צו איהר נאך איינע עפיס א בשותפותדיגע, א מין געמאכטע פאלקס־נשמה, הייסט עס, באופן אז זיי זאלען זיין קאנטרע צווישען זיך אין פיעל זאכען. דאס וואס די טהאר נישט, מעג יענע; וואס דער רעכענט זיך

פֿאַר אַ חורבן, רעכענט זיך יענער פֿאַר דער גרעסטער מעלה; וואָס פֿאַר יענער איז דאָס אַ געבאָט. איינע פֿון די עשרת הדברות, איז עס פֿאַר דער אַנדערער נישט געזאָגט געוואָרען, און וויפֿיעל צרות און שפֿיכות דמים קומט דורכדעם אַרויס! אויך אין דיין פֿרומקייט, אין דיין גוטסקייט, דעם שטייגער אָרענטליכקייט דיינעם ליעגט אָפֿט אַ הונד בעגראָבען, אַ אומגליק פֿאַר דיר.

אַ געטליכער גייסט, דער גייסט פֿון וויסען און גאָטספֿאָרכטיגקייט שטראָמט ווי אַ פֿלייצענדיגער טייך פֿונ'ם הייליגען כסא הכבוד, שטראָמט צו בעלעבען און גליקליך צו מאַכען אַ גאַנצע וועלט מענשען. שטעהען נאָר אויף די ברעגען זיינע אויבגעשטעלט מיהלכלעך און מיני פֿאַבריקעס אַלערליי. איטליכע פֿון די פֿאַבריקעס ציהט דאָס וואַסעריל צו זיך פֿערהאַמעווענדיג, פֿערהאַלטענדיג עס, כדי עס זאָל דרעהען די רעדער פֿון דער מאַשינע ביי זיך און צוליעב זיך. דער מאַטריאַל פֿאַר די אַלע איז איינער, איין רויהעס שטאָף — וויבאַלד ער קומט אָן אויף דעם עולם, ווערט ער צוגענומען אַ טייל אין דער פֿאַבריקע, אַ טייל אין יענער. דאָרט ווערט דער נייע־אָנגעקומענער שטאָף אַריינגעבראַכט אין אַ פֿורעם אויסצואַרבייטען פֿון איהם אַכלי שלמה. פֿון דאָרט געהט עס אַרויס מיט דעם שטעמפעל דערויף פֿון דער פֿאַבריקע אָפֿט אַזוי, אַז עס שטעהט אין וועג יענער, וואָס פֿון אַ אַנדער פֿאַבריקע. די סחורות זענען פֿער־שיעדען, די קאָנקורענץ איז גרויס, איטליכער וויל גילטען בעסער אויפֿ'ן מאַרק, און דורכדעם קומט אַרויס פֿיינדשאַפֿט, האַס, געשלעג, גזלה און רציחה. אוי, גענוג יסורים, צרות און לייד זענען דאָ אין דער וועלט פֿון זינט זי איז בעשאַפֿען געוואָרען. — קומען מענשען און לעגען נאָך צו זייערע פֿון זייער זייט!

פֿאַמעליכער, פֿאַמעליכער שפּיעל, סאַלאָווי! עס האָט שוין אי־האַרצען געלאָפּנעט ביי מיר נאָך אַסטרונע!

וויין, ישראָליק, וויין! האָט מיט איטליכען שפּיעל דאָס וואַלד־כלי־זמריל מיר געזאָגט. עס האָט מיר זיך געדאַכט — איך בין אַ חתן ביי דעם בעדעקענס. חתן דומה למלך! — זאָגט דער בדחן און דערמאָנט מיר דערביי, אַז איך בין אַ יתום... ישראָליק, לאָזט ער אויס צום גראַם מיט אַ ריהרענדיג קול: אַ יתום מוז אויף דער וועלט פֿון איטליכען אויסשטעהן זעהר פֿיעל; — וויין, ישראָליק־לעב, וויין — כלי־זמריל, שפּיעל! אַ יתום ביסט דו ישראל און אַ חתן צו גלייך! — אַ חתן וואָס, איז דומה למלך, און אַ יתום — אַ וואָרים, געטראָטען מיט די פֿיס;

דאָס קומט דאָך אוים ווי האָניג מיט גאַל אויסגעמישט אינאיינעם, אַ יתום אַ שטענדיגער, געפאַלענער, מיט כבוד פון אַ חתן אויף אַ ווילע: דאָס איז נאָר אַ שפּאַס אַ ביטערער, אַ שרעקליכער שפּאַס, וואָס ריהרט טיעף ביי די לעבער. מיר איז שטאַרק נישט גוט אויפ'ן האַרצען, עס שווינדעלט מיר אין קאָפּ און אַלצדינג אַרום מיר דרעהט זיך און טאַנצט, עס שפּרינגען געוועקסען אין די פעלדער, עס טאַנצט דער וואַלד, און די בוימער פליעסקען צו מיט די צווייגען. עס נעהמען זיך אויך צונויף און טאַנצען מיני געשטאַלטען — פון גבאים, שמשים און כלי קודש, געשטאַלטען פון צאַפּעס, אָקסען, פערד און חאָרטעס, אלע אינאיינעם, און פון דעם געשווינדען דרעהען-זיך אַרום און אַרום אין אַקאַראָהאָד, שוועבען פליהענדיג פאות, ווידלען, העמד, טשאָפּרינעס, פערדישע עקען, און אויערען פון אייזלען; כ'הער כלי-זמר שפּיעלען, ליהודים, ל"ג בעומר, ס'איז חתונות ביי אידען, פאָראוים לויפען ווייסע חברה הענדום-פענדום. הינטען געהט אַ גרויסער עולם, ס'איז אַ געזעמעל פון מקבלים, אביונים, קבצנים, דלפנים, טויגעניכטסען, קאַלעקעס, מלמדים, פאַר צעהניאָהרדיגע, פאַראַיאָהריגע און היינטיגס-יאָהרדיגע בעלי-בית'לעך, וואָס עסען קעסט. עס ברענען הבדלות. דאָס פיהרט מען צו דער שוהל אַ חופּה, אומגליקליך צו מאַכען דאָרט אַ יונגעל מיט אַ מיידעל, וואָס ווייסען נאָך גאָר נישט פון וואָס צו זאָגען. ביז שפּעט אין דער נאַכט, זעה איך, פיהרט מען חופות, עס ווערען אָבגעמאַכט עפּיס אַ גוזמא חתונות. אַלטע באָבעס פליעסקען, מחותנים טאַנצען, דער עולם איז לוסטיג, אַ פרייד, אַ שמחה! — מזל טוב אייך, יודען, מיט שפּאָגעל-נייע אָרימע לייט! מזל טוב אייך מיט אַ ניי פעקיל לעדיגגעהער! מיט נייע קאַנדידאַטען אויף מלמדים, אויף מקבלים, אויף באַנק-קוועטשער און אויף גילדענעאָדער-יודען! מזל טוב אייך גאָר מיט אַ פריש צעטעל פון קייטיגע גרעט: מיט אלע אייערע שמוציגע, פוילע און פוסטע מענשעלעך! מזל טוב אייך מיט פריש-צאַפּעלדיגע פיאַווקעלעך! גרייט אָן, יודען, בלוט, גרייט אָן געלט, געלט, געלט! —

געוואַלד, סאַלאַוויי, גענוג, גענוג צו שפּיעלען! עס רייסט מיר דאָס האַרץ, עס שפּרינגען, עס לאָפען אין מיר אלע סטרונעס!...

## דאס צוועלפטע קאפיטעל

# די קליאַטשע אַ פּירוש אויף איוב.

---

— דיין קול איז עס, מיין גוטער, אַלטער בעקאַנטער?

— איך בין עס, מיין שלימזלדיגער פרינץ, מיין בידנע, אומגליקליכע קליאַטשע! — ענטפער איך צוויינענדיג זיך.

— וואָס וויינסט-דו? פרעגט זי, אַ שטאַרקען שאָקעל געבענדיג מיט דעם האַלז, גלייך ווי זי וואָלט פון זיך אַראָבגעוואָרפען אַ גאַנצען באַרג משא און מיך פריינדליך אָנגעקוקט מיט אַזאַ פנים, טאַקי גאָר ווי אַ מענש. — דו האָסט געמוזט אויסשטעהן און ליידען פון מיר צרות

— אַך! — האָב איך געענטפערט, — מיינע צרות זענען גאָרנישט, דו האָסט זיי מיר געמאַכט אומגערן. דו ביסט, נעבעך, נישט שולדיג. דיינע צרות, זעהסט-דו, זענען אָהן אַ ברעג, גרויס ווי דער ים. איך וויין קוקענדיג אויף דיר, מיין געפאַלענער, פערוואָגעלטער פרינץ. אַך, ביז וואַנען וועסט-דו אַזוי אָבקומען, אַלץ זיך אַרומשלעפען און פון איטליכען אַלץ ליידען? ביז וואַנען, אַך, וועסט-דו זיין אַ שקאַפע, דער וועלטס אייביגע קליאַטשע?

— ביז וואַנען, — האָט זי געזאָגט, — מענשען וועלען ווערען בעסער און קליגער, ביז וואַנען עס וועט אויפהערען אי אַכזריות אי רחמנות, אי רעות אי טובות, אי צו-להכעיס אי צוליב-זאַכען, נאָר אמת און גערעכטיגקייט אַליין וועלען הערשען אויף דער וועלט; ביז וואַנען עס וועט אויפהערען צו זיין אַ חילוק צווישען מענשען, אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ שאָף, אַ בער מיט אַ קוה וועלען אינאיינעם זיך פיטערן און אַ לייב וועט עסן אַ רינד שטרוי; ביז וואַנען עס וועט זיך פעהלען אַל-דאָס-

כיין, די ניט־גוטע וועלען פערלירען זייער כח און עס וועט אָבגעווישט ווערען טרערען פון איטליכענס פנים!...

— אַך! — האָב איך געקרעכצט, עס איז נאָך צו־ווייט צו וואַרטען! ביז יענער צייט, האָב איך מורא, זאָל מען דיר דערווייל נישט דערגעהן דעם עק, נישט אַרויסנעהמען די נשמה!

— מיט מיר, האָט זי זיך אָנגערופען, מיט מיר געהט עס אַקוראַט ווי מיט מיינעם אַ אַלטען חבר א י ו ב, וואָס בשעת ער איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם שטן אין די הענט, האָט גאָט דענסטמאָל אַזוי געזאָגט: שטן, וואָס דו ווילסט, טוה מיט מיין איוב'ן, שלאָג איהם, טוה איהם אָן געבראָטענע לייד, מאַך איהם ברוין און בלוי דאָס לייב, נאָר זיין ג י י ס ט, זיין נשמה זאָלסט־דו היטען!...

— איוב, — האָב איך אַ געשריי געטאָן, — דאָס איז טאַקי דיין חבר, ביין, דאָס ביסט־דו טאַקי אַליין! דאָס איז אַ משל אַקעגען דיר. דאָרט שפיגעלט זיך אָב דיין גליקליכס לעבען אַ מאָל אין עושר און כבוד; דאָרט שפיגלען זיך אָב דיינע יסורים, די רדיפות, די שטעכערטלעך פון דעם עולם בשעת דיין גרויס אומגליק; דאָרט שפיגעלט זיך געטריי אָב איטליכע זאַך בעזונדער. א י ו ב ביסט דו! דו ביסט איוב מיט זיין ש ט ן, מיט זיינע מ כ ו ת, מיט זיינע פ אַ ל ש ע ח ב ר י ם, וואָס פאַלען אויף איהם אָן אין דער שלעכטער צייט און בעשולדיגען איהם, ער איז נישט גוט, ער איז נישט פרום... א י ו ב איז דיין היסטאָריע. דער אָנהויב איוב און דער מיטען האָבען שוין ריכטיג ביי דיר זיך אַרויסגעוויזען, זיין סוף וועט ביי דיר אויך, גאַנץ זיכער, מקוים ווערען. דער שטורם, אין וועלכען גאָט און די גערעכטיגקייט וועלען זיך בעוויזען, וועט, מיין איך, זיין אַ גרעסערער, אַ שטאַרקערער פון דעם, וואָס איז געוועזען ערשט נישט לאַנג!...

— מען שמועסט, — האָט זי זיך אָנגערופען, — אַז דאָס האָט טאַקי אָנגעשריבען יענער בעריהמטער מענש. וואָס האָט מיך אַ מאָל פון אַ קליאַטשע צוריק פאַר אַ מענש געמאַכט, ער האָט דערביי געקוקט גאַנץ וויט!...

איך קוק מיך אום צו מיין קליאַטשע — ערשט איך דערזעה, זי ליגט אויסגעשטרעקט ווי אַ טויטע אויפ'ן רוקען און סאָפעט גאַנץ שטאַרק.

— אָך! — האָט זי צו מיר זיך אָנגערופען מיט אַ קרעכץ — זיי האָבען מיך גאָר פערמוטשעט. איך פיהל, אַז אַלץ האָט ווייטער געהען

ביי אוים די קרעפטען. אין דער צייט, ווען עס עפענט זיך מיר אויף דאס מויל צו רעדען, ווען איך הויב מיר אן ארומצוקוקען און אלצדינג צו בעטראכטען, דענסטמאל הויב איך ערשט אן צו דערפיהלען מיינע וועהטאגען... אך, זיי האבען מיך שרעקליך אבגעשוואכט, שרעקליך קראנק געמאכט—איך פיהל אין מיר נישט קיין גאנץ אבר, קיין גאנץ ביינעל! זעהר שטארק האבען מיך דא ערשט פערמוטשעט עטליכע פארשווינדלעך, איך בין פון זייערע הענט קוים גאנץ ארוים מיט דעם לעבען.

— העלף מיר, איך בעט דיך, אביסעל זיך אויפצוהייבען און אנצושפארען זיך אויף דער זייט, ס'איז עפים קיין דרך-ארץ נישט ווי איך ליג אזוי אויסגעשטרעקט, מחילה, איך קען מיך, לא עליכם, אליין קיין ריהר נישט טאן. אוי מיין קאפ, מיין קאפ!

— וואס איז? — האב איך זי א פרעג געטאן מיט רחמנות,—דער קאפ טהוט דיר, נעבעך, וועה?

— אוי, — האט זי געענטפערט,—עס טהוט מיר וועה איטליכס אבר, איטליכס גליד בעזונדער, מיין גאנץ לייב און לעבען. עס טהוט מיר וועה אי דער קאפ, דער קאפ, אי דער גאנצער פאדער-חלק,—דער פאדער-חלק ווי אויך, מחילה, דער הינטער, הינטער-חלק!...

— לאז זיך פונדעסטוועגען נאר נישט אב, האב איך זי געבעטען מארגען, אז מיר וועלען זיין אין דער שטאדט, וועל איך בעטע א דאקטאר, ער זאל דיך בעטראכטען און דיר עפים פערשרייבען.

— אי, אי! האט זי זיך א חאפ געטאן זעהר דערשראקען. דערמאן מיר נישט, איך בעט דיך, דערמאן מיר נישט קיין דאקטאר! ווער קען נאך אזוי ווי איך די דאקטוירים, די קאנאוואלעס מיט זייער רפואות, מיט זייערע פערשרייבעכטסען?!... ביי זיי איז באלד לאזען צו דער אדער, בלוט אבצאפען און דורכציהען זאוואלקעס. איך האב שוין, ברוך השם, אויף מיר א סך בלויע צייכענס פון זייערע פערשרייבעכטס. זעהסט-דו ביי מיר אט די פרישע סינאקעס? דאס האט מיר נישט לאנג געמאכט א דניעפראוויצער קאנאוואל מיט זיין קליפערגעצייג און מיט זיין פערשרייבעכטס. ער איז פשוט זיך מחיה, ווען עס מאכט זיך איהם א געלעגענהייט צו פערשרייבען. עס זענען דא זעהר פיעל אזעלכע דאקטוירימלעך, וואס ווי באלד נאר עפים א מינדעסטע זאך, א קלייניגקייט, האבען זיי שוין ליעב צו שרייבען, אוז שרייבען אן א מגילה, א גאנצע גרויסע בויגען...

— דערצעהל מיר נאָר,—האָב איך זי געבעטען, — וואו ביסט-דו געווען די גאַנצע צייט, זינט דו ביסט פון מיר פערשוואונדען געוואָרען? ווער איז יענער פארשוין, וואָס האָט דענסטמאָל זיך אַרויפגעהאַפּט אויף דיר רייטענדיג? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען?

מיין קליינשע טהוט זיך אָן אַ כח, הויבט אויף דעם האַלבען קערפּער, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף די צוויי פאָדערסטע פיס, קוקט מיך אָן פריינדליך, און הויבט אָן צו דערצעהלען:

— יענער, וואָס האָט אויף מיך זיך אַרויפגעהאַפּט רייטענדיג,— האָט זי אָנגעהויבען צו דערצעהלען,— דאָס איז געווען אַ לץ. נאָכדעם, אַז די דייטשלעך, די נישט-גוטע, לאָזען מיך אַ ביסעל צורוה, וואַקסט געוועהנטליך פלוצלים אויס אַ לץ, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, זעצט זיך אויף מיר רייטענדיג און טרייבט מיך איבער בערג, איבער טאָלען, איבער פעלדער, איבער וועלדער. אַבי נאָר איינער האָט געמאַכט דעם אנהויב, שפּרינגען שוין אַרויס נאָך אַ סך לצים פון פערשיידענע געשטאַלטען און פון פערשיידענע שטאַנדען. עס ווערט אַ געשפּעט, אַ געלעכטער ביז דעם הימעל, איטליכער זאָגט אַ ממרא, אַ סליחה, נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, איטליכער גיט אַ פייג און שטעלט אַרויס אַ צונג. אַלע פון גרוים ביז קליין זעצען זיך אויף מיר אָן און האָבען מיט מיר צו טאָן. פיעל מאָל צוקריגען זיי זיך איבער מיר; איינער זאָגט, מען זאָל מיט מיר זיך נוהג זיין אַזוי, און דער אַנדערער זאָגט עפּיס אַנדערש; יענער זאָגט, איך זאָל פליהען אין דער לופטען, און דער ווינשט, איך זאָל געהן דורך דער ערד. עס ווערט אַ ליאַרם, אַ געשריי, אַ געפּילדער, אַ מהומה, אַז דער קאָפּ ווערט דול הערענדיג. אַזוי שפּילען זיי זיך מיט מיר אָן, שרייען זיך אָן און דער „איבּיגער וואָפּראָס" וועגען מיר בלייבט טאַקי אַלץ נישט גערעשעט. אין קאַלעמוטנע וואַסער, זאָגט דער עולם אַ ווערטיל, איז גוט פיש צו חאַפּען. דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרען אויף מיר. אין מיטען דער בייזער מהומה חאַפּט מיך דערוויל איינער פון דער חברה, פאָהרט אויף מיר אַרוים אין דער וועלט, מאַכט מיט מיר געשעפטען און הויבט מיך אָן צו פערקויפען צו פערשיידענע מענשען. איך זאָג צו פער-שיידענע, מחמת אין אַ קורצע צייט דיען איך זעהר פיעל בעלי-בתים. איידער איך האָב מיך נאָך נישט רעכט אַרומגעקוקט ביי איינעם, קומט דער רוח און טראָגט מיך אַוועק צו איין אַנדערען. ביי וועמען, ווילסט-דו, בין איך שוין דען נישט איבערגעווען? ווער האָט דען נישט גע-נאָסען און פון מיר נישט אָבגעלעקט אַ ביינדעל? הויב אָן פון אַ מינדסט

פריצ'ל, פון ר סאָטסקע, אַ קוואַרטאַלנע וכדומה ביז עפּיס העלערס; פון אַ מגיד, אַ מוכיח, אַ מוסר-זאָגער, אַ ירא-שמים ביז גאָטס סטראַפּטשעס וכדומה אַזעלכע טשינאָווניקעס צווישען די הימעלמענשען; פון אַ לאַקיי, אַ כּמאָטריטעל, אַ פּיסמאָוואָדיטעל, אַ נאַדזיראַטעל ביז אַ דירעקטאָר אין די יודישע שולען; פון אַ שמש, אַ קהל'ישען שרייבער, אַ חאַפּער, אַ סבאָר-שטשיק, אַ פּאָווערעני, אַ דעפּאָטאַט, אַ בעל-עצה, אַ בעל-טובה, אַיין אָנחאַפּער ביז דעם בעל-טאַקסע פון פלייש און סוועטשנאָי סבאָר וכדומה די גאַנצע כנופיא קהל; הויב אָן פון בעהעלפער, מלמדים, שדכנים, בודחנים, בטלנים, טויזענטערליי גבאים, משולחים און שתדלנים, ישיבה-בחורים, פּרושים, לומדים, זיידענע מענשען, שענע יודען, טאַטענס-קינדער, תהלים-זאָגער, משניות-לערנער, בעלי-תפלות, שופר-בלאָזער, דרעהדלעך-מאַכער, פּורים-שפּילער, מצה-רעדלער, ביז די דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערינס, קנייטלעך-לעגערינס, פעלד-מעסטערינס וכדומה דאָס גאַנצע כלי-קודש. אַלע כסדר האָבען אויף מיר זיך אָנגע-זעצט, פאַר איטליכען האָב איך, נעבעך, בעדאַרפט אַרבייטען און איטליכען אויף מיר טראָגען, זיי קאָסטען מיר געזונט און לעבען, איך האָב פון זיי צו זינגען און צו זאָגען. ניחא וואָלט מיין אַרבייט האָטש אָנגעלעגט געווען — חלילה! וויפיעל איך זאָל נישט אַרבייטען, איז אַלץ ווייניג. אַלץ קאַרג. אַ קאַטאָוועס עפּיס אַזאַ פּעקיל, אַזאַ גרויסע הונגעריגע כנופיא! ניחא וואָלט מיין אַרבייט חאָטש עפּיס נוצען געבראַכט — חלילה! איך אַרבייט, איך האָרעווע — פאַר ווען? משטיינס-געזאָגט, פאַר וועמען?... מעשה שטן פאַל איך תמיד אַריין אַזעלכע לייט אין די הענט, זיי נעהמען ביי מיר אַרויס דעם דם התמצית, פערשלאָגען מיר דעם קאָפּ מיט דעם מוח און מאַכען מיך אויסצודרעהען. פון די לייט ווייס איך זעהר פיעל זאַכען, אָבער זיי איז דאָ פיעל צו שמועסען און צו פרעגען. נאָר נישט אַלץ אָבער וואָס מען ווייסט, קען מען ריידען, נישט אַלע קשיות קען מען פרעגען און נישט אויף איטליכער קשיא בעקומט מען אַ תירוץ. וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז אַ מאָל זיך בעגניגען מיט איין תירוץ אויף אַלע קשיות: „עבדים היינו לפרעה במצרים", דאָס הייסט: פאַר אַ קליאַטשע האַט מיך געמאַכט דער קעניג פון מצרים!

— איין קשיא וועל איך דיך טאַקי פרעגען, — האָב איך צו איהר געזאָגט — ווי קומט עס, אַז אויך יענע פריצים, וועלכע דו האָסט גערעכענט אין צעטעל, זאָלען וועלען אין די הענט נעהמען אַזאַ חיסטע, בידנע קליאַטשע?

— מעשה שטן, האָט זי געענטפערט, ווערען זיי פאַרבלענדזט די אויגען. מעשה שטן, נאַרען זיי זיך און מיינען, אַז איך בין גאָר נישט קיין בידנע, אַדרבה אַ האָרעפּאַשנע, אַ קאַפּיטאַלנע קליאַטשע!...

— אומגליקליכער פּרינץ, בידנע קליאַטשע! — האָב איך אַ קרעכץ געטאָן און מיך שטאַרק פערטראַכט.

## דרייצעהנטער קאפיטעל

# א בריעף אין קאמיטעט פון דער חברה „צער בעלי חיים“.

נאכדעם אז די שקאפע האט אבגערערצעהלט איהר מעשה, האב איך פון דעם גאנצען הארצען א זיפץ געטאן און ווידער זיך פערטראכט.

— עפּיס טראכסט־דו מיר היינט צופיעל! — האט די שקאפע צו מיר זיך אנגערופען. — דו ביסט עפּיס זעהר צוטראגען, לעג זיך צו שלאפען און רוה זיך, כ׳לעבען, אוים אביסעל.

— איך זאל שלאפען?! — טהו איך א זאג מיט פייער. — איך זאל שלאפען בשעת דו ליידסט, בשעת דו קרעכצסט, בשעת דיר טוהט וועה איטליכס אבר?! איך זאל שלאפען אין דער צייט, בשעת דו בעדארפסט האבען הילף, בשעת דו קענסט זיך, נעבעך, אליין פון דעם ארט נישט ריהרען און מוזט האבען עמיצען, וואס זאל דיר העלפען אביסעל זיך אויפצוהייבען, זיך צו שטעלען אויף די פיס?! אמת טאקי, איך בין נישט דער מענש, וועלכען דו בעדארפסט אייגענטליך האבען אין דיין נויט. וואס קען אזא שלאף מענשיל, ווי איך, דיר העלפען? וואס, משטיינס־געזאגט, איז איגאנצען מיין כח? קוים וואס איך האלט מיך אליין אויף די פיס, מען קען מיך מיט א בלאז אומווארפען. דו בעדארפסט האבען איינעם א שטארקען, א בר־יכולת, א געזונטען און א געניטען. נאר כל־זמן אבער דער איינער איז נאך נישטא, כל־זמן דו האסט נישט קיינעם, טהאר איך מיך נישט מאכען נישט־וויסענדיג און מיך לעגען שלאפען. איך מוז אנווענדען אלע מיינע כחות דיר, נעבעך, חאטש עפּיס מיט וואס־ס׳איז צו העלפען. ניין, חלילה, ווי טהאר איך, ווי קען איך שלאפען? — איך, זאגסט־דו, זאל רוהען! אדרבה, איז מעגליך צו רוהען נאך אלצדינג, וואס איך האב געהערט און געזעהען?

קען איך דוהען, אז אזעלכע גרויסע צרות שטעהען פאר מיינע אויגען, אז דאס גאנצע פעקיל לעדיגגעהער, בלוטזויגער פערשלאגען מיר דעם קאפ און דרעהען זיך פאר מיר, ווי שרעקליכע מחנות היישרעקען? אט, אט, דאכט זיך מיר, פאלען זיי אן, צונעהמען זיי מיך אויף שטיקלעך; אט גיט איטליכער נאר א קליינעם ביס, עסען זיי מיך אויף און עס בלייבט פון מיר נישט קיין שריד ופליט. ניין, זאג איך דיר, איך וועל נישט שלאפען, איך וועל נישט רוהען!...

— דו רעדסט, — האט מיין שקאפע געזאגט און געשאקעלט מיט דעם קאפ, — דו רעדסט מיט פייער ווי א יונגער מאן, זיי מיר מוחל; ווי איינער, וואס האט ערשט געענדיגט די קלאסען. געוועהנטליך מאכען זיי גיכע בעקאנטשאפטען און ווערען צו איינעם ווי צוגעזאטען. עס טראגט זיי אונטער דאס מינדסטע פיצעל עולה, זיי ווערען אש-להבה, רעדען פאר פייער, פאר וואסער, נעהמען זיך אין קאפ אריין זאכען און מיינען דערמיט, אז זיי וועלען די גאנצע וועלט איבערשטעלען... איך האב שוין אין מיין לעבען א סך אזעלכע געזעהען; דערנאך אז זיי ווערען אביסעל עלטער, קומען אין דער וועלט, הויבען אן צו פיהלען דאגת-פרנסה, דענסטמאל לאזען זיי אראב די נאז, עס נעהמט זיי אב דאס לשון, און חוץ זייער אייגענעם אינטערעס געהט זיי ווייטער קיין שום זאך נישט אן. עס איז נאך האטש גוט, אז זיי אליין בלייבען עהר-ליך, פערקויפען נישט דעם אמת פאר א גראשען און שטעהען נישט-צו צו יענע לייט, מיט וועלכע זיי זענען פריהער געווען קאנטרע, פאר זייערע קרומע גענג; עס איז נאך גוט, אז זיי לויבען נאך האטש נישט די דאזיגע לייט פאר דער גאנצער וועלט און זידלען נישט אב, שיטען נישט אב מיט פריסעק זייערע פריהערדיגע גוטע פריינד... מיט דיר וועט עס אויך אזוי געהן. אצינד ביסט-דו יונג, הייס ווי פייער, שפעטער אביסעל וועסט-דו זיך אבקיהלען, וועסט מיך פערגעסען און גאנץ רוהיג שלאפען, — וואס וועט דיך אנגעהן אזא בידנע שקאפע? שפעטער, נישקשה, וועסט-דו ווערען קעלטער און שטילער. דאס איז שוין אזוי על פי דרך הטבע אי ביי מענשען, אי ביי בהמות. קוק, א שטייגער, אן א מינדסטע קעלביל, ווי אזוי שטארק זי דריגעט מיט די פיסלעך, ווי אזוי שטארק זי פערדרייט דעם עק און שפרינגט. גאר א מחבל. קוק זשע אבער דאס אייגענע קעלביל טאקי אן שפעטער, ווען עס ווערט א אקס, ווי שטיל עס איז, ווי עס געהט אנבויגענדיג דעם קאפ אין דער אך. וואס מאכט עס אוים? איטליכער, כ'לעבען, ווערט שפעטער א אקס...

— כ'לעבען! — האָב איך זיך אָנגערופען נאָך מיט מעהר פייער, — דו האָסט אין מיר, כ'לעבען, א טעות! אי, דו זאָלסט וויסען, וואָס ביי מיר אין הארצען איז, וואָס איך האָב שוין פאַר דיר געטאָן און דענק נאָך עפּיס ווייטער צו טאָן!

— „וואָס דו האָסט געטאָן און וואָס דו דענקסט ווייטער צו טאָן!" — רופט די שקאַפּע פערוואונדערט זיך אָן. דערצעהל אדרבה, דערצעהל, לאָמיר הערען.

איך האָב אָקעגען א פאָר מינוט זיך געבאָברעט אין דער בוזעם־קעשענע און אַרויסבעקומען פון דאָרט געשריבענע פאַפּירען.

— אָט דאָס, — מאַך איך מיט א ערענסט פּנים, אַרויסנעהמענדיג א בויגען פון די פאַפּירען, — אָט דאָס וועט דיר בעווייזען, אז איך האָב ליעב טאַקי צו טאָן, נישט נאָר אָבקומען גלאַט מיט רעדען אַליין, אזוי ווי אַנדערע. דאָס איז מיין בריעף, וואָס איך האָב מכּח דיר, פאַרשטעהסט־דו מיך, געשריבען צום קאָמיטעט פון דער חברה „צער בעלי־החיים", נאָכדעם אז איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט דיין ב'מערער לאַגע.

די שקאַפּע מיינע שטעלט אויף די אויערען און איך לייען איהר אויף א קול מיין בריעף מיט די ווערטער:

„די מדה פון רחמנות איז אזוי גרויס און אזוי שטאַרק אין דער מאָדע היינטיגע צייטען, אז מענשען האָבען אָנגעהויבען רחמנות צו האָבען נישט נאָר אויף מענשען אַליין, היינו: זיי נישט פיינט צו האָבען, נישט צו פּייניגען, נישט צו פאַרדרעהען זיי דעם קאָפּ מיט דעם לעבען, ווי אין די אַלטע יאָהרען, נאָר איטליכען צו בעטראַכטען פאַר א ברודער, פאַר א חבר, פאַר א פריינד, גאָר קיין שום חילוק נישט צו מאַכען, פון וועלכען לאַנד און פון וועלכער נאמנה ער מעג זיך זיין; נישט נאָר מיט מענשען אַליין, זאָג איך, האָט מען היינט אנגעהויבען זיך צו בעגעהן מיט רחמנות און מיט מענשליכקייט, נאָך מעהר אפילו מיט בהמות, אפילו מיט זיי בעגעהט מען זיך היינט מיט באַרמהערציגקייט און מען בעטראַכט זיי פאַר גאַנץ בעשעפעניש, און וואָס דעריבער פערדינט טאַקי מיט רעכט היינטיגע צייט דעם נאָמען: „די צייט פון מענשליכקייט".

— מליצה, מליצה, מליצה! פאַלט מיר די שקאַפּע אריין אין די רעד מיט געשפּעט. זעהר שענע מענשליכקייט! האָסט געמענט איך צו־שטעלען, אז היינט נעהמט איינער ביי דעם אַנדערן אַרויס דאָס לעבען

זעהר גרינג, גיך און באַלד, מיט גוטע ביקסלעך און קלוגע המצאות, וואָס דער באַרמהאַרציגער דור האָט, לטובה פאַר די מענשען, אויסגעטראַכט!

— וואַרט נאָר, וואַרט. — שריי איך פערפלאָמט, — און לאָז זיך דינען! וואָס טויג מיר, וואָס רו רעדסט! העד אָקאַרשט ווייטער, ווייטער, און זיי מיך נאָר נישט מבלבל. ביי וואָס בין איך געבליבען שטעהן? יאָ ביי דעם:

„היינטיגע צייט פערדינט מיט רעכט דעם נאָמען: די צייט פון מענשליכקייט". דער כבוד פאַר אַזעלכע מדות טובות קומט אייך, רבותי, אייך, טייערע, דימענטיגע און גוטע מענשען, אייך, פיהרער פון דער בעריהמטער חברה „צער בעלי החיים"! דורך אייך זענען דאָך געהאָלפען געוואָרען אַזוי פיעל לעבעדיגע בעשעפעניש, אַזוי פיעל בהמות, אַזוי פיעל עופות, דורך אייך בענעהמט מען זיך שוין היינט מיט זיי בעסער, מענשליכער, אוים מאָדע פייניגען, שלאָגען, אָנטאָן לייד! אומעטום, אויף אַלע וועגען, אויף אַלע שטרוזען, אין אַלע שטעדט, אין אַלע דערפער, אין אַלע לעכער, זענען דאָך היינט דאָ אייערע באַרמהאַרציגע משולחים, גוטע, פאַרשטענדיגע חברה-לייט, וואָס גיבען גוט אַכטונג און רעכנען זיך מיט איטליכען אָב פאַר אַ מינדסטע בעליידיגונג. חלילה-וחס מען זאָל היינט בעליידיגען!...

— מליצה, מליצה, מליצה! — האָט די שקאַפע ווידער איבער-געשלאָגען מיר די רעד מיט אַ גרוים געשפעט. — אַז וואויל איז אייך, לעבעדיגע בעשעפעניש! אַז וואויל אייערע קינדער, וואָס איהר לעבט אין אַזאַ דור, וואָס גוטע חברה-לייט זאָרגען זיך פאַר אייך! טאַנצט, בהמה'לעך, טאַנצט!... אין דער בוּניע, זיי מוחל, געה אַריין, ווען-דו הערען אַ קאָנצערט, וועסט הערען און זעהן, ווי הינער, גענז, אינדיקעס וכדומה זינגען, שפרינגען און צאַפּלען זיך פאַר גרוים פרייד! דאָרט שטעהט נאָטם בן-יחיד'ל, דער מלך פון אַלע בעשעפעניש, עפּים אַ שוחט'ל, אַ פרום מענשיל, ער מאַכט אַ ברכה, גיט אַ חיק אַ האָהן, און באַלד טאַקי, אין דער הייסער רגע, פליקט ער איהם אוים די גאַנצע פעדערען. דער האָהן שרייעט „אמן", אויף אַ קול, און פאַרגעהט זיך אַזש פאַר גרוים תענוג. ער וואַרפט-זיך, ער צאַפּעלט-זיך נאַקעטערהייט, אַ מאָל טאַקי אַ גאַנץ היבשע צייט ביז די נשמה געהט איהם אוים, און אויסגעהענדיג טוהט איהם משונה הנאה. וואָס ער האָט אַ זכיה, איינ-איינעם מיט אַלע היהנער פון דער שטאָדט איבערצולאָזען זיינע פעדערען

בירושה דעם גוטען, דעם פרומען, דעם באַרמהאַרצעדיגען שוחט'ל... געננג אָנגעפּאַקטע זעקלעך מיט פעדערען האָב איך, נעבעך, אין גלופּסק, ביי די שוחטים, איבערגעפיהרט. פון דער דאָזיגער ירושה, אַזאַ טייערע, גילדענע ירושה — אָדער ווי ביי זיי הייסט עס חזקה־פעדערען — האָב איך געננג געשוויצט, בין גוט פערשוואַרצט געוואָרען, עס טהוט מיר פון איהר וועה די ביינער!

— עט, עט! האָב איך זיך אָנגערופען, פערפלאָמט און פערפאַליעט פון דעם לייענען. עט, וואָס איז דאָס פאַר אַ שייכות? דו פאַרשטעהסט, כ׳לעבען, נישט דעם גאַנג פון שרייבען, האָסט דרינען נישט קיין געפיהל. הער בעסער וייטער, וייטער, וואָס וייטער שטעהט געשריבען! שוויג בעסער און הער מיט קאָפּ, וואָס איך לייען. אָט וואָס איך שרייב וייטער:

„און אַזוי ווי איך האָב דעם כבוד, אויך דאס גרויסע גליק, איינגעקויפט צו זיין אין דער חברה, בכן איז אויף מיר מוטל אייך צו מעלדען מכח גאָטס אַ בעשעפעניש, וואָס עס האָט עפּיס גאָר קיין נאָמען נישט, וואָס איך וויים אָסור אליין נישט, ווי איך זאָל עס אייך דאָ אָנרופען. זאָל איך עס אָנרופען קליאַטשע, איז עס, דאַכט זיך, — לאַכט נאָר נישט, איך בעט אייך — איז עס עפּיס אַ מענש; לאָמיך זשע עס אָנרופען מענש, איז עס, דאַכט זיך, אַ קליאַטשע! נאָך אַ מאָל, רבותי, לאַכט פון מיר נישט! איך טראַכט עס נישט אוים פון דעם קאָפּ. פשוט איז פשוט, דאָס מין בעשעפעניש לעבט אויף דער וועלט. עס איז אַ קליאַטשע, נאָר עפּיס האָט עס געפיהלען און אַלע פּאָטעמקעס, אַקוראַט ווי אַ מענש. אַז מען זאָל דאָס נעהמען על פּי חקירה, קען מען אַפילו אויסווייזען, אַז „אין כל חדש תחת השמש", דאָס הייסט, אויף דער וועלט טרעפט זיך אַזעלכע זאַכע. וואָס זענען דען געווען די פּאַריער, אַ שטייגער, אין אינדיען? טאַקי עפּיס מיני מענשען, פאַררעכענט אַזוי פיעל ווי די הינט... וואָס זענען דען געווען יענע, וועלכע עס האָבען אַ מאָל געאַרבייט „פּאַנשטשינע" — דאָרט אין אַמעריקא? אויך עפּיס נישט קיין מענשען, נישט קיין בהמות, ניט־דאָ געדאַכט! וואָס בעדאַרפט איהר מעהר, האָט דען ערשט נישט לאַנג איינער אַ גרויסער יעזואיט, פּאַטער בורגשטאַללער אין דער שטאָדט פעלדקירך, פאַר גרוים כעס נישט געשטעלט דעם בעריהמטען חכם אַלעקסאַנדר פאָן הומבאָלדט אין דער מדרגה פון די בהמות? ער האָט פשוט געמאַכט דעם דאָזיגען חכם פאַר אַ פיה, פאַר אַ בהמה! אַ נס

וואָס מען האָט בייצייטענס זיך אַרומגעקוקט, זיך שטאַרק אויסגעלאַכט, איז דערפֿון גאָרנישט געוואָרען... נאָר איך וויל מיך דאָ אָבער נישט אַריינלאָזען אין חקירות, אין די הויכע דרכים. אַזוי צי אַזוי, נאָר הנה זייט וויסען, אַז אין אונזער קאַנט איז דאָ אַ מין בעשעפעניש, וואָס עס קומט, נעבעך, שרעקליך אָב. דער וואָס בעדאַרף, אַרבייט דערמיט מעשים, האָט פֿון דעם הנאָה; עס געהט אין דעם יאָך און טראָגט משא איבער די קרעפטען. פֿונדעסטוועגען בענעהמט מען זיך מיט איהם זעהר שלעכט, היינו: מען האַלט דאָס בעשעפעניש אָבגעזונדערט פֿון דער שטאָדט־טשערעדע, גלייך ווי עס איז אַ זאַראַזע. לאָז עס ערגיץ חאַפּען אַ לעק, עפּיס אַ ביסען, רייצט מען אָן הינט, מען שרייט: גוואַלד, עס נעהט אין שאָדען, — און עס שיטען זיך אויף דעם שלימזל קלעפּ פֿון אַלע זייטען. אַ סך חברה־לייט זעהען עס צו און — אַ חידוש! — זיי מאַכען זיך נישט־וויסענדיג, גלייך ווי אַזעלכס איז הפקר און געהר זיך כלל מיט דער חברה נישט אָן. איך האָב מיך געפּריוואָט אַ פּאָר מאָל פֿאַר איהם אַרויסשטעלען זיך, האָב איך געהאַט מיין עהרליך אויס־קומעניש. גוואַלד, וועל איך שרייען, וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס?! אָנגענומען אין דער סברא, אַז דאָס בעשעפעניש, פֿון וועלכען איך שרייב דאָ, איז טאַקי נישט מעהר ווי אַ קליאַטשע, אַוועקגעלעגט שוין אַלע אַנדערע זאַכען אין דער זייט, אָבער פֿאָרט איז זי דאָך גאָטס אַ בעשעפעניש, נישט ערגער פֿון אַנדערע קליאַטשעס. עס איז אויף איהר, נעבעך, אויך אַ צער בעלי־החיים!...

און איהר, באַרמהאַרצעדיגע גבאים פֿון דער טייערער חברה, וואָס אייער רחמנות איז אַזוי גרויס אויף אַלע חיות, אויף אַלע בהמות, דער־באַרמט אייך אויך אויף דער וויסטער, אומגליקליכער קליאַטשע! שטעהט איהר בּיי אין איהרע נויטען און נעהמט זיך אָן איהר קריוודע. שפּרייט אויף איהר אויס אייערע פֿליגעל און לאָז זי דורך אייך אויך געהאָלפען ווערען. לאָז זי, שלימזלדיגע, נעבעך, אויך וויסען, אַז היינטיגע צייט איז נישט מעהר הפקר אַ וועלט. עס איז דאָ אַ חברה „צער בעלי־החיים"!

## דאס פערצעהנטע קאפיטעל

# אַ ענטפער, וואס דער קאמיטעט האט אויפגעטאן אין דעם דאזיגען ענין.

די לעצטע ווערטער פון מיין בריעף: „היינטיגע צייט איז נישט מעהר הפקר אַ וועלט, עס איז דאָ אַ חברה „צער בעלי-חיים!" האָב איך אויסגעלאָזט אויף אַ קול, אַזוי הויך, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט אַזש געהילכט אין דעם גאַנצען וואַלד, גלייך ווי די אַלע בעשעפעניש דאָרט האָבען אָנגעקוואָלען הערענדיג אַזעלכע ווערטער, פאַר שמחה זיך אַרומ-גענומען, איינער דעם אַנדערן געזאָגט „מזל-טוב!" מיט אַזאַ גוטער בשורה און אַ געשריי געטאָן: עס זאָל לעבען און געזונט זיין די חברה צער בעלי-חיים! דעם נאָמען פון דער חברה האָב איך באמת געהערט זיך אָברופענדיג גאַנץ קלאָר אין דעם וואַלד. די שקאַפע אָבער האָט געשוויגען, געשאָקעלט דעם קאָפּ און געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכעלע. עפּיס ווי איינער זאָגט: אַי, ביסט-דו אַ לעקיש!... מיך האָט דאָס אפילו אַביסעל פערדראָסען, איך האָב אָבער ביי מיר געטראַכט: עט, זי האָט אין שרייבען אַ קליינע ידיעה... פאָרט, לא עליכם, אַזוי פיעל יאָהר אַ קליאַטשע.

איך האָב מיך אַ קראַץ געגעבען אין דער פּאָטיליצע, צונומען נאָך אַ בויגען פּאַפּיר און געלייענט דאָס, וואָס דער קאָמיטעט פון דער חברה האָט מיר געענטפערט.

„אין אונזער תשובה אויף אייער בקשה מכח דער קליאַטשע, אָדער דעם בעשעפעניש, וואָס מיר קענען גאָר נישט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ מין שלימזול דאָס איז, זענען מיר, קאָמיטעט פון דער חברה „צער בעלי-חיים", אייך, ליבהאַרצעדיגער האַר, מודיע, אַז חוץ אייך זענען

שוין צו אונז אָנגעקומען אַ סך פראַשעניעס פון פערשיעדענע מענשען אַלץ מכּח דער דאָזיגער קליאַטשע. אַ טייל קלאָגען זיך אויף די דאָזיגע, װאָס פּייניגען זי, בעשרייבען איהר שלעכטע לאַגע און בעטען רחמים, אַז מיר זאָלען געבען בפירוש אַ „מעהל צו אונזערע חברה־לייט, אומע־טום, וואו די קליאַטשע געפינט זיך, זאָל מען מיט איהר זיך בעגעהן מענשליך, אַזוי ווי מיט אַלע אַנדערע בהמות און בעשעפעניש, וואָס שטעהען אונטער אונזער שוץ. גאָר אָהן אַ שום אונטערשייד; מיר זאָלען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָנזאָגען, אַז אין דעם דין פון רחמנות זענען נכלל אַלע בעשעפעניש גלייך, אפילו די קליאַטשע אויך, און אַז מען וועט זעהן, ווי עמיצער בעהאַנדעלט זי שלעכט, זאָל מען מיט איהם פּאַקי אויף דעם אָרט זיך אָברעכענען כּפי הזאַקאָן. צווישען דעם דאָזיגען טייל געפינען זיך אויך אי אַזעלכע, וואָס מאַכען פון דער קליאַטשע אַ־גאַנצען פּירוש, פלאַפּערען און פלוידערען איבער איהר עפּיס משונה ווילדע הגדתות, פּונקט, מחילה, ווי איהר, ליבהאַרציגער האר. אַקעגען־זשע ווידער אַ טייל שרייבען פאַרקעדרט. „איהר קענט נישט און איהר בעדאַרפט נישט", זאָגען זיי צו אונז, „זיך אויפשטויסען מיט די דאָזיגע, וואָס דערלאַנגען אַזעלכער אַ מאָל אַ קלאַפּ, דער קלאַפּ איז זעהר נויטיג, מען קען נישט אויסקומען אַנדערש". לויט זיי זאָגען, פיהרט זי זיך אויף עפּיס זעהר ווילד, איהר גאַנצער היליך איז נישט ווי עס בעדאַרף צו זיין, וויל מען זי איינשפּאַנען, ווי דער שטייגער איז, שטעלט זי זיך אויף דיבאָם, זאָגט קוממיות– פערקוקט מען זיך אַ מאָל, שפּרינגט זי אַרויס פון די האָלאָבלעס, וואַרפט זיך אַראָב די גאַנצע משא, האָט ליעב שטילערהייט אַ בריק צו טאָן, אַ בים צו טאָן קליינע קינדער. זי מוז אויף זיך האָבען אַ בייטש, אָהן אַ שמיץ איז גאָר אוממעגליך מיט איהר אויסצוקומען. היינט דערצו איז זי נאָך אומריין. עס הענגט איהר נאָך אַ לאַנגע קאָלטענעוואַטע גריווע, עס יאַטרעט זיך איהר עפּיס אויף דעם קאָפּ, איז יאַדעשליווע, מען קאָן זי אויף קיין סברא נישט לאָזען זיין צווישען אַנדערע פערד, זי וועט זיי נאָך זיכער אָנשטעקען. און וואָס צום אַרבי־טען איז נוגע, טויג זי בשום אופן נישט צו איטליכער אַרבייט, נאָר עפּיס צו געוויסע, נישט קיין שענע מלאכות. צו די אַלע מעלות האָט זי נאָך שטאַרק ליעב צו געהן אין שאָדען. נישט איינמאָל פערנעהמט מען זי צווישען תבואות, וואָס זי פרעסט, צוטרעט זיי און טוהט דער־מיט פּויערען, נעבעך, שרעקליכע הזקות אָן, בשעת אַנדערע פערד, אַ סך שענערע, בעסערע פון איהר, פיטערען זיך גאַנץ פיין, ווי יעם געהער צו

זיין, אויף דעם גרינעם גראָז. עס איז דעריבער מסוכּן אַזעלכע צו האַלטען אין דערפער. איהר בעדאַרפט אייך, כּ'לעבען, גאָר נישט חידושען מאַכען, נישט זוכען זיך צו יעגעם, וואָס איז אַ מאָל זי מלבּר מיט אַ קלאַפּ. נישט אויף איטליכען קאָן די חברה רחמנות האָבען. זי פּעה דינט, נישקשה, דעם קלאַפּ. זי איז אַ אָנשיקעניש, אַ פּלאָג פון זיין ליבען נאָמען!"

ביי דער קליאַטשע, נעבעך, האָט זיך אַרויסגעריסען אַ זיפץ טיף פון דעם האַרצען, זי האָט אויפגעשטעלט די אויערען, אויפגעעפענט דאָס מויל, הערענדיג אַזעלכע מסירות, אַזעלכע בלבולים אויף איהר. איך האָב אַביסעל מפסיק געווען בכדי צו חאַפּען דעם אָטהעם, דערנאָך האָב איך ווייטער געלייענט:

„נאָכדעם אַז מיר, קאָמיטעט, האָבען גוט אויסגעהערט ביידע צדדים און פון אונזער זייט אויך פערנומען וועגען דער קליאַטשע שטילערהייט „כוויעדיעניעס" דורך אונזערע חברה־לייט, גיבען מיר די גאַנצע „דיעלע" מכח איהר מיט אַלע פּאַפּירען איבערגעגעבען אַבעזונדער קאָמיסיע, זי זאָל עס ריכטיג בעקלערען און געפינען גומע מיטעל, ווי מען זאָל די זאַך פערבעסערן. די קאָמיסיע האָט אין דער זאַך שטאַרק געאַרבייט, און פון איהר זייט אויך חוקר ודורש געווען ביז זי איז, ברוך השם, געקומען אויף אַ שטייגער.

— עס וועט שוין אַ מאָל זיין עק, אַ סוף נעהמען די פּוסטע רייד? — האָט די קליאַטשע אַ פרעג געטאָן, עס ווערט, כּ'לעבען, נישט גוט הערענדיג.

— נישקשה, וועסט בּאַלד הנאה האָבען, האָב איך געענטפערט און ווייטער געלייענט:

„אין איהר „ראָקלאַד" האָט די קאָמיסיע אונז פאָרגעלעגט איהר חות־דעת מיט די דאָזיגע ווערטער: קודם כּל, זאָגט זי, זאָל מען דער קליאַטשע אַראָבנעהמען די קאָלטענעס. לאָז זי באמת ווערען אַביסעל ריינער. בכדי אויסצומיידען אַ סך סכּסוכים וועגען דעם ענין און צו פערבעסערן איהר צושטאַנד אויף להבא, מוז מען, נאָך אונזער מיינונג, זעהן, זי זאָל נישט זיין אַזוי פערגרעבט. מען בעדאַרף איהר שטעלען אַ גאַנג — זי בילדען און אויסלעהרנען, ווי צו שפּילען אַ פּוס און נאָך זאַכען. דערנאָכמאָל ערשט לאָז זי זיך בענוצען מיט אונזער רחמנות; ערשט דעמאָלט, אַז זי וועט קענען די אַלע קונצען, וועלכע מען פערלאַנגט פון אַ געלעהרענטער קליאַטשע, דעמאָלט וועט די חברה איהר

בייטשעהן און נישט צו־לאזען. מען זאל זי גראָב בעהאַנדלען. דערווייל מוז מען אכטונג געבען, אז פון די פעלדער מיט תבואות לאָז זי, בכל־האופנים, זיין אַביסעל דערווייטערט, טאַקי פון איהר טובה וועגען. דאָס הייסט, ווי די מעשה איז, נעהט זי, אָדער געהט זי נישט אין טאָדען, דערווייל לאָז מען אויף איהר נישט אָנפאַלען...

דער דאָזיגער פּלאַן פון דער קאָמיסיע איז אָנגענומען געוואָרען און מיר האָבען שוין פון אונזער זייט געטאָן אַלצדינג וואָס מעגליך איז איהם, מיט גאָטס הילף, אין קורצער צייט אויסצופיהרען.

„אינדעם אז מיר זענען אייך דאָס מודיע, קענען מיר זיך נישט איינהאַלטען נישט צו דאַנקען אייך, בארמהארציגער האַר, פאַר אייער געטרייישאַפט, מיט וועלכער איהר דינט תמיד דער חברה, און פאַר אייער גרויס רחמנות, מיט וועלכער איהר זאָרגט זיך שטענדיג פאַר די אומ־שולדיגע, אומגליקליכע בעשעפעניש, נעבעך. דער קאָמיטעט, ניעקשה, האָט א אויג און פערשטעהט, אזעלכע נצליכע מענשען ווי איהר צו שעצען. א. ז. וו.

קוים נאָר יאָס געענדיגט דעם דאַנק, וואָס דער קאָמיטעט גיט מיר, דערהער איך אין וואַלד א געשריי. מיינענדיג, טאָמער איז עס דאָרט א חיה רעה אָדער א גזלן, ווייס איך וואָס אין א וואַלד קען זיך מאַכען! כהו איך מיך א חאַפּ צו דער בוזעם־קעשענע, רוק זיך אַרונטער בעסער אונטער די צווייגען און זיץ אין שרעק, אין איינע צרות. דאָס קול האָט ווייטער וויי־טער געלאָזט זיך בעסער הערען און נאָך אין א פּאָר מינוט ארום איז פון דעם וואַלד אַרויסגעפאָהרען א פויער מיט א גרויסע פוהר האָלץ. ער האָט געשריגען, געפלוכט און געשאָלטען, געשלאָגען טויט־שלעק זיין קליין פערדיל, נעבעך, וואָס איהם איז שרעקליך שווער געוועזען צו שלעפּען אזא משא און פלעגט זיך אַלץ אָבשטעלען. עס איז מיר אַראָב ווי א שטיין פון הארצען. ווי באַלד אָהן סכנות, בין איך בעהאַרצט אַרויס פון דער בעהעלטעניש, צוגעגאַנגען צום פויער און זאָג איהם:

— טשויעש! פאַר וואָס שלאָגסט־דו אזוי דאָס פערדיל, נעבעך! א רחמנות, מען טאָהר אזוי נישט שלאָגען.

— שטשאָ ווין טאַס קאַזשע נעמאַזשנאָ! — האָט דער ערל שטאַרק פערוואונדערט געענטפערט און זיך גענומען ווייטער צום פערדיל, נעבעך.

— אָהן הענד! — מאַך איך שויז טאַקי אַ ביסעל אין כעס, — קיין ריהר זאָלסט איהם נישט טאָן.

— ווער הערט דיך? וואָס פאַר אַ רעלט האָסט־דו צו מישען זיך נישט אין דיין זאַך און נישט צו לאָזען מיך שלאָגען מיין חוראָבע? — ענטפערט מיר דער פויער מיט עזות.

— איך בין איינער פון דער חברה „צער בעלי־החיים״! האָב איך געענטפערט מיט גדלות און געמיינט, דער ערל וועט זיך איבערשרעקען און אראָבהאַפּען דאָס היטעל.

— דער רוח זאָל דיר וויסען מיט דיין חברה! טשעפּע זיך אָב, משוגענער, צו אַלדי שווארץ יאָהר! איך האָב דאָ נישט קיין צייט צו טענה'ן. דעם וואָגען האָלץ בעדאַרף איך ברענגען איז דער שטאָדט נאָך גאַנץ פרי.

— דאָס פערדיל אבער קען נישט שלעפּען אזא אָנגעלאָדענעם וואָגען.

— נו, שפּאַן זיך איין און העלף איהם שלעפּען, אז דו ביסט אזא וואוילער

— וואַרף אראָב אַ ביסעל האָלץ.

— בעצאָהל מיר, וועל איך אראָבווארפען.

— הערסט־דו חכם! בעצאהל איהם! פ... וואס זאל איך דיר בעצאָהלען?

— צי ביסט דו משוגע, צי שכור, צי ביסט־דו אַ לץ, צי וואָס? שפּו! טשעפּע זיך אָב, זלידנע, צו אַלדי רוחות! — רופט דער ערל זיך אָן ש...רק אין כעס און טהוט אַ שמיץ דעם פערדיל.

— איך בין אַ חברה־מאַן! איך וועל דיך נישט לאָזען, הערסט־דו?

— איך וועל דיר ברעכען אַ ביין, משוגענער! צו אַלדי שווארץ יאָהר מיט דיינע חברות! האָט דער פויער געפּלוכט, געשאָלטען און שוין געהאַט בדעה מיך אַ שמיץ טאָן מיט דער בייטש.

איך בין נישט טויט, נישט לעבעדיג אַנטלאָפען און האָב זיך געזעצט אויף מיין פריהערדיגע אָרט

פופצעהנטע קאפיטעל

# לעדהרעָן זיך טאַנצען!

---

אַ היבשע צייט בין איך מיר געזעסען שטיל און דער צונג האָט מיר זיך נישט געלענט צו רעדען אַ וואָרט. דערנאָך האָב איך מיך אַביסעל אויסגעהוסט און אַ פרעג געטאָן די קליאַטשע:

— האַ, וואָס זאָגסט־דו צו דער חברה? ווי גוט, ווי פיין זי איז, ווי זי האָט דיך אין זינען און וויל פערזאָרגען דיין תכלית! זי וויל דיר פערריכטען דאָס מזל, אַז ווייטער זאָל מען דיך אַזוי שלעכט נישט בע־האַנדלען. נאָר דאָס ווענדט זיך אָבער אויך אַ סך אָן דיר. דיין גליק, דיין בעסערע מערכה הענגט פיעל אָב טאַקי פון דיר אַליין. ווען דו וועסט פאָלגען, אָננעהמען אַלע פאַסטעמקעס, אַלע גענג פון געלעהרענטע פערד, וועט דיר, אם ירצה־השם, שפעטער זיין גוט. אָנשטאָט די גראָבע מלאכות וועט מען דיך געברויכען צו שענע און גרינגע אַרבייט. ווער ווייסט, וואָס מיט דער צייט קען זיך מאַכען? עס קען נאָך ווערען פון דיר לייט און זאָלסט בעקומען גאָר אַ אַנדער פנים. האַ, וואָס זאָגסט דו?

איך בין ביי מיר זיכער געווען, אַז די קליאַטשע וועט גאָר אָנ־קוועלען פון דער בשורה. עס וועט איהר פשוט אַ שטיק געזונד צו־קומען, הערענדיג אַזעלכע ווערטער. זי וועט זיך אָנחאַפען, ווי מען זאָגט, מיט הענט אי מיט פיס און פאַר גרויס שמחה אָבגעבען אַ דאַנק און אַ לויב דעם, וואָס איך האָב די הענט נישט געוואַשען. ווי אויך מיר, זיין שליח, וואָס האָב איהר אָנגעזאָגט אַזאַ גוטע בשורה. איך בין זיך מודה, אַז מיר טוהט עפּיס משונה וויל הנאה, ווען איינער דאַנקט מיר פאַר אַ טובה, וואָס ער האָט פון מיר, אָדער דורך מיר, געהאַט.

עפּיס פיהל איך מיך דערנסטמאָל, אַז איך בין זיין האַר און ער איז מיין קנעכט, איך בין דאָס דער פיינער מענש, דער בעגליקער, דער בעל־רחמים, דער בעל־טובה און ער איז עט... אַ נעבעך... מיר, פאַר־שטעהט זיך, קומט אַלצדינג, מיר קומט אי געלט אי אַלע תענוגים און איהם וואָס?... לאָז ער זיך פרעהען, וואָס אַזאַ מענש, ווי איך, האָט אויף איהם רחמנות געהאַט און איהם עפּיס געגעבען. ער וואָלט ראָך פון מיר נאָך געקענט האַפּען גאָר אַ פּסק. אַ שטיינער. ער זאָל געוועזען אַריינקומען צו מיר און געבעטען עפּיס אַ זאַך, וואָס איהם בעריהרט עס אין דעם לעבען, ביי מיר אָבער איז דאָס גאָר אַ שפּאַט. — דערנסטמאָל האָט מיר גראָד געקענט אויסקומען, אויף איהם קרום אַ קוק צו געבען, זיך נישט צו לאָזען ריידען און צו פּעודרעהען מיט דער נאָז אַזוי, אַז ער וואָלט קוים די טיר געטראָפען. מיט איין קוק וואָלט איך איהם צוקוועטשט, ווי אַ פליג, און זיינע אַלע האָפנונגען, משטיינס־געיאָגט, צעריסען ווי אַ שפּינוועבס. אינגאַנצען האָט עס זיך געווענדט טאַקי נאָר אין איין האָר. — בשעת אַזעלכער דאַנקט מיר, פיהל איך, ווי גרויס, אַ פניה, איך בין. עס דאַכט זיך מיר דערנסטמאָל, גלייך ווי ער איז מיר מודה אויף די ברכות, גיט מיר אָב די וועלט, אויך יענע וועלט און זיך אַליין האַלט ער מיט רעכט טאַקי פאַר אַ גאָרנישט. מיר, פאַרשטעהט זיך, קומט אַ גרינג לעבען, אָהן מיה, אָהן אַרבייט, אָהן זאָרג. דערויף בין איך דאָך אַ פיינער, איידעלער מענש, און איהם... איהם איז עפּיס אַ אַנדער זאַך... מיר זענען טאַקי ביידע פלייש און בלוט, פונדעסטוועגען איז נאָך אַ גרויסער חילוק צווישען בלוט און בלוט. איידעל בלוט איז באַרט עפּיס אַנדערש. היינט איז טאַקי אונזער ביידענס טבע אויך נישט גלייך, איך בין געוועהנט געוואָרען גוט צו לעבען מיט אַלע תענוגים; זאָל מיר נישט זיין צו דער צייט דאָס גלעזיל קאַווע, דאָס גלעזיל טהעע אָדער לאָז מיר צו מיטאָג נישט דערגעהן עפּיס אַ געריכט און לאָז איך מיך אַ איבריגען בייג טאָן, בין איך פּשוט אוים מענש; ער אָבער איז געוועהנט געוואָרען צו האָרעווען, ער איז פאַרגרעבט, אָהן אַ שום גע־פיהל. אַ אָרימאַנס קישקע קלייבט גאָר נישט איבער, חאַטש דאַר ברויט, חאַטש קרעמענעס. אַבי עסען... ווי קומט ער צו מיר? בשעת עפּיס אַ געמיין מענשעל, עפּיס אַ נויטבעדערפטיגער דאַנקט מיר מיט אַ ציטער־דיג קול, שטעה איך און שמייכעל מיר אַביסעל, עפּיס זעהר משונה, וואָס לאָזט זיך גאָר נישט צו בעשרייבען. עס ליגט אין דעם שמייכעלע אי עניוות אי גדלות, אי כלומר׳שט ערענסט אי געשפּעט, אי צופריעדענהייט...

קייט, אי א שטופ פון זיך אויף א מייל, אי מהיכא־תיתי א רחמנות, א־מהיכא־תיתי א רוח אין דיין טאטען, אי רשות יענעם צו ריידען אי אנ־צוהערעניש: פונדעסטוועגען דרך־ארץ! אז איך שענק איהם דענסטמאל א קוק, דאכט זיך מיר, ער איז זיך פשוט מחיה; שענק איך איהם נאך עטליכע ווערטער, לאז מיך צו איהם אראב און זאג איהם פאר גוטסקייט מוסר, ווי, א שטייגער: מען בעדארף ארבייטען, הארעווען, פערדינען כשר דעם גראשען מיט שוויים. מען בעדארף זיך נישט פוילען, מען בעדארף לעבען מיט חשבון; אדער איך מיש מיך גלאט אריין אויף גאטס בעראטה, מיט עצות אין זיינע זאכען און זאג מיר בויך־סברות, אט אזו בעדארף מען דאס און דאס מאכען, דאס און דאס שרייבען, אזוי איז גוט, אזוי איז שלעכט וכדומה דעות גאר אהן א שום טעם — דאכט זיך מיר, קוועלט ער פשוט אן, ער זאגט אויף מיין איטליכס ווארט נאך אמן און דאנקט מיר פאר מיין זיסען מוסר, פאר מיינע קלוגע עצות. איך מיין, אז אין דרינען זענען מיר גלייך א סך גבירים, א סך בארמהארצעדיגע, גרויסע לייט. איך דערקען עס תמיד אין זייער פנים, אין זייער שמייכעלע, אין זייערע שיינענדיגע אייגעלעך, אין זייער דבור, אין זייערע עצות און אין זייער מוסר־זאגען. נאך בעסער ווייזט זיך עס א מאל ארויס אין זייער האנד־געבען. דאכט זיך אין פלוג, וואס איז אזוינס א האנד־געבען: ביי פראסטע מענשלעך איז דאס פשוט, מען גיט יענעם די האנד, מיט אלע פינגער, ווי זי איז, גאר אהן חכמות. ביי די פיינע מענשען אקעגען שטעקט אין דעם האנד־געבען גרויסע חכמות, מען גיט זי אויף פילערליי ארטען; אין איטליכער ארט ליגען גאנצע הלכות, עס ליגט דרינען א גאנץ לשון. בשעת איך בין געווארען א פיינער מענש, האב איך אוועקגעלעהרענט די חכמות פון א האנד־געבען, א לאנגע, לאנגע צייט. אז גאט וועט מיר שענקען געזונד און לעבען, טראכט איך אבדרוקען זעהר א דיקען ספר, אין עטליכע חלקים, מיט דעם נאמען „חכמת־היד". דער ערשטער חלק שמועסט פון נעהמען. מילא דאס איז א גרינגע זאך, איין כלל אויף תמיד, פאר איטליכען גלייך, אז נעהמען בעדארף מען מיט דער גאנצער האנד, און אויב עס לאזט זיך, איז מען זיך אימעטום נוהג צו נעהמען מיט ביידע. די גאנצע שווערקייט ליגט אין געבען. דערויף שטעלען זיך אלע מפרשים, דרינען זענען דא טויזענט פירושים, און דאס איז דער עיקר אין דעם ספר. איך בין זיכער, אז די וועלט וועט פון דעם ספר א גרויסען נוצען האבען, בפרט יענע מיני מענשעלעך, ם ווערע

פלוצלים אויפגעריכט, וואס ווילען זעהר שפילען א ראליע. אין אלט
זאבען נאכצוטאן די גרויסע לייט, די פיינע-בריות; ווי אויך יענע מיני
נקבות, וואס ווארפען פלוצלים אין די עלטערע יאהרען פון זיך אראב
דעם שלייער, פוצען זיך אויס נאך דער לעצטער מאדע, מאכען חן,
בלאזען פון זיך זעהר שטארק און ווערען פון דער העלער הויט גאנצע
דאמען!...

היינטיגס מאל אבער איז מיר נישט בעשעהרט געווען הנאה צו
האבען. די קליאטשע, ווענין וואס זי האט מיר נישט געדאנקט, האט זי
נאך, ווי עס האט אויסגעזעהן, אפילו נישט געוואלט הערען מיינע רעד.
זי האט זיך אוועקגעקעהרט גאר אין דער זייט און געגעסען גראז מיט
אזא מינע, ווי זי וואלט לחלוטין נישט געוואוסט, אויב איך געפין מיך
גאר דא נעבען איהר. דאס האט מיך אביסעל געארט, איך האב איהר
נאך א מאל איבערגעחזרט מיינע פריהערדיגע ווערטער. זי האט טאקי
ווייטער זיך נישט וויסענדיג געמאכט און געטאן איהר זאך, ווי איינער
רעדט: וואס ארט מיך, אז יענער פלוידערט? אז יענער וויל מיך לעהר-
נען? — אזא בעליידיגונג האב איך שוין נישט געקענט אויסהאלטען. וואס
הייסט? עפיס נארישקייטען דערצעהל איך דא? איך שמועס דאך מכח
השכלה, מכח בילדונג!... עס האט מיך אונטער-געטראגען, פאר וואס
דאס איז ביי איהר עפיס נישט אזוי אנגעלעגט. איך האב זיך אויפ-
געשטעלט געשווינד אויף די פיס, מיך אומגעקעהרט מיט דעם פנים צו
דער קליאטשע און איהר געזאגט א גאנצע דרשה.

— אימליכען איז בעקאנט, האב איך געזאגט מיט פייער, אימלי-
כען, פון קליין ביז גרויס, איז בעקאנט, אז אלע חכמים פערגלייכען די
בילדונג אדער געלעהרענטקייט צו דער ליכטיגקייט: ותורה אור, און די
געלעהרענטקייט איז ליכט, זאגט אויך דער פסוק. אבער דאס גראבקייט
און דאס נישט-געלעהרענטקייט פערגלייכען זיי צו פינסטערנים. א געביל-
דעטען איז ליכטיג אין די אויגען, אין אלע זיינע רמ"ח אברים. די
בילדונג גיט אימליכען, אקוראט ווי דאס ליכטיגקייט, גליק און לעבען.
ווער עס איז גאר געבילדעט, לעבט זעהר גליקליך אין עושר, אין כבוד-
ער האט תענוג פון דער וועלט און די וועלט האט גרויס תענוג פון
איהם, אימליכער האט איהם משונה ליעב, געהט נאך איהם פשוט
אויס. מען גיט איהם דאס שענסטע, דאס בעסטע, אפילו דאס טעלער
פון דעם הימעל נעהמט מען איהם אראב און מען טראגט איהם צו פון
פיינעלמילך. הכלל, עס איז איהם גוט, גוט, נאר גוט. גבירים, רייכע

ל׳יכ, קווע‍לען פון איהם גאר אן. זענען פשוט זיך מחיה און לעקען די
פינגער פון זיינס א ווארט. איטליכער שלעפט איהם צו זיך ווי א טייע
ערען ברילאנט, און לאזען זיי מאכען א באל, א מיטאג, אדער עפיס
א קערמעשיל, שטעהט ער ביי זיי אין צעטעל דער ערשטער, ווי
א שפיגעלע. זיי פארשטעהען, נישקשה, אז טאקי געלד איז שמעלץ,
היינט איז עס דא, מארגען נישטא, אבער ער — ער אליין איז געלט,
ער איז גאלד און זילבער. וואס טויג איהם געלד? וואס טויג איהם
צירונג? אז ער אליין גילט ווי א מטבע, אז ער אליין איז א אבן-טוב!
לאז ער פריווען עפיס בעטען א הלואה וכדומה, דערפילען זיי תיכף-
ומיד זיין בקשה מיט גרויס שמחה. וועלכער גביר, א שטייגער, וועלכער
רייכער מאן האט אין זיין לעבען, א מאל אין עפיס א זאך א געביל-
דעטען אבגעזאגט? וועלכער, אדרבה וועלכער? — איך מיין טאקי
קיינער נישט! קלאגט זיך אויף זיי גראד אין דער זאך עמיצער, איז ער
זיכער א ליגנער, און אויב ער איז בעקאנט פאר נישט קיין ליגנער,
מוז דרינען אודאי עפיס זיין, איינער דעם אנדערען האט, א פנים, נישט
געמוזט פארשטעהן,ביידע האבען געמוזט א טעות האבען... די ארים-
טאקראטען, דאס הייסט, די פיינע לייט, וואס פערדרייסען די נעז און
בלאזען פון זיך תמיד, גלאט אזוי אהן א שום טעם; וואס פערלאנגען,
אז איטליכער זאל פאר זיי האבען אבשיי, צוליעב זייערע מאדנע הויזען,
שטיוועלעטען וכדומה, צוליעב זייער מבינות אויף שענער כחורה און
אויף אלע געשמאקע זאכען, ווי אויך צוליעב זייער גוטען מיטאג, וואס
אין איהם קומט אריין מעהר אביסעל פלייש מיט שמאלץ און מעהר
מיט א געריכט, ווי ביי דעם געמיינעם עולם — אט די אבגעפיינטע
מענשעלעך, זאג איך, לויפען דעם געבילדעטען אקעגען און גיבען איהם
גרויס כבוד אב. אפילו יענע מיני דאמען, וואס מאכען שטארק חן,
אזוי אז ביים צו-געהן צו זיי א מאל ווערט מען בטל, מען מינעט זיך
עפיס משונה, מען ווייסט נישט ווי מען זאל שטעהן, ווי מען זאל זיצען,
וואו מען זאל אהינטאן די הענט; מען ווערט עפיס אזוי צומישט, אז
מען רעדט בויבעריק און מען ווערגט זיך מיט איטליכם ווארט; עס
פארענדערט זיך עפיס דאס קול, עס רוישט עפיס אין די אויערען, אז
מען הערט כמעט אליין נישט, וואס מען רעדט; יענע מיני דאמען, וואס
אין זייער געזעלשאפט בענעהמען זיך אפילו די גאנץ וואוילע מיט עפיס
א געצוואונגענער אונגעצוואונגענקייט, דאס הייסט אויף פראסט יודיש,
זיי טוהען זיך אן א כח, צווינגען זיך, אז זייער בענעהמונג זאל אויסזעה

נישט געצוואונגען, כלומר׳שט פריי; וואס מיינען, אז זיי בעגליקען יענעם מיט א ווארט, מיט א קוק; וואס טראגען אויף דעם קאפ ווילטיגע זאכען, גאנצע בערג... א בארג פרעמדע האר און א וואלד שמאטעס־בלומען, — אפילו זיי היינגען זיך אויף דעם געבילדעטען און קוויקען זיך מיט זיין איטליכם ווארט. בעדארף עס דען טאקי אזוי נישט צו זיין? זאגט עס דען אויך נישט דער פסוק? ער זאגט: אשרי אדם, אז וואויל איז דעם מענשען, מצא וועלכער האט געפונען חכמה, חכמה! פאר וואס? ווארום כי טוב סחרה, איהר האנדעל איז בעסער מסחר כסף, איידער מיט זילבער, בשמאלה, אין איהר לינקער האנד עושר וכבוד איז עושר און כבוד. נו, בעדארף מען נאך דען האבען א בעסערע ראיה ווי א פסוק?... איך וויל דא גישט זעהר מאריך זיין, אויסצווייזען פון דער וועלט, ווי שלעכט, ווי ביטער און פינסטער עס איז די נישט־געלעהרענטע, ווי שלאף און דערשלאגען זיי זענען, נעבעך, ווי מען לאזט זיי ערגיץ נישט פשוט קיין קאפ אויפהייבען, ווי זיי ליידען און קומען, נעבעך, אב; ניין! איצט וויל איך דערפון נישט רעדען, איך וויל דא נישט מעהר בעווייזען, ווי גוט די בילדונג איז, און דערפון וויל איך ארויפקומען אויף דיר, דו זאלסט פארשטעהן, ווי עס בעדארף ביי דיר שטארק אנגעלעגט זיין דער פלאן, וואס מען וויל דיך...

נאר מיין קליאטשע אבער האט אין מיטען דעם שמועס פלוצלינג זיך אויפגעשטעלט און אוועקגעגאנגען ווייטער אביסעל, זיך גענומען עסען גראז, גאנץ קאלטבלוטיג, קיין קוק אפילו נישט צו טאן אויף מיר. איך אבער האב נישט געוואלט שווייגען, עס איז מיר שוין געגאנגען אין נצחנות, עס האט מיך שוין טאקי גוט פערדראסען. עפים וואס בין איך א יונגעלע, וואס עפים בין איך? עפים פלוידער איך, וואס? איך האב איהר חאטש פונדערווייטענס, חאטש זי האט נישט געוואלט הערען, אלץ געזאגט ווייטער מיין שמועס מכח איהר און אויסגעלאזט אויף א קול מיט דעם פסוק: אם תאבו, אויב איהר וועט פאלגען ושמעתם אז איהר וועט הערען, טוב דאס גוטסקייט הארץ פון דעם לאנד תאכל וועט איהר עסען!...

## דאס זעכצעהנטע קאפּיטעל

# קיין טאַנץ געהט נישט פאַר קיין עסען •

אָבזאָגענדיג דאָס, האָב איך מיד און פערשוויצט, מיט אַ פער-פלאַמט פנים און אַ געשוואָלען האַרץ מיך אַ וואָרף געטאָן אונטער׳ן בוים.

די קליאַטשע איז ביי מיר געוועז שטאַרק אָבגערופען נאָך אַזא אויפפיהרונג. איך האָב זי געהאַלטען פאַר אַ פערפאַלענע, אַ פערפאַלענע אויף אייביג. עס וועט שוין פון איהר קיין לייט נישט זיין. עונאים זענען אַ פנים טאַקי גערעכט, אַ וועלט איז טאַקי נישט משוגע, מכתמא איז זי טאַקי אַ שלימזול, אַ פאַרשלעפּטע קרענק פון זיין ליבען נאָכען. וואָס וועל איך דאָ באמת זיך ניאַנטשען מיט איהר? איך וועל נאָר וואַרטען אַביסעל, האָב איך געטראַכט, ביז וואַנען עס וועט רעכט טאָג ווערען, דענסטמאָל וועל איך פון איהר ענטלויפען, וואוהין די אויגען טראָגען, אפילו פאַרגעסען דעם „זיי-געזונט" און מיט איהר זיך נישט געזעגענען. לאָז זי זיך טאָן, וואָס זי וויל. מיר געהערען זיך מעהר שוין כלל וכלל נישט אָן.

און אַזוי ווי איך זיץ דאָ, הער איך פון דער ווייטען, ווי אַ קול עפּים אָנרופענדיג זיך צו מיר:

— יאָ, וואָס בעטייט עס אַזוי דיין ענטלויפען, ס׳טייטש, אַזא מענש ווי דו, זאָל ענטלויפען?

„די קליאַטשע איז טאַקי נאָר אַ מכשפה, זי ווייסט, וואָס אין האַרצען טהוט זיך. זי האָט זיך, אַ פנים, אָנגעשטויסען, אַז איך וויל פון איהר ענטלויפען! — אַזוי האָב איך ביי מיר געטראַכט מיינענדיג, אַז דאָס קול

איז פֿון דער קליאטשע, זי רעדט דאָס צו מיר. — מאַך איך מיך א תּם און ענטפֿער איהר שטאמלענדיג:

— וואס ענטלויפֿען?... ווער?... פֿאר וועמען?...

— פֿאר דעם פֿויער!

— א, פֿאר דעם פֿויער, פֿרעגסטו. וואס איך בין ענטלאָפֿען? — זאָג איך שוין רוהיגער, — א פֿויער בלייבט טאקי א פֿויער, א פּרא אדם. ער האט מיך גאר געוואלט שלאגען!

— ס'טייטש, וועמען שלאגען?! דיך? און דו האסט איהם געשוויגען?

— נו, וואס האב איך דען געקענט טאָן?

— אזזזוי! דו קענסט נישט, ביסט ענטלאָפֿען! און דאס בידנע פֿערדיל זיינען נעבעך. האט ער טאקי אלץ געשלאגען! ס'טייטש, אויף די וועגען, אויף די שטרוזען זענען דען נישטא אײַערע בארמהארציגע חברה-לייט?

איך בין געבליבען צומישט און נישט געהאט וואס צו ענטפֿערן.

— טאקי, א פּנים, די בעלי-רחמים'ס זענען די בעלי-רחמים'ס און די אומשולדיגע בעשעפֿעניש, די אומגליקליכע פֿערדלעך ליידען, א פּנים, אלץ טאקי, נעבעך! א פּנים, די דאזיגע שלימזלניקעס, וועלכע מען האט פֿריהער געפּייניגט, פּייניגט מען נאך אי אצינד! ס'טייטש, עפּיס איז דען הפֿקר א וועלט?

איך האב פֿון די ווערטער אראבגעלאזט די נאז.

— וואס הייסט, „היינטיגע צייט איז דאך נישט מעהר הפֿקר א וועלט. עס איז דא א חברה „צער בעלי-החיים".

איך האב איהר נישט געקענט קיקען אין די אויגען און אוועקגעדרעהט דעם קאפּ.

— בשעת דו האסט פֿריער ארויסגערעדט די דאזיגע ווערטער אויף א קול פֿון דעם גאנצען הארצען, האט מען געקענט מיינען, כ'לעבען, אז איצט איז זיכער משיח-צייט! אט נעהמען זיך צונויף אלע חיות און בהמות אינאיינעם ווי ברידער, אט ווערען ווע ף „פּאני-בראטציע" מיט שאף, לעמפּערטען ווערען חבר מיט ציגען, איינער בעט דעם אנדערען מחילה פֿאר פֿריהערדיגע זינד, פֿאר אמאליגע נארישקייטען; וואס ס'איז געווען, איז געוועזן, פֿון היינט אן זאל געמאכט ווערען גוטע תּקנות. די שארפֿע נעגעל מיט די שרעקליכע ציינער זאל מען אוועקלעגען אויף דער פּאלעצע, אוים מאדע צו פֿערגיסען בלוט, צו עסען יענעמס פֿלייש, נישטא

מעהר קיין שטאַרקע מיוחסים, אַלע זענען גלייך, מען לאָזט אַרויס אַ פרעהליך קול: אורא, אורא! עס איז משיח-צייט, און ווי אַלע פרעהען זיך און טאַנצען, בעדאַרף גאָר אָנקומען אַ פויער מיט אַ פערדיל שלאָגענדיג איהם טויט-שלעק—און ס'ווערט פאַרשטערט די גאַנצע שמחה. איך בעט החיים", זאָרגט זיך, שמועסט פון רחמנות, פון מענשליכקייט, און דאָרט פלאגט מען טאַקי די אומגליקליכע בעשעפעניש. ווער עס וויל, לאָדט אָן די פערדלעך מיט משא איבער זייערע קרעפטען און זעצט פון זיי די נשמה אַרויס. מען העלפט זיי נאָר, ווי עס זעהט אויס, מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ זיפץ, מיט אַ קרעכץ: ס'איז נאָ" אַ ריין טעאַטער, כ'לעבען! היינטיגע צייט פערדינט טאַקי מיט רעכט דעם נאָמען: די צייט פון קרעכצען, פון רעדען, פון פלוידערן.

— גענוג!—האָב איך זיך שטאַרק צו בייזערט, נישט קאָנענדיג זיך מעהר איינהאַלטען פון אַ זעלכע געשפעטערייען—גענוג, כ'לעבען, צו שפעטען בשעת מען רעדט מיט דיר ערענסט, בשעת מען שמועסט מיט דיר מכח השכלה, מכח בילדונג.

— מיט איהר רעדט מען ערענסט?!—בעקום איך אַ ענטפער אויך מיט אַ בייזער—נו, טאָ הער זשע—וואָס ליגסטו אויסגעצויגען ווי אַ נבלה אויף דער ערד? — הער זשע, וואָס מען זאָגט דיר מיט אַ פולען מויל. מיט איהר, זאָגסט-דו, רעדט מען ערענסט!? קאָפ אין דער וואַנד! אַז דו ציהסט פאַר דער צונג, מוז מען דיר זאָגען, אַז דו ביסט ווילד, דיינע ווערטער מיט די בריעוועלעך דיינע—משונה ווילד, און, דאַכט זיך, נישט אַנדערש טאַקי, אַז דו ביסט פערריקט. אָט דעם אומגליקליכען בעשעפעניש זאָגט מען: לערען זיך אויס. פרעג איך דיך, ערשטענס, חכם מיינער, פאַר וואָס הייסט מען עס דווקא איהר? וועניג זענען דאָ אין דער וועלט, אַ שטייגער, נישט געלעהרענטע פערד, טאַקי אמת פראָסטע, נישט דערצויגען אין קיין שום זאַוואָד און פונדעסטוועגען, חוץ זייער שאַדען, אַזאַ לעבען אויף איהר געזאָגט געוואָרען! צווייטענס, ווען זאָ דיך וואָס האָט ער דיר דער פרא-אדם געזאָגט?

זי שפעט פון מיר! טראַכט איך מיר אין האַרצען מיט פערדראָס און ענטפער נישט קיין וואָרט.

אַ פנים עס איז אַ טעות, עס איז נאָר אַ פורים-שפיל, אַ ריינע קאָמעדיע, כ'לעבען! דאָ זיצט אַ קאָמיטעט פון אַ חברה „צער בעל קען, אמת, נישט די אָנשטעלען, ווי די איידעלע, דערצויגענע פערד, אָבער קיין גראָב פערדיל קען מען זי, דאַכט זיך, פאָרט נישט רופען

און וואו שטעהט עס, אַז איטליכע פֿערדיל מוז דווקא האָבען אַ דיפּלאָם פֿון אַ זאַוואָד? דריטענס, אויב זי קען נישט הייבען פֿיסלעך און מאַכען יענע אָנשטעלען, ווי זי זאַוואָדסקע פֿערד, אַ קאָנגען־זשע דערפֿאַר האָט מען פֿון איהר מעהר, אַ סך מעהר נוצען ווי פֿון זיי. יענע זענען פּטור פֿון אַלצדינג. ווייסען נישט מעהר ווי די קאַרעטע, ווי די יאַכטע. מיט איהר אָבער אַרבייט מען מעשים, זי טראָגט אויף זיך אַלערליי משא. וואו איז דען איהר פֿלייש, איהר לייב און לעבען? זי האָט עס פֿערלאָרען אין דער אַרבייט. וואָס מען וויל, מעג מען זיך זאָגען, נאָר איהר מיה, איהר פּראַצע האָט זעהר, זעהר פֿיעל נוצען געבראַכט... פֿערטענס, וואָס פֿאַר אַ שייכות, איך בעט דיך, האָט עסען און דאָס נייטיגע בעדערפֿעניש מיט בילדונג? מיט וואָס פֿאַר אַ יושר קען מען יענעם נישט לאָזען עסען, עטהמען פֿריי, סיידען ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּיס קונצען? איטליכס בעשעפֿעניש, וואָס ווערט געבוירען, איז קודם־כל אַ לעבעדיגע זאַך, פֿערזאָרגט פֿון דער נאַטור מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים, מאַקי נאָר פֿון זיינעטוועגען, בכדי דורך זיי צו בעקומען אַלצדינג, וואָס עס בעדאַרף נייטיג האָבען צום לעבען. עס האָט, אַ שטייגער אַ מויל, אויף צו עסען, עס האָט אַ נאָז, כדי צו אָטהמען, עס האָט פֿיס, כדי צו געהן, נישט כדי צו טאַנצען. טאַנצען וכדומה נאָך אַ זעלכע שמאַכטלייען, דאָס זענען נאָר אויסגעטראַכטע מעשיות, דאָס האָט מען אַליין זיך אויסגעטראַכט שפּעטער און אַ נאָמען געגעבען בילדונג. איך וויל מיך דאָ נישט אַריינלאָזען אין חקירות, אויב די בילדונג מיט די אַלע קונצען זענען גוט אָדער שלעכט; אויב דאָס אַלצדינג, וואָס מען לעהרענט, ווי אַזוי מען האָט עס צונויפֿגעשטעלט, פֿון וואַנען מען האָט עס גענומען, אויב דאָס אינגאַנצען הייסט גאָר בילדונג. וואָרום מען זעהט דאָך אַ סך קונצען, וואָס אַ מאָל זענען זיי געשטאַנען אין דער פּראָגראַמע, שטאַרק נעגאָלטען און היינט געהען זיי מעהר נישט אָן; ווידער נאָך קונצען, וואָס דאָס גאַנצע אָנהאַלטעניש זייערע, משטיינס־געזאָגט, איז אויף יענעמס געשמאַק, אויף יענעמס השערות; ווידער נאָך אַזעלכע כלימרשטערנסטע קונצען, וואָס זענען געבויעט אויף יענעמס ווילען, אויף קאַפּריזען, אויף אַלטע פֿערשימעלטע מנהגים; עס זענען דאָ אויך אַזעלכע מעשיות, וואָס לכתחילה האָט מען זיי געשטעלט אויף אַ היפּנאָטישער שפּיגל, אויף דער פֿאַנטאַזיע, אויף דעם כח הדמיון; ווי אויך אַזעלכע מעשיות, וואָס זענען זיך סומך אויף פֿאַקטען, דאָס הייסט אויף דעם, וואָס אין דער וועלט האָט זיך פֿערלאָפֿען. נאָר די פֿאַקטען גופא זענען אָבער

פארדרעהט, איטליכער דערצעהלט זיי אויף איין אנדער אופן, איטליכער קוקט אויף זיי אנדערש, חוץ דעם ווערען זיי ווי-עס-איז אבגעשילדערט נאר פון דרויסען, אבער מי-יודע, וואס אינווענדיג טהוט זיך? היינט בעדארף מען דאך טאקי נישט פארגעסען, אז יענע שוין כלומר'שט ערענסטע מעשיות לאזען דאך נישט מעהר הערען ווי שטוקעס, אנשטע-לען, קינדערשפיל, איינגאנצען א פוף, אבער פון יענע אין תוך אריין גוטע המצאות, שענע קונצען אנטיק אין דער וועלט, פון זיי מאכען די מעשיות עפים נישט אזא צימעס... נאך א מאל זאג איך, אז איך לאז מיך דא נישט אריין אין טיפע חקירות, אויב די בילדונג מיט אייערע קונצען האבען א ממשות אדער נישט, אויב זיי האבען דער וועלט גע-בראכט גליק אדער אומגליק. אזעלכע חקירות געהען מיך אצינד נישט אן. איך וויל מעהר נישט זאגען, אז זיי זענען נאר ביי-זאכען, בשעת געבווירען ווערען האט דאס בעשעפעניש פון זיי גאר נישט געוואוסט, עס האט איהם טאקי באלד זיך געגלוסט עסען, עטהמען און זיך בעוועגען נאך איידער עס האט נאר געהאט א רמז דרמיזה פון יענע אויסגעטראכטע המצאות. מהיכא-תיתי, איהר קענט איהם נישט געבען די שענע אשייני-קעס, דאס טייערע געשפאן מיט די פליטערלעך וכדומה נאך צאצקעס און שפילכעלעך, וואס זענען פון אייך בעשטימט פאר יענע מיני קונצען, אבער עסען, פריי עטהמען און אלע נייטיגע זאכען, וואס זיין גוף פאדערט און וואס אהן דעם קאן עס זיך נישט בעגעהן — דאס אלצדינג מוזט איהר איהם געבען, עס האט דערויף א רעכט, איהר קענט עס ביי איהם בשום אופן נישט אוועקנעהמען. איהר קענט נישט דאס בעשעפע-ניש האלטען פערשפארט, עס זאל זיך נישט בעוועגען, ווארום דורך דעם מוז עס ביסלעכווייז אבשטארבען — נעהמט איהר דאך צו ביי איהם דאס רעכט צו לעבען; איהר טארט עס נישט גלאט פייניגען, שלאגען, ווארום דורך דעם מוז איהם, נעבעך, וועה טאן, עס קען נאך ווערען א ביטערע קאליעקע — נעהמט איהר דאך צו ביי איהם דאס רעכט געזונט צו זיין און הנאה צו האבען אין דעם לעבען!...

אז דו ציהסט שוין יא פאר'ן צונג, וועל איך דיר טאקי בפירוש ארויסזאגען: איך בין דיר מוחל דיין רחמנות! איך וויל נישט, אז דו זאלסט אויסארבייטען, מען זאל זי נישט אזוי פלאגען, מען זאל זי געבען איהר בעדערפעניש צו דערהאלטען די נשמה, טאקי נאר גלאט פאר רחמנות, ווייל עס איז פשוט א צער בעלי-חיים. זי וויל אפילו נישט, דו זאלסט אויסבעטלען פאר איהר אלע נייטיגע זאכען צום לעבען אז

מהאי טעמא, וואָס מען האָט און וואָס מען קאָן פון איהר האָבען נוצען, דאָס זענען אַלטע מעשיות, אַלטע לידלעך, וואָס איך האָב זיי שוין גע-הערט אין דער וועלט זינגען אין פערשיעדענע צייטען. געוועהנטליך, אַז די וועלט הויבט ערשט אָן זיך אַרומצוקוקען, זיך צובעטראַכטען, דענסט-מאָל רעדט מען פון הומאַניזם, דאָס הייסט פון מענשליכקייט, פון רחמנות, פון באַרמהאַרציגקייט; שפּעטער אַביסעל, אַז די וועלט הויבט אָן פּאַמעליך פּראַקטישער צו ווערען, איז אין דער מאָדע צו רעדען פון אוטיליטאַריזם, דאָס הייסט, פון נוצליכקייט, פון דעם נוצען, וואָס מען קען פון דעם, פון יענעם האָבען. ערשט גאָר שפּעטער, אַז די וועלט בעקומט אי שכל, אי יושר, און פאַרשטעהט בעסער דעם גאַנג פון דער נאַטור מיט אַלע איהרע בעשעפעניש, דענסטמאָל הויבט מען אָן צו רעדען פון אמת, פון גערעכטיגקייט. — איך וויל גאָר נישט הערען קיין רחמנות, קיין נוצען, — רחמנות און נוצען זענען אַזעלכע זאַכען, וואָס די וועלט קען זיך אויף זיי נישט האַלטען. איך בין גלייך ווי אַלע, זאָגט מיט רעכט דאָס דאָזיגע בעשעפעניש, פלייש און בלוט זענען מיר אַלע, אונזערע בעדערפענישען זענען גלייך, און איין רעכט אויף צו לעבען האָבען מיר אַלע. האָט יענער אויף מיר רחמנות, הייסט עס אַזוי פיעל, ווי איך לעב נאָר אין זיין זכות; ער — האָט יאָ דאָס רעכט צו לעבען, און איך — ניט! אינגאַנצען וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע, האָב איך עס צו פערדאַנקען איהם, נאָר איהם; — אין דער צייט אַז מיר ביידע זענען גאַנץ גלייכע בעשעפעניש מיט איינערליי בעדערפע-נישען, לאָזט מיך יענער לעבען, ווייל איך ברייננ איהם נוצען, הייסט עס אַזוי פיעל, ער איז דער תכלית, דער עיקר, און איך לעב נאָר, מחמת דערמיט טויג איך איהם, פאַר מיר אַליין וואָלט איך נישט בעדאַרפט גאָר בעשאַפען ווערען. איך וויל אָבער לעבען גלייך ווי אַנדערע, גלאַט ווייל איך בין אויך אַ בעשעפעניש פאַר מיר. פאַרשטעהסט-דו מיך, מיין בליץ יושר, מיין באַרמהאַצעדיגער האַר? אויף אייער באַרמהאַציגקייט און אויף דעם, וואָס איהר קענט פון מיר האָבען נוצען, דערויף קען איך כלל מיך נישט סומך זיין. מאָרגען ווערט דיר, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, פערשטאָקט דאָס האַרץ, ביסט אין אַ שלעכטער לוינע, אָדער איך וועל דיר איינמאָל נישט קענען צו-שטעלען די צאָהל ציגעל אַקוראַט, — ווערסט-דו ברוגז, גיסט אויף מיר אוים דיין צאָרן — און עס ווערט פלוצלים אַתל פון מיר! אַז איהר וועט מיט מיר זיך בעגעהמען מיט גערעכטיגקייט, אַזוי ווי איהר בעגעהמט זיך מיט אַנדערע, דענסטמאָל,

## מענדעלי מוכר ספרים

תהסט-דו וועלען מיר שמועסען מכח קונצען. אין גיטע אומשטענדען, אין וואוילטאג, מהילא-תיתי, קריכען אין קאפ אזעלכע זאכען. דו וועסט אפילו פערשפארען מיר צו זאגען דעמסטמאל דרשות. הא, וואס זאגסטו דערצו, מיין האַרינקע?

וואס זאג איך? האב איך געענטפערט, איך זאג: נישט אנדערש, או דער רוח רעדט היינט אוים דיר, טאקי גאר דער רוח!

## דאָס זיבעצעהנטע קאַפּיטעל

# אל תפתח פה לשטן.

אָט בין איך! — האָט זיך אָנגערופען עפּיס אַ אומבעקאַנטער פּאַרשוין פון א ווילד אויסזעהן מיט שטאַרק צושויבערטע האָר, און א רויט מיצעל ארומגעשטעקט מיט פעדערען פון אַלע מיני עופות. — אָט בין איך! — האָט ער געזאָגט, אַרויסשפּרינגענדיג פּלוצלים פון צווישען די צווייגען, זיך געשטעלט אקעגען און אויסגעגלאָצט אויף מיר זיינע גרויע קעצישע אויגען.

נבהל ומשתּומם בין איך געוואָרען, אז איך האָב דערזעהן דאָ אין וואַלד אַזאַ מין פּאַרשוין. אַלע שרעקליכע מעשׂיות פון גזלנים זענען מיט אַ מאָל מיר אַרויפגעקומען אויף דער מחשבה. דאָס איז זיכער אַ גזלן, האָב איך געקלערט, זיין געזונטער קאַרק, זיין פּרצוף־פּנים און זיין שרעקליכער בליק האָבען ארויסגעזעהען טאַקי נאָר ווי פון אַ מורא'דיגען גזלן, וואָס האָט אַ סך מענשען אין זיין לעבען שוין אויסגעקיילעט. עס האָט מיר שוין זיך אויסגעדאַכט, ווי אט גיט ער מיר אַ וואָרף און נעהמט אַרויס אַ גרויסן חלף, מחמת מורא האָט מיך שטאַרק געטיאַכקעט דאָס הארץ, געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן און איך האָב געפיהלט אַ טעם מיתה, ווי דער חלף ליגט מיר אויף דעם האַלז. איך האָב צוגעמאַכט די אויגען און שטילערהייט געזאָגט ווידוי.

— וואָס שעפּטשעסט־דו עפּיס, יונגער־מאַנטשיק? — האָט ער געפרעגט און זיך צולאַכט מיט אַזאַ משונה געלעכטער, אַז עס האָט געגרילצט אין די אויערען און ווייט אַרום אין דעם וואַלד האָט זיך אָבּגערופען אַ שרעקליכעס ווידער־קול. גלייך ווי עס וואָלטען אַ לאַך געטאָן טויזענט אַלטע מכשפה'טעס אַלע אינאיינעם.

דאָס איז, האָב איך געטראַכט, דאָס גוטע געלעכטעריל. אָט.אָט. עקט מיר זיך דאָס לעבען, אָט, אָט טראָג איך מיך איבער אויף יענער װעלט. עפּיס ווי אויף צו להכעיס האָט מיר דענסטמאָל די װעלט אַזוי שען, אַזוי גוט זיך פֿירגעשטעלט, אַז איך װאָלט באַדאַי אַלצדינג אַװעקגעגעבען, אַבי לעבען צו בלייבען, קיין מלוכה פֿאַרמעגט עס נישט, װאָס איך װאָלט דענסטמאָל אָבגעצאָהלט פֿאַר אַ קורצער צייט לעבען. אַך, װאָס פֿאַר אַ שענע װעלט אונזערע איז, װאָס פֿאַר אַ מענשען! ווי גליקליך איז דער, װאָס לעבט אויף דער שענער װעלט, װאָס לעבט צווישען לעבעדיגע מענשען! װען אַ סך אַנדערע װאָלטען געפֿיהלט דאָס, װאָס איך דענסטמאָל, װאָלטען זיי געזאָגט: אַ כפּרה גדלות, יחוס און כבוד! צו אַלדי שוואַרץ יאָהר אַלע ברוגז'ען, אַלע פּלאָטקעס, אַלע פּוסטע קריג, אַלע רכילות, שנאָה און קנאָה! דאָס אַלצדינג איז הבל הבלים, לויטער נאַרישע זאַכען. אַלע מענשען זענען ברידער, חברים, שטאַמען אַלע אייגענטליך פֿון איין פֿאָטער, אַלע האָט אייגענטליך איין גאָט בעשאַפֿען; װען יענער, אַ שטייגער, װאָלט זיך געזעגענט מיט דעם לעבען און געװען ביי די געדאַנקען ווי איך, װאָלט ער געזאָגט: אַך, פֿאַר װאָס האָב איך עס פֿריהער נישט פֿערשטאַנען! אומזיסט, אומנישט זיך געבלאָזען און זיך אויפגעשטויסען דאָס מיט דעם: ער איז אַ משלחת, אַ שלעפּער, עפּיס פֿון דער פֿרעמד אַ בעטלער, און דאָס מיט יענעם: ער איז נישט פֿון מיין נאמנה, ער איז אַ שאַחרי', אַ בזוי, קוקט נישט אויף כבוד. פֿע.איך בין געװען אַ בייזער, אַ שלעכטער, אַ פּלוידערזאַק, אַ ליגנער, אַ חונף, אַ רכילות-טרייבער, אַ בלבול-מאַכער, אַ אָנחאַפּער מיט דעם מויל און מיט דער פען! װאָס האָב איך נעהאַט צו אַנדערע—צו אומבעשירעמטע, צו דערנידעריגטע, צו דערשלאָגענע און פֿערװאָגעלטע, נעבעך? װעניג האָבען די מענשען, נעבעך, אייגענע צרות, קאַרג יסורים און פּורעניות פֿון אַלע זייטען, קאַרג דחקות, גרויסע און דאגות איטליכע רגע, בין איך כגע נאָך אויף זיי אויך אָנגעפֿאַל'ען! און פֿאַר װאָס, גװאַלד, פֿאַר װאָס?... בשעת מיר האָט זיך געדאַכט, דער חלף ליגט מיר אויף דעם האַלז, דענטמאָל האָב איך מיך איבערגעבעטען מיט אַלע מענשען און אמת געפֿיהלט, ווי נאַריש דאָס איז, װאָס מען קרינט זיך, װאָס מען בייסט און רודפֿט איינער דעם אַנדערען ביים לעבען. עס יאָל געװען מעגליך זיין, װאָלט איך אַלע געהאַלזט, געקושט און וויינענדיג זיי מחילה געבעטען. די װעלט איז מיר אַזוי געפֿעלען, אַז אַװעקגעהענדיג פֿון איהר האָט מיר זיך געגלוסט, האָטש נאָך אַ מאָל אויף איהר אַ קוק צו טאָן

איך האָב האַלב אויפגעעפענט די אויגען און שרעקליך צודולט געקוקט. אַלצדינג האָט זיך פערמישט, געגאַנגען מיט דעם קאָפּ אַראָב, מיט די פיס אַרויף. עס האָט מיר געבליצט אין די אויגען, געדונערט אין די אויערען און גרויסע טראָפען שווייס האָבען מיר בעשלאָגען. עס איז מיר געווען קאַלט אי וואַרם. פייערדיגע רעדער, פינטלעך, פינטלעך פון אַלערליי פאַרבען, פון אַלע מיני געשטאַלטען האָבען פאַר מיר משונה זיך געדרעהט, זיך געטראָגען, דער רוח ווייסט וואוהין. זיי אין דערמיט איז געשטאַנען עפּיס אַ גרויסער, אַ שוואַרצער הונט, וואָס האָט אַלע רגע אָנגענומען אַ אַנדער פנים, געגלאָצט מיט די אויגען, געקריצט מיט די צייהן, זיך געקרימט, געמינעט, געצויגען ביז ער האָט צום סוף אָנגענומען די געשטאַלט פון שרעקליך אַ ווילדען מענשען און איך האָב אין איהם דערקענט מיין אומבעקאַנטען פאַרשווין

— חאַ, חאַ, דו ציטערסט! — האָט ער אוים מיר געשפּעט. — אָט אַזוי, פיינע מענשעלעך, האָב איך הנאה, אַז איהר ציטערט און שווייגט.

איך האָב איהם שווייגענדיג אָנגעקוקט, אַקוראַט ווי אַ מויז קוקט אָן די קאַץ, וואָס שפילט זיך מיט איהר איידער זי דערשטיקט זי און שלינגט זי איין.

—נו, אַז דו ציטערסט, האָט ער ווייטער געזאָגט, וויים־זשע חאָטש פאַר וועמען. איך בין דער, וואָס האָב געעפענט אַ וועג אין אַ נייער וועלט אַריין, כּדי די אַלטע זאָל ווערען תּמיד ניי; וואָס דורך מיר פּעקעלט מען זיך כּסדר אַריבער אַהין ערגיץ, אַהין. כּדי דאָ צו מאַכען אָרט... איך בין דער, וואָס מיט מיין קראַפט שטעה איך תּמיד ברייט אַקעגען נאָך אַ קראַפט פון מיין ווידער־פאַרטיי. מיר ראַנגלען זיך, איינער וויל דעם אַנדערען איינשלינגען, און דורך דעם שפּרינגט אין דער וועלט אַרוים גייעס, עס ווערט נולד אַלצדינג; איך בין דער, וואָס איך בין איידער דער „גאָרנישט" איז מיר פון דער העלער הויט שיינענדיג אַרויסגעשפּרונגען. ער ווערט באַלד אַ גאַנצער „יש", וויל דעם אַלטען פאָטער זיינעם פון דער וועלט טרייבען. מיר געהען כּסדר איינער דעם אַנדערען נאָך פוס־טריט און וואָס אַ טריט — ווערט און וואַקסט די צייט. — איך בין דער שר פוני'ם פינסטערניש, דער מלך פון די רוחות, איך בין דער שטן, דער אַשמדאַי

איך בין שיער אין חלשות נישט געפאַלען פאַר שרעק, אַז איך

האָב עס געהערט. דער אַשמדאי האָט צו מיר מיט אַ פינגער זיך צו־געריהרט און איך האָב מיך באַלד געפיהלט שטאַרקער אַזוי, אַז איך האָב געקענט שטעהן אויף די פיס און אַפילו אויך רעדען.

— זיי מיר מוחל, — האָב איך זיך אָנגערופען מיט גרויס דרך־ארץ — וואָס איך וועל דיר פרעגען. כפי איך, פּראָסט מענשעלע האָב פערשטאַנען דיינע פערשטעלטע ווערטער, מיינסט־דו אַזוי: אַז דו מיט דיין ווידער־פּאַרטיי אַרבייטען איינע געגען די אַנדערע אין די זאַכען, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, יענער ציהט־צו און די שטויס־אָב, יענער האַלט צוזאַמען און צו שיידסט אַלצדינג, וואָס יענער בויעט, צושטערסט־דו, און דאָס וואָס דו צושטערסט, בויעט יענער אויף צוריק; יענער, אַזוי הייסט עס, איז דער בורא, דער בעשאַפער, און דו, אַשמדאי, דער פּערטיליגער, דער צושטערער. אויף דעם שטעהט די וועלט, מיט אַלע בעשעפעניש; אויף דעם אופן זעהט מען, פיהלט מען תמיד אין איהר אַ ניי לעבען, עס טהוט זיך און בעוועגט זיך. ויהי ערב ויהי בקר — ס'איז דאָ טאָג און נאַכט, אָרט און צייט. אויב אַזוי איז טאַקי, ווי איך האָב דיך פערשטאַנען, קומט דאָך עפּיס גאָר פון דיר אַזוי קיין שלעכטס נישט אַרויס?

— אָט דאָס טאַקי האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, אַז איך, אַשמדאי, פּערדאַרב נישט אַזוי די וועלט, ווי איהר, מענשעלעך. פון מיין שלעכטס־קייט, ווי איהר מיינט, קומט פאַר איהר נישט אַרויס צרות, אַל־דאָס־בייז, וויפיל פון אייער גוטסקייט. אַוודאי הייס איך דאָך ביי אייך דער רשע, דער שטן. זאָל עפּיס וואָס־עס־איז אַ מאָל זיך מאַכען, איז אַ געשריי, אַ קלאָג, איטליכער אויף מיר, חאָטש אין דער וועלט זעהט זיך עס גאָר נישט אַזוי אָן. איהר אָבער, מענשעלעך, אַז איהר קוילעט אויס מיט אַ מאָל אַ וועלט, מאַטערט, טהוט אָן גרויסע צרות, איהר הייסט גוטע און פרומע! עס קומט אייך נאָך אַ גלעט אין בעקעלע, וואָרום דאָס טהוט איהר אַלצדינג מחמת גוטסקייט!... איהר האַלט זיך פאַר גרויסע חכמים. זעצט אויס פעהלער אין דער נאַטור, אין דעם גאַנג פון דער וועלט, שמועסט זיך איין, אַז איהר וואָלט מיט אייער שכל, מיט אייער גוטסקייט בעשאַפען אַ וועלט גאָר אַנטיק — און אז איהר האָט אין אייערע הענט געגומען אַ פּאַרטיגע וועלט איינגאַנצען, ווי זי איז, האָט איהר זי שרעקלעך פערדאַרבען, אומעטום פאַרדרעהט, אומעטום קאַליע געמאַכט, זי האָט ביי אייך אַ פּנים, אַקוראַט ווי אַ טייער זייגעריל פאַלט צו אַ קינד אין די הענט אַריין. איך ווי איך בין, בין איך מיר. אין דער גאַנצער

פאטור הערשען נאר גזועצען, וואס גילטען תמיד פאר איטליכען גלייך, דארט זענען נישטא קיין מיוחסים, נישטא קיין בארמהארציגקייט, אלצדינג דיהרט און בעוועגט זיך דורך אייביגע, גערעכטיגע גזועצען. איהר, גוטע מענשעלעך, ווילט עס אבער נישט ליידען, בי אייך ווילט איהר גאר נישט וויסען פון פאראדקעס. איהר האט זיך צוטיילט אויף טויזענטערליי פעלקער, נאמנות, כתות, קלאסען, סארטען, שטאנדען, צעבען וכדומה, און די דאזיגע ווערען ווידער צוטיילט אין נאך און נאך אזעלכע. פאר איטליכען אלץ אנדערע פאראדקעס, אזוי פערשיערען, אזוי פארענדערט.

— אבער אקעגען וואס, האב איך איהם געפרעגט, זאגסט־דו מיר דאס אלצדינג?

— חע, חע, אקעגען וואס! איך זאג עס זיכער נישט גלאט אזוי ווי דער שטייגער איז פון אייך, מענשעלעך, וואס בשעת צוויי קומען זיך צונויף, הויבען ביידע אן צו פלוידערן אין דער וועלט אריין, כדי ארויסצו־ווייזען זייערע חכמות, זייער פילאזאפיע און מישען אוים בוידעם־פאלעצע. איך זאג עס אקעגען דיין פריהערדיגען שמועס, וואס דו האסט געהאט ערשט נישט לאנג מכח רחמנות, מכח אייערע חברות. פון וואנען, וויל איך דיר בעווייזען, האט עס אלצדינג בי אייך זיך גענומען. די סבה דערפון איז גאר א פראסטע. דעריבער טאקי רעדט מען בי אייך אלץ פון רחמנות און דעריבער טאקי פארמעהרען זיך אלץ בארמהארצעדיגע חברות, ווייל בי אייך הערשט זעהר פיעל אכזריות, רדיפות און עולות; ווארום ווען נאר אמת און גערעכטיגקייט זאלען געווען גילטען, וואלט איהר דאך פערשפארט צו פערזוכען דעם טעם פון רחמנות און וואלט נישט געהאט אזוי פיעל בעלי־רחמים'ס, אזוי פיעל בעלי־טובות מיט אזוי פיעל חברות. איך זאג עס, פארשטעהסט־דו מיך, מכח אייער גוטסקייט, מכח אייער גוטהערציגקייט זאג איך עס, פארשטעהסט־דו?

— עט... בע... האב איך געמאכט עפים אהן ווערטער.

— זעהסט־דו, האט ער געזאגט, אז איהר, מענשעלעך, ב ע ק ע ט עפים אהן לשון, עס איז א מאל בעסער ווי גערעדט. פאר אייך רעדט איהר, דאכט זיך, א מאל ווי קלארע, איהר קענט, א שטייגער, זאגען; נא דיר א גראשען און גיב מיר א בייגעל, נא דיר אזוי פיעל און אזוי פיעל און ארבייט מיר אב מיין עסק וכדומה נאך זאכען, וואס זענען אייך אליין נוגע. מען פארשטעהט גאנץ גוט אייער כוונה. קומט אבער א מאל אוים צו שמועסען, אדער עפים צו שרייבען איבער כלל־זאכען,

ווערט איהר, צו אלדי שוואַרצע יאָהר, ריינע משוגעים, עלטע בהמות? איהר פּלוידערט, משטיינס-געזאָגט, נישט צו דער זאך: טויזענט ליגען, טויזענט פסוקים׳לעך און ווערטלעך, נישט געשטויגען, נישט געפלויגען. איהר נאַרט איינער דעם אַנדערען, איהר דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט. איהר פאַרדרעהט, פאַרפּלאָנטערט אַזוי, אַז עס איז אוממעגליך אַרויסצוקריכען, מען קען נישט פאַרשטעהן, וואָס איהר ווילט. טאַקי נאָר שטעהן און וואונדערן זיך מוז מען דענסטמאָל, ווי מענשען שרייבען, רעדען, שרייען און עס איז נישטאָ וואָס צו הערען: ווי זיי קענען מיט זייער מתנה, מיט זייער לשון, זיך נישט פאַרשטעהן, ערגער, כ׳לעבען, ווי די בהמות!

— אַקעגנען וואָס אָבער, האָב איך געפרעגט, ביסט-דו עס דאָ אַזוי אַרוים מיט דער שפּראַכע?

— נאָך אַ מאָל „אַקעגנען וואָס"? — האָט ער זיך אָנגערופען. — עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך רעד דאָ נישט גלאַט אַזוי, אַבי חוזק צו מאַכען. איך זאָג עס אַקעגען דיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דער חברה, אַקעגען דיין פריהערדיגען שמועס מיט דער קליאַטשע זאָג איך עס. איך זאָג, אַז דיין „עט, בע" וואָס דו האָסט פריהער געמאַכט, מחילה, ווי אַ אייזעל, איז, כ׳לעבען, בעסער און קליגער פון אַלע דיינע דרשות. בעטראַכט זיך אַדרבה אַליין, אויב דו ביסט נישט ריין משוגע! פאַר דיר שטעהט אַ פאַרמאַרעטע, אַ הונגעריגע קליאַטשע, וואָס זי בעדאַרף נייטיג ווי אין לעבען אַריין האָבען חאָטש אַביסעל מנוחה, אַ מעסטעל האָבער, אַ בינטעל היי, ווילסט-דו איהר גאָר בעווייזען אַ הייא אין סידור און אַלץ אויסדריינגען, ווי גוט, ווי שען עס איז זיך אויסצולעהרנען עפּיס קונצען! מיינסט-דו אפשר, אַז נאָר דו אַליין פּלוידערסט אַזוי דאָ? ניין! קום זיי מוחל, וועל איך דיר הייזען אַ סך, וואָס זאָגען פאַר הונגעריגע, דערשלאָגענע מענשען פונקט אַזעלכע דרשות ווי דיינע. מיינע געשעפטען פיהרען מיך זעהר אָפט צווישען מענשען—דו מוזט וויסען, אַז אַ שטן, אַ אשמדאי, איז זעהר שטאַרק תמיד בעשעפטיגט—איך מאַך דאָרט איטליכען וויזיטען, האָב קענטשאַפט מיט אַלע גרויסע לייט, איך זעה מיך אָן, וואָס זיי טהוען, וואָס זיי אַרבייטען, און הער מיך אָן זייערע אַלע שמועסען, זייערע אַלע דרשות. לאָמיר אָנהאַפּען, אַ שטיינער, אַזעלכע, עפּיס פון אַזאַ אַרט: מאָל דיר, איינער שרייעט ביי איך גוואַלד אויף די מלמדים: ביז וואַנען וועט מען אַלץ אָבגעבען קינדער צו אַזעלכע קאַטשאַנעס, וואָס מאַכען פון זייערע תלמידים ווילדע מענשען, טויגעניכטסען? נאָך איינער ליאַרמט: ביז וואַנען

וועט מען אלץ חתונה מאכען יונגע קינדער? ביז וואנען וועלען שדכנים צונויפפיהרען צוויי נפשות, וואס קענען נישט און ווייסען נישט איינער דעם אנדערען ביז נאך דער חתונה? א דריטער שרייעט אויף די בטלנים, וואס וואקסען ביי אייך ווי קראפעווע און פערפיהרען מיט זייערע נארישע זאכען, מיט זייערע קרומע גענג דעם עולם? א פערטער שרייעט: ביז וואנען וועלען ביי אונז זיך פרוכפערן אזוי פיעל בעלי-טובות, בעלי-טאקסעס, שטאדט-פערזארגער וכדומה אזעלכע מיני פארשוינען? — אלע שרייען, פילדערען: שוין צייט דאס אלצדינג אוועקצוווארפען און ווערען קליגער, געבילדעטער, געניטער. נאר קומט אבער פון זייער שרייען עפיס ארויס? אלצדינג בלייבט טאקי ווי פריהער. עס קען טאקי פון זייער שרייען גארנישט ארויסקומען. פאר וואס? אט מחמת דעם, מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פאר אלע בעשעפעניש, פאר אלע מענשען גלייך, אזא געזעץ, וואס קיינער, יהיה מי שיהיה, איז נישט אימשטאנד עס איבערצומאכען, וואס אקעגען איהם העלפט נישט קיין שרייען, קיין רעדען, קיין דרשות און קיין שום מיטעל; אזא געזעץ, וואס איז שטארקער פון אלע שטארקע, מעהר עקשן פון אלע עקשנים, וואס אז מען שטעלט זיך איהם אקעגען, זוכט עס זיך אויס טויזענטער אנדערע וועגען, טויזענטער המצאות און הסברות כדי זיך צו דערהאלטען—איך מיין דא דעם דאזיגען בעקאנטען געזעץ, וואס אלע ווילען עסען, וואס איטליכער וויל צו דערהאלטען זיין לעבען, עס מעג זיך זיין אויף וועלכען אופן, מיט וועלכען מיטעל עס וויל זיך. וואס זענען דען מלמדים? דאס זענען ביי אייך א גרויסער, זעהר א גרויסער טייל מענשען וואס ווילען עסען, וואס ווילען לעבען, און וואס קענען עס אבער אין דער וועלט אנדערש נישט בעקומען נאר דורך אזא מיטעל דווקא, וואס זיי וועלען נעהמען אייערע קינדער אין חדר אריין. אזעלכע נויטבעדערפטיגע מענשען געפינען אלע וועגען, טוהען כל-א-מיטעל, אז אייערע קינדער מוזען צו זיי אין די הענט אריינפאלען. אקעגען אייך ארבייט א קראפט, אקעגען אייך האלט מלחמה א געזעץ. די עטליכע מענשען מיט זייערע פאראדקעס און מיט זייערע דרשות וועלען עס בשום אופן נישט בייקומען! דעסגלייכען איז אויך מיט די פריהע חתונות. שרייעט דערויף וויפיעל איהר ווילט. — אומזיסט! עס איז דא א גרויסער טייל מענשען, וואס קענען ביי אייך אנדערש נישט לעבען נאר דורך צונויפפיהרען שידוכים, און זיי פארלעגען זיך דערויף מיט אלע כחות אונטערצוהאלטען דעם שלעכטען איינפיהר און חתונה צו מאכען אייערע

קינדער. איהר מוזט אייערע קינדער פריה פיהרען אונטער דער חופה, ווארום דערויף זענען דאך דא ביי אייך גאנצע מחנות שדכנים, זיי מוזען זיין שדכנים, ווארום דערפון קענען זיי לעבען! אזוי געהט עס אויך מיט די נארישקייטען. לאכט דערפון, איהר דרשנים, איהר וואוילע יונגען, וויפיעל איהר ווילט—אומזיסט! וואס זענען דען יענע בטלנים, יענע הבל׳ניקעס? דאס זענען מענשען, א גאנץ היבשער טייל מענשען, וואס זיי איז אוממעגליך אנדערש צו לעבען, א קיום צו האבען, ווען נישט די נארישקייטען. זיי ארבייטען מעשים, מאכען אלע קונצען, אלע אנשטעלען, צו דערהאלטען ביי אייך אלע נארישע זאכען. איהר מוזט אין די נארישקייטען זיך האלטען, ווארום דערויף זענען, דאך ביי אייך דא יענע מחנות נאראנים; זיי, נעבעך, מוזען זיך מאכען צו נאראנים, ווארום דערפון קענען זיי האבען זייער שטיקעל ברויט און שען לעבען... דאס גלייכען טאקי איז מיט אייערע בעלי-טובות, מיט אייערע אפוטרופסים. שרייט דערויף וויפיעל איהר ווילט, עס וועט אייך, כ׳לעבען, גארנישט העלפען! וואס זענען דען אייערע שטאדט-בעלי-טובות, אייערע תכלית-פערזאָרגער? דאס זענען ביי אייך א סך מענשעלעך, וואס וואלטען, נעבעך, פשוט נישט געהאט מיט וואס א טאג איבערצולעבען, ממש געשטארבען פאר הונגער, ווען זיי זאלען זיך נישט מיהען מיט אלע קרעפטען צו טאן אייך אלערליי מיני טובות: צו דערהאלטען אייערע טאקסעס, און אויסטראכטען תמיד עפים נאר פרישע אבגאבען, ווי א שטייגער, אויף מעהל, אויף זאלץ, אויף שמאלץ, אויף ליכט וכדומה; צו דערהאלטען ביים לעבען אייערע מקבלים אין ארץ ישראל. און אייערע ארימע לייט דא מקבר צו זיין; צו מגדל זיין אייערע יתומים און תלמוד-תורות און נישט צו דערלאזען יענע מיני גזרות, בכדי יודען, נעבעך, זאלען טאקי א פנים האבען ווי פריהער און בלייבען טאקי דאס וואס זיי זענען זיי מוזען, נעבעך, זיך זארגען, אויף אייך רחמנות האבען. זיי מוזען, נעבעך, אייך טובות טאן, און איהר פון אייער זייט מוזט, נעבעך, פון זיי מקבל טובה זיין. אקעגען אייך, זאג איך נאך אמאל, ארבייטען קרעפטען, אקעגען אייך שטעלט זיך ארויס א נאטור-געזעץ אין יענע אלע מענשען, וואס זוכען אייגענטליך עסען און טהוען אלע מיטעלן צו דערחאפען זייער פרנסה, זייער לעבען. איהר זייט זיך מפרנס און לעבט איינער פון דעם אנדערען, איהר עסט אויף און פערדארבט איינע די אנדערע. זאל מען אבער געווען אייך לאזען לעבען לייטען גלייך, פריי, ווי עס געהער צו זיין וואלטען אזעלכע זאכען

בײַ אײַך כּלל נישט געווען. לאָז מען נאָר פֿאַר אײַך עפֿענען אַ וועלט, וועלען די אַלע זאַכען פֿון זיך אַליין אויפֿהערען און איהר וועט מיט אַ מאָל אויסגעלייזט ווערען פֿון אַלע צרות. נאָר כּל־זמן איך, אַשמדאַי, בין נאָך דאָ, וועל איך אַזעלכס נישט צו־לאָזען. איך וועל מאַכען הוקעס־פּוקעס, אַז מען זאָל נאָר שרייען, זאָגען דרשות, האַלטען רעדע און גאָרנישט טאָן, מען זאָל אײַך תּמיד האַלטען אין דעם טויל אַז מכּה אײַך קיינמאָל נישט קומען אויף אַ לאַד. נישטאָ פֿאַר אײַך קיין אַנדער וועג, נישטאָ פֿאַר אײַך קיין אַנדער מיטעל צום לעבען! עסט, פֿרעסט איינער דעם אַנדערען, שלינגט זיך ווי די פֿיש איין איינע די אַנדערע. בײַסט זיך, רײַסט זיך, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

— אַך! האָב איך געקרעכצט, און זיך געכאַפּט בײַ דעם קאָפּ, וואָס האָסט־דו צו אונז? וואָס האָבען מיר דיר געטאָן?

— וואָס האָב איך צו אײַך? — האָט ער געזאָגט און געקריצט מיט די ציין, — איך בין אײַך אַ דם שונא דערפֿאַר, וואָס איהר האָט מיך געמוטשעט.

— וואָס רעדסט־דו? — האָב איך זיך אָנגערופֿען, מיר האָבען דיך געמוטשעט!?

— אײַער שלמה המלך, — האָט ער געענטפֿערט מיט כּעס, — אײַער שלמה המלך'יל האָט מיך, אַשמדאַי, אַ מאָל געכאַפּט און מיך געהאַלטען געשמידט אויף אַ קייט. ער האָט מיך שטאַרק געמוטשעט!

— גוואַלד, האָב איך געשריגען, אָבער וואָס זענען מיר שולדיג? פֿאַר וואָס זאָלען מיר, נעבעך, אָבקומען פֿאַר אַ מעשה, וואָס איז געשעהען עטליכע טויזענט יאָהר צוריק? מען מוז אויסהערען בײדע צדדים. גוואַלד וואָס האָסט־דו צו אונז, נעבעך? וואָס האָבען מיר אָבצוקומען, וואָס זענען מיר שולדיג?

— שלמה המלך איז אײַערער! האָט ער זיך שרעקליך צובייזערט און אַ זעץ געטאָן די קליאַטשע, נעבעך, וואָס די גאַנצע צייט איז זי, שלימזלדיגע, געשטאַנען אין איינע צרות און משונה געציטערט. איהר, איהר זייט שולדיג! איצט ליגט אויף אײַך מיין קללה: זעהט אַלצדינג, נאָר נישט דאָס, וואָס מען בעדאַרף; הערט איטליכען, נאָר נישט אײַערע אמת'ע גוטע פֿריינד; רעדט אַ סך איבער זייטיגע זאַכען, נאָר ווי באַלד עס וועט אויסקומען אַ שמועס איבער אײַך, זאָל אײַך אָבנעהמען דאָס לשון; טאַפּט אָן אַלצדינג, נאָר נישט דעם רעכטען וועג צום גליק.

אייערע בעלי-טובות זאָלען ווי די פליי אין זומער זיך פרוכפערן און מעהרען. זיי זאָלען אייך אזוי פיעל טובות טאָן, ביז וואנען איהר וועט פון זייערע טובות קראנק ווערען און מעהר קיין כח נישט האָבען זיי צו-צונעהמען. אייערע חברות זאָלען וואקסען ווי קראָפּעווע און די קאסע-ביכער זאָלען פערשוואונדען ווערען, עס זאָל פון זיי נישט זיין אפילו קיין זכר. אייערע טאקסעס זאָלען אייביג נישט אויפהערען, דארט, קווארט, צאָהלט געלט און גריזעט ביינער! ווערט איינער אַ מאָל פאר אייך זיך ארויסשטעלען, זאָלט איהר, ווי די משוגעים, אויף איהם אָנפאלען און ווארפען אויף איהם שטיינער. אייערע גבירים זאָלען אומעטום שיטען געלט פולע הויפענס; נאָר נישט אויף וואס און נישט וואו מען בעדארף. דאָרטען וואו עס איז נייטיג, זאָלען זיי נישט וועלען געבען קיין גראָשען. איהר זאָלט זיין בני-רחמנים דענסטמאָל, ווען אייער רחמנות טויג שוין אויף כפרות, בשעת יענע שלעפט זיך שוין ארום מיט דער טאָרבע, אָדער בשעת יענער איז שוין נוטה למות און פאָכט מיט דער נשמה; נאָר בשעת יענער האלט זיך און זוכט מיטעל, ווי זיך בכבוד צו דערנעהרען, זאָלט איהר איהם רודפ'ען, זאָלט איהם טאָן אַ וואָרף און צוטרעטען מיט די פיס. איהר זאָלט אָנטאָן אטלעסענע לאנגע קאפאָטעס און קריכען מיט זיי אין דער בלאָטע. אפילו אַ קבצן זאָל בעסער אָנטאָן זיידענע שמאטעס איידער אַ גאנץ קלייד פון געוואנט. אין עולם-הזה-זאכען זאָל זיך זאָרגען איטליכער פאר זיך בעזונדער, נאָר מכּח עולם-הבא זאָל איינער זיך שטארק זאָרגען און אַ ערב זיין פאר דעם אנדערען. דערפאר זאָלען פרעמדע בּיי אייך איינפיהרען דעם דין פון ערבות אין אלע זאכען. ווערט איינער עפּים זינדיגען, זאָלט איהר אלע שולדיג זיין. אויב עס וועלען אַ מאָל בּיי אייך אויפשטעהן גאזעטענשרייבער, צו פארענטפערן אייך פאר די אומות העולם, זאָל פון אלע אַ קיום האָבען און אייך בעסער געפעלען יענער, וואָס פארשטעהט נישט זייער לשון. פאר דעם מינדסטען פון די אומות העולם זאָל אייערער דער גרעסטער זיך מאכען קליין און האלטען פאר אַ כבוד מיט איהם חבר צו זיין; אקעגען-זשע בּיי אייך זאָל דער מינדסטער פאר דעם גרעסטען נישט האָבען קיין שום דרך-ארץ, איטליכער גאָרנישט זאָל זיך האלטען פאר אַ גאנצען יש, איטליכער שוטה פאר אַ ווילדען חכם, איטליכער גראָבער יונג פאר אַ עדעלען מענשען; אַ עם-הארץ זאָל אַ העזה האָבען צו שפעטען פון אַ געלעהרענטען, אַ בור זאָל זיך האלטען פאר פרום, מעהר ווי פון

אַ למדן, איהר זאָלט זיך בייסען, רייסען, איינער דעם אַנדערען פרעסען צו אַלדי שוואַרץ יאָהר! רעכט אויף אייך, רעכט. איך האָב הנאה, איך לאַך פאַר שמחה!

ער האָט געגעבען אַ לאַך, אַזש דער גאַנצער וואַלד איז פול געוואָרען מיט געלעכטער, און איז פערשוואונדען געוואָרען.

## דאס אכצעהנטע קאפיטעל!

# ישראליק — נישט ער הענגט, נישט ער שטעהט

לצים לאַכען, נישט גוטע שפּעטערײ, ער איז אַ געשפּעטערײ, אַ גערײדערײ נאָר פערריקט צו ווערען. זײַער קאָפּ איז דול, די פיס, אוי, פיהלען נישט קײן אָנהאַלטעניש אונטער זיך — און איך הענג, דאַכט זיך, גאָר אין דער לופטען.

— ברכה! — הערט זיך עפּיס ווי פון הימעל אַ קול — געה בעדינען דעם פאַרשוין, גרײט איהם צו, ווי מען בעדאַרף, און ברענג איהם דערנאָך צו מיר אַ הין, אין דעם געוויסען אָרט...

און באַלד דערזעה איך פאַר מיר עפּיס אַ מענשען־געשטאַלט אויסזעהענדיג זעהר משונה.

— אָט האָסט־דו דיר, ישראל! — זאָגט ער צו מיר נאָכדעם אַז ער האָט מיך אנגעקוקט און דערלאַנגט מיר אין באַק צווײ פלאַמענדיגע פעטש.

— וואָס איז דער טעם פון די דאָזיגע פעטש?! — מאַך איך שטאַרק פערוואונדערט.

— נישקשה, ישראל איז ווערטה אַ פּאַטש. דאָס האָסט־דו דיר אײן טעם. און צווײטענס איז פשוט בײ אונז אַזוי דער שטײגער צו געבען שלום.

— אוי, זאָג איך מיט פאַראיבעל, אַזאַ שטײגער פון שלום געבען איז טאַקי נאָר בײ מזיקים.

— אַזוי איז דאָס טאַקי ווי דו זאָגסט — ענטפערט ער מיר מיט אַ העזה'לע — איך בין אײנער פון „זײ". אַזוי איז מען בײ אונז מזיקים

זיך נוהג, נאָר וואָס וואונדערסט דו זיך אַזוי? זענען דען אויך מענשען זיך נישט נוהג אַזוי ווי מיר?

איך שווייג, נישט וויסענדיג איהם וואָס צו ענטפערן.

— כ'לעבען, ישראל, דו געפעהלסט מיר זעהר, בייג נור איין דאָס קעפעלע דיינס, וועל איך אויף איהם אָנטאָן אט דאָס מיצעל.

— ס'טייטש, דאָס מיצעל איז דאָך פאַר משוגעים! שריי איך מיט אַ ביטער געמיטה — איך וויל זי נישט! טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט, שלאָג מיך, ברען מיך, אָבער דאָס מיצעל טהו מיר נישט אָנטאָן אויפ'ן קאָפּ — איך בין נישט משוגע!

— דו שוטה איינער, ישראל! דו פאַרשטעהסט. אַז די כונה מיינע איז דיר לטובה. אָט דאָס מיצעל, ווער עס טהוט עס אָן, ווערט באַלד אַ רואה ואינו נראה און דיר פּאַסט עס טאַקי, זיין אַ אינו נראה, פון קיינעם נישט בעמערקט צו ווערען. דאָס איז אַזוי אַ זאַך, וואָס קיין בעסערס דערפון איז גאָר נישטאָ. זי וועט דיר נוצען פאַר אַ גוטען מיטעל צו דער פּרנסה און זי וועט זיין פאַר דיר אַ שוץ פאַר אשלעכטען אָנפאַל אין אַ ביטערע צייט. אַז חברה הילטייעס וועלען זיך אַנעהם טאָן אויף דיר מיט אַ קולאַק, וועסטו אָנטאָן דאָס מיצעל אַראָברוקענדיג עס ביז'ן נאָז און מאַכען פּליטה אַזוי, אַז פון דיר, ישראליק, וועט אַפילו אַ געדעכטניש נישט בלייבען.

— אָבער מיט וואָס האָב איך זוכה געווען צו דעם דאָזיגען גענאַד?

— דו ביסט אַ גרויסער בעל מזל, אָהן עין הרע, ישראל, אָט אַזוי האָט מען מיר געהייסען טאָן און אָט אַזוי טהו איך.

ווי אַ בעהעלפער ועקט אויף דאָס קינד, וואַשט עס, טהוט עס אָן, נעהמט עס, טראָגט עס אויף די פּליצעס, אַזוי האָט זיך ברכא מיט מיר אָבגעגעבען. שטעלט מיך אונטער אַ שטראָם קאַלטען וואַסער, ברעכט און גלייכט מיר אוים די ביינער, טהוט מיר אָן אַ משונה'דיג העמד, אַמיצעל, אין אַ לייוענטענעם חאַלאַטיל און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס איז נייטיג פאַר מיין געזונד.

ברכא איז געווען אַ גוטער שד, אַ בעריעדעוודיגער, און האָט מיר בעדינט זעהר געטריי — נוט אויסגעגלייכט אויפ'ן קאָפּ מיר דאָס מיצעל, אָבגעווישט מיר די נאָז, גאָר אָנגעקוואָלען קוקענדיג אויף מיין שענער צורה און מיר דערצעהלט שרעקליכע מעשיות פון די שדים און פון זייער שטייגער לעבען:

די שדים זענען — לויט ווי ער האָט מיר דערצעהלט — איינגעטיילט אין פערשיעדענע כּתות און ער, ברכא הייסט עס, איז איינער פון די כּת־לצנים. די לצנים זענען גרויסע שווינדליוקעס, טרייבען שפּאַס מיט מענשען, נאַריש מאַכענדיג זיך, און אַ מאָל טאַקי אָבטאָנדיג אַ מיאוסען שפּיצעל אויך. מיטוואָך אויף דער נאַכט און שבת צונאַכט — דאָס איז די בעסטע צייט פאַר זיי צו מאַכען די שפּיעל. אין יענע נעכט נעהמען זיי אָן געשטאַלטען, וועלכע זיי ווילען, סיי מענשליכע און סיי פון בהמות, חוזק צו מאַכען און צו פערפיהרען די פאַרבייפאַהרענדיגע אויפ'ן וועג. ברכא האָט מיר דערצעהלט: איינמאָל האָט ער זיך געוויזען איינעם פון די חכמים אין דער געשטאַלט פון אַ יפיפה, האָבען זיי זיך ביידע אָנגעשפּיעלט ביז דער האָהן האָט אַ קרעה געטאָן. און באַלד איז ער ענטריגען געוואָרען, מאַכענדיג דעם חכם אַ נאָז מיט אַ גרויס געלעכטער. און נאָך אַ מעשה, ווי ער האָט זיך מיטוואָך אויף דער נאַכט געוויזען פאַר אַ בעל עגלה אין דער געשטאַלט פון אַ געבונדען קעלביל, קריכט דער פאַרשוין אַראָב פון דער קעלניע, נעהמט עס און וואַרפט עס אַריין אין וואָגען, און ווי ער באַברעט זיך דאָ אַזוי, אַזש מיינער חאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס, פערדרייסט דעם עק, און אַוועק. ברכא האָט געמאַכט דעם גרעסטען געלעכטער פון די בעלי שמות און, להבדיל, די מכשפים און טאָטערן מיט זייערע שפּרוכען און קמיעות, זאָגענדיג, אַז זיי זענען גרויסע ליגנער. ווייס איך, וואָס? ווען? די שדים הערען זיי, ווי דעם ראַבען קאָטער. אַז איך האָב געטאַפּט ברכא'ען אין קאָפּ, אָנרופענדיג זיך צו איהם פערוואונדערט: ס'טייטש, ברכא, וואו זענען דיינע הערנער? האָט ער זיך צולאַכט מאַכענדיג: הערנער, ניט מיר האָבען, ניט מיר האָבען געהאַט, עס איז זיך גלאַט אַזוי אַ משל, פּונקט ווי די הערנער, וואָס ווייבער ביי אייך שטעלען־צו זייערע מאַנען. און אַז איך האָב איהם אַ פרעג געטאָן מכּח דעם, וואָס די חכמים זאָגען, אַז שדים עסען און טרינקען ווי מענשען, פּרוכפּערען זיך און מעהרען זיך ווי מענשען, האָט ער מיר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ, און נאָך צוגעגעבען, ניט נאָר ווי מענשען, נאָר אויך מיט מענשען, ברענגענדיג דערצו ראיות פון דער תּורה, פון מדרשים. דער געוויסער נחש הקדמוני, זאָגט ער, וועלכער איז, כּידוע, סמאל אליין, ער האָט דאָך פערפיהרט חוה'ן, און זי איז מעוברת געוואָרען מיט קין'ען פון איהם. און אָדם אַליין, ווי ס'איז בעקאַנט, האָט דאָך הונדערט מיט דרייסיג יאָהר געלעבט מיט קליפות, וואָס האָבען געבוירען פון איהם

שדים און רוחות. די מלאכים, שמחזי און עזאל, זיי ווידער האָבען גע־לעבט מיט מענשליכע טעכטער און האָבען געבוירען די נפילים, די געוויסע ריזען. פונדעסטוועגען הערסט־דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען פ'וואָלט געווען גלייכער, אז דו זאָלסט זיך נישט גריבלען אין אזעלכע זאכען. דו ביסט דאָך נישט קיין בעוויבטער, א בחור אריבער צוואנציג יאָהר, אז אָח און וועה איז דיר... צוביייזערט ער זיך אויף מיר שטארק, הויבט אויף די האנד, און עס פליהען מיר פעטש ווי האָלץ, ער פאטשט אלץ און זאָגט: אין יענץ, וואָס איז פאר דיר א סור, גריבעל זיך נישט, בחור, אט האָסט דו איינס, צוויי! וויל נישט וויסען וואָס ס'איז נישט דיין עסק. אט האָסט דו דיר דריי, פיער, זאָלסט געדענקען, און זאָלסט דערצעהלען באָזני הבחורים, אין די אויערן פון די בחורים, דיינע חברים, זיי זאָלען נישט מאוס מאכען זייער מויל און זייער פען מיט ליעבעס־זאכען.

אוי, פעטש! די דאָזיגע פעטש האָבען גוט טאקי געווירקט אויף מיר. איך בין נאָך זיי געשמאק איינגעשלאָפען ווי נאָך א באָד. וו פיעל איך האָב געשלאָפען, ווייס איך נישט, נאָר ביים אויפוואכען זיך האָב איך מיך געפונען ליעגענדיג ביים אשמדי אין האנד, און ער פליהט אין דער לופטען.

## דאס ניינצעהנטע קאפיטעל

# ישראל פליהט.

— ברוך הבא! זאגט מיר דער אשמדאי מיט א שמייכלענדיגע מינעלע, עס פרעהט מיך זעהר זעהן דיך, ישראל, פליהענדיג אין דער לופטען. קוק, די לופט פון דער גאנצער וועלט שטעהט פאר דיר פריי!

א קול עפים פון גאנצע מחנות פערטראגט זיך דונערענדיג ווייט אין דער לופט. און באלד דערזעה איך פאר מיר גאנצע מחנות רוחות, לצים און אלע מיני שדים און מזיקים, צווישען זיי אויך מכשפים, טאשענשפיעלער, פאקוסניקעס, שפרעכער פון אלערליי נאציעס אינאיינעם מיט רוסאלקעס, אלטע מכשפות, ציגיינערקעס, קארטען-ווארפערינס פון איטליכער גאמנה; א טייל פאהרען רייטענדיג אויף מיני פלעדערמייז, וואס הייסען וואמפירען, א טייל אויף דראקאנען, מיני בייזע שלאנגען מיט פליגעל; נאך א טייל אויף סאוועס, אויף יאשצערקעס, און יונגע מכשפות רייטענדיג אויף מיני דראבעס, קאלעפעל, אויף בעזעמס, קאטשערעס און לאפעטעס. ס'איז געווען א פחד אנצוקוקען דאס שרעקליך פעקיל, וואס האט זיך געדרעהט פונקט ווי שטויב א רעדעל דרעהט זיך פון דעם ווינד. עס האט געפייפט, געברומט, געפישצעט, געסוויש-טשעט, געטאנצט, געשטיפט, נישט גערוהט קיין רגע.

— וואוהין טראגען זיי זיך עס אזוי? — וואונדער איך מיך אין הארצען אויסשטרעקענדיג די נאז מיינע, וואס זי דינט מיר אויף אנצו-שמעקען ווי די פיהל-הערנערלעך, א שטייגער, ביי די זשוקעלעך. און דורך דעם טרעסע-געבען-זיך בשעת מעשה האט דער אשמדאי, וועלכער האט זיך שווי אין מיר געהאט פערגעסען, זיך אומגעקוקט אויף מיר און געזאגט:

— וואָס מאַכסטו דו עפּיס, מיין הארץ? ווי גערט עס דיר דאָרט, ישראל, אונטען אין דער וועלט, האָב קיין פאַראיבעל נישט, וואָס איך בין אַזוי גראָבליך געווען אַ געגען דיר, נישט צו פרעגען עס דיך גלייך טאַקי ביי׳ם ערשטען ברוך הבא.

— ווי עס גערט מיר, און ווי עס לעבט זיך מיר דאָרט? פרעגסטו דו, וואָס זאָל איך דיר זאָגען, — ענטפער איך עפּיס אָהן ווערטער, — עט, גאָרנישט! כ׳לעב... נאָר... די עכּקים עפּיס נישט פויגעלדיג... עס פערדינט זיך נישט...

— הייסט עס, אַ פּנים, נישקשה, איז מעהר ווי דאָס גערט דיר נישט אָב — זאָגט דער אַשמדאַי אָנקוקענדיג מיר מיט אַ ממזריש שמייכעלע, — און בכלל, הייסט דאָס, איז דיר דאָרטען נישט שלעכט, אַז וואויל איז דיר, ישראל! נאָר... וואָס בעדייט עס דיין אומוואַקלען זיך, הארץ מיינס, גלייך אַזוי ווי ס׳איז דיר ענג דאָרט? אָגב טאַקי, האַ, בויג נור איין דאָס קעפּעלע, זיי מוחל, און גיב אַקוק אויף דער ערד דאָרט אונטען!

דאָס האָט מיר עפּיס נישט געשמעקט, די ערד, וואָס איז מיר אַ שטיעף-מאַמע, האָט נישט געצויגען צו זיך דאָס הערץ מיינס. וויל איך פערדרעהען דעם אַשמדאַי מיט אַ איבער-הסברה׳לע, פערפיהרענדיג איהם אין אַ שמועס איבער פּאָליטיקע, וואָס איך האָב, ברוך השם, דערדינען אַ שטאַרקע ידיעה, אפשר וועט דאָדורך בטל ווערען די גזרה, — הויב איך מיך אָן צו-צולאָזען מיט אַ ברייטליכען שמועס איבער די מדינות, אָב׳פּסק׳ענדיג, וואו עס זאָל זיין מלחמות און וואו פריעדען, צונויפפיהרענדיג, אויסמישענדיג איינס מיט דאָס אַנדערע און אַלץ מיט אייז אָטהעם ווי צו „עשרת בני המן״.

— זיי נישט קיין קלוגעטשקער, ישראל, און טהו וואָס מען הייסט דיר, — בייזערט זיך אויף מיר דער אַשמדאַי, אַ בויג געבענדיג מיר צו דער ערד דעם קאָפּ, — קוק און זעה!

— איך קוק, איך קוק, — זאָג איך איהם מיט גרויס שרעק, — נור ס׳איז עפּיס מטושטש. ווי דורך אומריינע שפּאַקולען.

— וואַרט אַ ווייל, וועסט דו שוין קוקען דורך ריינע קלאָרע שפּאַקולען — זאָגט ער אַ פיהרגעבענדיג מיט דער האַנד זיינער איבער מיינע אויגען. און באַלד טאַקי האָב איך שוין געזעהן גוט, און שרעקליכע אַנגסטען זענען מיר בעפאַלען

— ציטער נישט אַזוי, ישׂראליק! — בעט דער אַשמדאַי מיך מיט אַ שמייכעלע — נישקשה, איך האַלט דיך גוט אין די הענד. קוק בעסער און גיב מיר איבער ריכטיג, וואָס זעהסט דו דאָרטען אַזוינס.

איך זעה — אויף פעלדער ווייט אַרום און אַרום ליגען אויסגעשטרעקט טויטע קערפּער פון מענשען אינאיינעם מיט נבלות, געפּגר'טע פערד. ביי אַ טייל זענען אָבגעריסען די הענד, ביי אַ טייל די פיס. ווידער ביי אַנדערע קריכען אַרוים די געדערים. צווישען זיי קרימען זיך, צאַפּלען זיך, נישט טויט נישט לעבעדיג, עפּעס מענשליכע געשטאַלטען, משטיינס־געזאָגט. פון וואונדען רינט זיי בלוט, די מיילער אָפען, די אויגען פערזאָטען און די ליפּען פערברענט, פערשמאַכט פון דאָרשט. העט דאָרט טראָגען הינט גאַנצע קעפּ, ראָבען און אַנדערע מיני רויב פייגעל בעפאַלען די טויטע, פּיקען, פּיקען זיי די אויגען, און רייסען זיי אוים שטיקער פלייש... אוי, בלוט! עס גיסט זיך, רינט בלוט גאַנצע טייכען, פון וועלכע עס זעצט אַרוים אַ הייסע פּאַרע, וואָס געהט אַרויף ביז צו די וואָלקענס

— נישקשה, נאַרעלע! — פאַלט אַריין דער אַשמדאַי מיר אין דער מיט רייד מיט זיינס אַ וואָרט — פון די וואָלקענס, נאַרעלע, וועט עס, פערשטעהסט דו מיך, אַראָבטריפען אין גרויסע טראָפּענס, אָנצוטרינקען זאַט די פעלדער מיט זייערע תּבואות, און די שענע ווייןגערטנער, וואָס זייער וויין וועט דורכדעם געראָטען און וועט דערפרעהען מענשענס הערצער... נישקשה, תּכשיט מיינער. קוק ווייטער! הא, וואָס?

— הינט, זעה איך, לעקען בלוט — און מענשען... אוי, מענשען, מענשען עפּעס אַזוינע בעפאַלען ווי די הינט דאָרט זייערע טויטע ברידער, בעזובען זיי, בע'גנב'נען און בערייסען זיי, אָהן אַ פּיצעל געפיהל פון מענשליכקייט, פון רחמנות. איינער דאָרט, זעה איך, אַ פערוואונדעטער, קוים וואָס ער זשיפּעט. עפענט דאָס מויל, שטרעקט אוים די האַנד, לעכצענדיג, נעבעך, נאָך וואַסער, און יענע פאַרשווינען שלעפען איהם, בעטאַפּען איהם און נעהמען צו אַלצדינג, וואָס געפינט זיך ביי איהם, קוקענדיג אויף איהם מיט אַ קאַלטע לעבער... ניין, איך קען נישט קוקען — שרעקליך, שרעקליך!

— עט! — מאַכט דער אַשמדאַי מיט אַ קנייטשעלע, שפּעטענדיג אוים מיר — גאַנץ געוועהנטליכע זאַכען... מלחמות! ווי דען אַנדערש? אַ שענער משא־ומתּן וואָלט, כ'לעבען, געוועזען פאַר מיר, ווען מענשען, חס ושלום, וואָלטען זינט די וועלט שטעהט ביז אַצינד איינער דעם

אַנדערען נישט געמאַכט דעם טויט. דאָס איינציגע שטיקעל נחת, דאָס איינציגע שטיקעל נוצען, וואָס איך, טייפעל, האָב פון אייך, שענע, פיינע מענשעלעך. שוין איז נור דאָס אָ: זיי פערדאַרבען, פערטיליגען, מהוען אַן גרויס שאָר, און אויף מיר גיסט מען אויס דאָס גאַנצע באָד. זיי שעלטען און מיך מאַכט מען צום שלעכטען. צבוע'קעס! אין דעם חומש'ל, אין דעם תנ"כ'ל, נישקשה, איז איהם גאַנץ רעכט די מלחמות און די הריגות דאָרט. יענער וואָס איך טהאָר וויין נאָמען נישט דער־מאָנען, הייסט בײַ זיי דאָרט איש מלחמה, אַ פעלדמאַרשאַל אין אַ רויטען מונדיר מיט שפאָרען. דאָרט איז ריכט, נישקשה, און דאָ איז איהם שרעקליך, שרעקליך!.. מאַך נישט קיין חן, ישראָליק, קוק!

— איך קען נישט, אָסור! — שווער איך בײַ מיין יודישקייט — עס ליגט מיר נישט בטבע אַזוינע זאַכען. פע, ווי איך בין אַ יוד!... טראָג מיך, רוחיל, טראָג מיך ווייטער, ווייטער!

דער רוח מהוט שווייגענדיג אַ פליה ווייטער. איך האָב געמיינט, אַז די בקשה מיינע איז אָנגענומען געוואָרען, אַזעלכע ווילדע מעשים וועל איך מעהר נישט אָנקוקען. נאָר אָבער אַ טעות. אין אַ ווילע אַרום בלייבט ער אויף איין אָרט שטעהן, און הייסט מיר ווידער אַראָבקוקען אונטען.

פאַר מיינע אויגען וואַקסט אויס עפּיס אַ שטאָדט. איך זעה מחנות מענשען לויפען משוגענערווייז, פאַלען אַן ווי די היישרעקען אויף הייזער, ברעכען פענסטער מיט שטיינער, זעצען אויס טירען, האַקען, בראָקען, רייסען, צופּען, שלאָגען מיט אַכזריות, ערגער נאָך פון ווילדע חיות, יונג און אַלט גאָר אָהן רחמנות. און דאָס אַלצדינג, אוי־ווערה, פאַר גאָט און פאַר לייט, אין דער מיט שטאָדט!...

— געוואַלד! — שריי איך מיט אַ פערקלעמט האַרץ — וואו זענען מיר... וואו זענען מיר עס אַצינד?

— אָט האָט איהר אייך דעם חכם! — לאַכט דער אַשמדאַי איבערווינקענדיג זיך מיט דעם גאַנצען פּעקיל לצים — די בעסטע יונגע יאָהרען באָברעט מען זיך בײַ זיי דאָרט אַוועק מיט געאָגראַפיע, ווי עס הייסט בײַ זיי, משטיינס־געזאָגט, מען פּאָהרט איבער דער לאַנד־קאַרטע מיט פינף פינגער טאַקי, אָנטייטענדיג איטליכעס ווינקעלע, איטליכעס טייכעלע. די גאַנצע ערד, דאַכט זיך, איז אין זייערע הענד־אַ קאַטאָוועס עפּיס אַזוינע קעפּ, אַזוינע אָנגעשטאָפּטע לומדים! און אַז עס קומט אויס אַ מאָל עפּיס וואָס אין דעם לעבען איז מען בהמות,

גרויסע עמי-הארצים, ווייסט מען נישט פון דאנען ביז אהין, זעהט מען נישט ווייטער פון דער נאז... בהמה! איבער רומעניע פליה'ן מיר אצינד, קוק, שוטה איינער, קוק!

— אי-אי! — שריי איך קולות ווי א קינד איבער דער גאס ביים ביזהעלפער אויף די פלייצעס, נישט וועלענדיג אנקוקען דעם פינסטערען הרר. און פערמאך די אויגען.

— שא, שא, תכשיט מיינער! — נעהמט מיך איין דער אשמדאי, צמאקענדיג צו מיר מיט די ליפען, א גלעט געבענדיג מיך אין בעקעלע. און דער גלעט זיינער האט מיר פשוט געעפענט די אויערען גוט צו הערען — אויב דיר, נשמה'ניו, איז שווערליך מיט א מאל צו קוקען, טא הארך-זשע דערוויל א ביסעל. נו, אצינד, וואס?

— איך הער א געשריי, א געבעט פון אומגליקליכע, נעבעך, איך הער א קרעכצען, א גוסס'ען, א חארחלען... אוי! — בעט איך רחמים — ווידער דאס אייגענע. געוואלד, לאז שוין זיין גענוג מלחמות, אנ'עק צו אכזריות, צו שפיכת דמים!

— שטילער, נארעלע, שא! זיי נישט אזוי צוקאכט, ישראל! דאס איז נישט קיין מלחמות. דאס איז גלאט אזוי זיך א מין שפיעל, א נייםאדנע שפיעל. מענשעלעך, נעבעך, צופיהרען זיך אביסעל די הענד. א מין יאכט, נארעלע, איז דאס. מען שלאגט און מען לאכט

— ווער, וועמען? — טו איך א פרעג.

— האסט דען נישט דערקענט אין די הענד — ווער?! האסט דען נישט דערקענט אין דעם קול — וועמען? הקול קול...

— יעקב, אי-אי! — שריי איך, אנחאפענדיג זיך ביים קאפ — געוואלד, פאר וואס, פאר וואס?

— חי-חי-חא! — צולאכט זיך דער אשמדאי, טרעסענדיג מיט דעם ציגען בערדיל — ער פרעג'ט פאר וואס?! וואס מאכט עס אוים? יא פאר וואס, נישט פאר וואס, אבי מען שלאגט! דערויף איז דאך עס א שפיעל, א מין שפיעל, חי-חא-חא! א זון מיט א רעגען, א געוויין מיט א געלעכטער אינאיינעם, אט נייג דיין אויער, ישראליק, און הער!

— איך בעט דיך, הארינקע, לאז מיך צו רוה! איך שווער דיר, אז איך קען מעהר נישט הערען, דאס קול פון מיינע ברידערס בלוט, וואס שרייען פון דר'ערד, איז מיר שווער צו הערען.

— פחדן! — טהוט דער אשמדאי אויף מיר א היק מיט שפאט — ער קען נישט! קען נישט קוקען, קען נישט הערען! און לייענען די

אָנגעמאַכטע געשיכטעס אייערע, ווי הייסט עס ביי אייך עפּיס היסטאָריעס-מיסטאָריעס, קענסט דו? אויף אָנצושרייבען אַ צעטעל פון פּיין, רדיפות, צרות, געברענטע-געבראָטענע לייד, און אַלע מיני פּורעניות; אַ צעטעל פון פערטריבענע, פערוואָגעלטע, געשלאָגענע, געפּאַטשטע, געמאַטערטע, אומגעקומענע — דערויף, נישקשה, זענען זיי בריות. חלילה, אַזוינס צו פערגעסען, אדרבה, לאָז עס בלייבען ליגען אין טעם קינדס-קינדס-קינדער. עס איז מסוגל דעם פאָלק צו דער נשמה, שען, פיין, גאָר אַ מחיה... קראַצט מען ערגיץ אויס, העט אין די פריהערדיגע דורות, נאָך איין אויסגעפּאַטשטען, חאַפּט מען איהם אויף ווי אַנ'אבן טוב, נאָך אַ געשמיסענעם — פּוץ אַהער אויסגעשטעלט אין צעטעל... נאַ, קוק, לאָז די וועלט קוקען, וויסען אונזערע גבורות!... ס'איז אַ כבוד, אַ שאַנקייט, מען שעפּט דערפון נחת, מען פיהלט זיך עפּיס פרישער, לעבעדיגער, משטיינס-געזאָגט, מיט אַ מענשליך פּנים — און, לאָז אָבער אויסקומען איינעם צו ליידען, אליין טאַקי, עפּיס אַ מינדסט-קלייניגקייט, אָדער צוצוזעהען עס מיט די אויגען, צוהערען עס מיט די אויערן, האַ-האַ! צאַפּעלט ער מיט די הענד, מיט פיס: ער קען נישט! אַ קאַטאָוועס עפּיס ישראליק, אַזאַ גבור, אַזאַ אָנגעלעהרענטער, אַזאַ יחסן! גאָר אַ שרעק! — לאָזט ער אויס מיט אַ בייז געלעכטעריל, אַ קוועטש געבענדיג מיך דערביי אַזוי, אַז נישט ווילענדיג טהו איך אַ קוויטש.

אַודאי איז מיר נישט ליעב געוועזן דער גאַנצער עסק: נישט דער קוועטש, נישט די שטעכווערטלעך, אָנצוהערעניש אַקעגען יענע, ווי ער זאָגט, יענע געשיכטעס. פע, גאָר ניט קיין גוטער משא ומתן! נאָר וואָס קען מען אָבער טאָן, אַז מען איז ביי יענעם אין די הענד, אַז מען הייגנט אין דער לופטען, אָבהייגענדיג אינגאַנצען פון יענעמס ווילען, משטיינס-געזאָגט. אָט וויל ער, טהוט ער אַ מאַך מיט דער האַנד, וואַרפט מיך אַרויס — און עס ווערט פון דיר תל! ווי אין כעס מען זאָל נישט זיין, מוז מען שווייגען, אַראָבשלינגען אַלצדינג; ווי עס זאָל נישט פערדריסען, מוז מען זיך נישט ווילענדיג מאַכען, יאָ, נאָך מאַכען אַ פרעהליכע מינע צו דער בייזער שפּיעל, כלומר'שט: עט, גאָרנישט. נאָר אַלצדינג איז גערעדט געוואָרען קעגען יענע — ביי זיי העלפט חכמניות, פערשטעלען זיך; טראַכט אַלץ דאָס בייז, אַבי אַ גוט פרום פּנים'ל, אַבי אַ צינגעלע ווי צוקער. דער רוח אָבער לאָזט זיך נישט נאַרען, ער פערשטעהט זעהר גוט דיינע געדאַנקען. אַז מען זאָגט: „קלוג ווי דער רוח" — איז אַ פּנים טאַקי אמת.

— עפּיס ביסטו מיר, ישראליק, גאר צודרעהט. האַ, עפּיס ווי שטאַרק נישט צופריעדען. אפשר איז דיר ענג דאָס אָרט דאָ ביי מיר אין האַנד, מעגסט דו דיר אַרויס, אָה! — זאָגט דער אַשמדאַי, שאַרף אָנקוקענדיג מיך. און, נישט צו מאַכען מיט מיר גרויסע צערעמאָניעס, נעהמט ער און זעצט מיך אַרויף בּאַלד טאַקי צו זיך אויף דעם שפּיץ פוּנ'ם מינדעסטען פינגער.

איך שטעה אויף משקולת, נישט אַהין, נישט אַהער. פון אַ מינדסטען בלאָז, חלילה, קען איך פערשליידערט ווערען העט-העט, בלייבען אַ קדוש, מען זאָל אַפילו נישט וויסען, וואו איז אַהינגעקומען מיין געביין, עס גרוילט מיר פאַר פחד דאָס לייב. — אוי, זעהר אַ מיאוסע לאַגע...

— ישראליק, ביי דיר איז די ברירה — מאַכט דער אַשמדאַי עפּיס ווי אָנגעבּרוגז'ט — געה דיר, געה, זיי מוחל, אויב דיר געפעלט נישט דאָ ביי מיר!

— וואָס הייסט עס געפעלט נישט?! — מאַך איך מיך תּם, שטאַמעל צודולט, מיט אַ חניפה-שמייכעלע, אָנחאַפּענדיג זיך אין דעם רוח מיט ביידע הענד — אַדרבה, פאַני אַשמדאַי, ס'איז גאָר אַ מחיה. זעהר גוט, אָהן עין-הרע! איך פאָהר מיר אומזיסט, אָהן אַ בילעט, ווי אַ פריץ. דיינע לצים מאַכען זיך אַפילו אַ מאָל אַ ביסעל נאַריש מיט מיר, נאָר נישקשה, כ'בין שוין געוועהנט מיט זיי. עט, גאָרנישט!...

און איינרעדענדיג דעם אַשמדאַי אַזוי, קריך איך מיר דערווייל בגנבה אַריין ווי אַ פלוי צו איהם אין דעם בוזעם און בעזעץ מיך דאָרט, וואו מען טהאָר נישט...

— אוי, ביסט דו אַ קלוגעטשקער, ישראליק! — מאַכט מיט אַ ביין געלעכטעריל דער אַשמדאַי, אויסשטרעקענדיג דאַבּיי די הענד און וויל מיך דערטאַפּען.

איך בין געוועזן ווי אַ איבערגעשראָקענער האָז פון דעם יעגער, וואָס יאָגט זיך איהם נאָך. דער קאָפּ איז מיר געוואָרען צודולט, פינסטער אין די אויגען און אין די אויערען האָט מיר געררוישט ווי אַ שרעקליי צאַסערפאַל

## דאס צוואנציגסטע קאַפּיטעל!

# וואס אַשְׁמְדַאי קען!

גאַנץ ווייט, אין די אויבערשטע וועלטען, יענצו מזרח-זייט, שפּאַלט זיך דער הימעל, און עס קוקען אַרויס פייער-רויטע קעפּלעך פון שענע ליכטיגע כרובים. שרפים ואופנים, די גאַנצע הימלישע חיל, שטעהען מיט גרויס דרך-ארץ אויבען דאָרט. רופען איינער צום אַנדערן און זאָגען: קדוש, קדוש, קדוש — הייליג, הייליג, הייליג איז צבאות נאָט דער הערשאַרען! און פון כאָרען מלאָכים לאָזט זיך הערען אַ „הללו ה'", וואָס צוגעהט זיך אויף אַ געטליכער סטרונע איבער דער גאַנצער וועלט אין אַ זיסער, פיין-שטילער מעלאָדיע, ריהרענדיג איטליכע נשמה, וועקענדיג אַלע בעשעפּענישען. אַלע לויבען, דאַנקען דעם אויבערשטען, פול איז די וועלט מיט זיין כבוד!

אין די מחנות פון די רוחות איז אַ בייזע מהומה. די לצים ציטערען, פלאַטערען, די נישט-גוטע בלייבען צומישט, געפּלעווט, עס ווערט אַ קאַלבעניש, אַ פליהעניש, ווי די פער'סמ'טע.

מיט דעם אַשמדאַי הויבט עס אָן צו וואַרפען ווי אַ קדחת. עס דרעהט איהם צונויף פריהער ווי אַ קנויל, דערנאָך טהוט ער זיך ראַפּטאָם מיט אַ גרילצענדיג פייף אַ ציה-אויס, אונטערשפּרינגענדיג מיילען ווייט אין דער לופט, טהוט זיך פלוצלים אַ שטעל פערריסען דעם קאָפּ אַרויף, עפּענט אַ מויל, זידט, קאָכט, און רעדט מיט העזה אויפ-הויבענדיג דעם קולאַק אין דער הויך.

— אַז אָך און וועה צו אייך, צום געזאַנג און לויב אייערן!...
איך קען אייך, נישקשה. קענעך זייט איהר, משרתים, אָהן אַ פּיצעל אייגענעם ווילען, נאַראַנים, בטלנים!... איך קען, נישקשה, אויך יענעם,

דעם בעל-הבית אייערן, דעם גרויסען פריץ. יענעם איז ליעב חניפה, צו הערען שטענדיג קאמפלימענטען, לויב און דאנק פאר זיין גוטסקייט. דאס אלכדינג, וואס בײ אנדערע וויל ער נישט ליידען, האלט עס פאר א מיאוסע עבירה. חלילו בעטען נעצאָלט פאר א מצוה, א דאנק פאר א טובה! איהם אָבער בענש, דאווען, דאנק און לויב אהן א אויפהער פאר איטליכס פיצעלע—און איהר קאָנט נישט, גיט איהם שבחים מיט דער פולער מאָס. חנפים, באסאקעס, קריכערס, אונטער-לעקערס זייט איהר!...

ברכה זאָגען, וואס איך האב אנגעהויבען ווי געוועהנטליך אין דער פריה, איז מיר געבליבען שטעהן אין א ביין אין האלז. געה דאווען, זיי מקיים יודישקייט ביים טייפעל דארט, נאך אזעלכע ווערטער וואס א שרעק!

מיט רעש, מיט אימפעט פליהען די רוחות איבער פלאנעטען און שטערען, וויט, וויט ערגיץ העט אין עק וועלט. עס ווערט מיט א מאל שווארץ-טונקעל אין די אויגען. שטורעמט ארום און ארום, עס בלאָזט, קלאפט מיט שרעק. דאס האט פון גאט דער פערטריבענער, דער וויסטער פארצייטיגער „תהו-ובהו" זיך געריסען ווי א ווילדע חיה פון'ם פערשלאָסענעם געפענגניש, אריינצושפרינגען אין דעם גבול פון ארט און צייט. דאס האט דער אשמדאי געפאכט מיט זיינע פליגעל, געקלאפט אין די טויערן פון דער אייביגער, אמאלדיגער פינסטערניש, געקראצט, געזוכט עפים א שפאלט, ווי הינטען ארום ארויסצולאָזען זי פריי און פערפינסטערן די וועלט. אוי, ווי שרעקליך דאס דאָזיגע אָרט איז, גאָר א גוואלד! דאָ איז די גרעניץ פון ליכט—„ווירקליכקייט"—און פון תכלות—„גאָרנישט", א תהום. עס איז א געוואלדעניש, א שפארעניש, א ראנגלען זיך דאָ צווישען די געמארקען. עס הויבען זיך אויף שווארצע חמארעס ווי די בערג, אט-אט, דאכט זיך, פערשלינגען זיי הימעל און ערד. פייערדיגע מלאכים אָבער, וואס שטעהען אויף דער וואך מיט בלויזע פלאמענדיגע שווערדען, דונערן און בליצען און שרייען: „אזאס!... ביז דאנען און ניט מעהר!"—עס ווערט א חאפעניש, א יאגעניש, פוע צוריק אין זייער רוה אריין...

די וועלטען—זיי זענען אין דעם בייטען זיך פון טאג מיט נאכט פארשיעדען צווישען זיך.

אין איין וועלט דארט טאָגט וואס ווייטער אלץ העלער און העלער. די הימלען דערצעהלען דעם כבוד פון גאט. כתות מלאכים זאגען שירה,

איטליכע נשמה לויבט זיין נאָמען: הללויה! און אין אַ אַנדער וועלט אַרגען איז שטאָק־פינסטער—נאַכט!... עס ווידמען זיך דאָרט מיני בלעק. שוויבלען און גריבלען די אַלע ווילדע נפשות, בייזע רוחות שרייען ווי די לעמפּערטען, ווילען פּערצוקען, צערשטערען—אַלסדינג צו אַלדי שוואַרץ יאָהר!

יונה הנביא. איהם איז נים אַזוי שלעכט געווען צוליגען אין בויך ביים פיש, ווי מיר ביים אַשמדאַי אין בוזעם. אונזביידען, אמת טאַקי, איז געווען גענוג פינסטער און ביטער. אַז־אַך און וועה צו אונזער ביידענס מזל, צו ליגען אין דער קלעהם. אין אַזאַ שכנות, משטיינס־געזאָגט. דאָ איז פאָרט אַ גרויסער חילוק. ער, יונה, האָט ווענינגסטענס געקענט חאָטש שרייען, תפילה טאָן צום אויבערשטען, זיך בעטען אַ היים—און איך האָב געמוזט האַלטען מויל, נישט געטאָהרט אפילו אַ פּיפּס טאָן. שאַ! די לצים זאָלען עס, חלילה, נישט דערהערען, דער רוח זאָל מיך נישט אַ חאַפּ טאָן, דערמאָנענדיג זיך אין מיר, און ארויסוואַרפען מיך ווי אַ צערקוועטשטע וואַנץ אין דעם טיעפען אָבגרונד.

עס איז אַ רעש, אַ געפּילדער! הויך אין די הימלען דרעהען זיך, קעהרען זיך וועלטען. זונען און לבנות געהען אויף און אונטערגעהען, איטליכער בעזונדער פאַר זיך. עס ענדערן זיך די ציימען, עס בייטען זיך פון שטערען די וואַכען, די אַראָב, יענע אַרויף, איטליכער אין זיין צייט, יעדער אין זיין אָרט, עס זאָל עס געקרימט ווערען אויף אַ האָר! דער אַשמדאַי זעהט צו אַלסדינג און פּוקעט זיך, קריצט מיט די ציינער און מאַכענדיג צו שאַנדע די גאַנצע וועלט. ווי עס זעהט אויס איז איהם דאָס מאָל נישט געלונגען אויפרייצען די הערשערען אויבען, זיי זאָלען אַראָבפאַלען פון גאָט. ער פּויקט צונויף זיין פעקעל רוחות און לאָזט זיך מיט זיי צוריק צו אונזער ערד, וואָס דרעהט זיך, אויסזעהענדיג ווי שפּילצען־קעפּעל, ערגיץ וויים דאָרט. ער וויל, הער איך, זי נישט אָבלאָזען. קיין אַנדערע ווי זי טויג איהם נישט אַזוי צו זיין אַרבייט, דאָ האָט ער גענוג בעהעלפערס, גענוג מיטעל צו ווייזען זיינע גבורות. דאָ איז אַ האָפנונג, ער זאָל בייקומען, אין דער מלחמה מיט דעם רבונו של עולם זאָל ער זיין פון אויבען.

—וואָס טויגט איהר?... וואָס קומט אייך אַרויס פון יענע אַלע הימלען, פון אייערע אַלע גן־עדן׳ס, אַז איהר זייט קנעכט, לאַקייען? אַז איהר האָט נישט קיין פרייהייט, קיין אייגענעם ווילען, אַז איהר זייט נור

קוקעס, וואָס טהוען, מאַכען מיט די ליפּ'ען, פלאַפלען אַזוי ווי מען דרודעלט זיי אָן!! טפו זאָל עס ווערען אינגאַנצען! — זאָגט דער אשמדאַי, אויפשטעלענדיג ביידע קולאַקעס אין דער הויך, עפייעט מיט פעך און שוועבעל, בליצט—בלינצעלט מיט די אויגען, שיסט דערנאָך אוים מיט אַ געלעכטער, אַ שניידיגעס ווי אַ מעסער, שרייט זיך איבער מיט די רוחות אויף משוגנה ווילדע קולות און גיט זיי אונטער חשק, גיכער נאָך איהם צופליהען.

ער פליהט האַסטיג. וואָס אַ מאָך מיט די פליגעל, פליהט ער אָב אַ וועלט, וואָס ווייטער, ווייטער ווערט די ערד גרעסער, גרעסער און דער אשמדאַי אַלץ רוהיגער. פלוצלים בלייבט ער שוועבען שטיל, ברעכט זיך, ציהט זיך, גלייך ווי ער וואָלט פון זיך אראָבגעוואָרפען משא גאַנצע בערג, און אריינפאָהרענדיג מיט דער האַנד צו זיך אין בוזעם, אַ קראַץ צוטאָן זיך מסתמא, טאַפט ער גאר אומגעריכט מיך אָן.

— ע, ע, וואוהין, ישׂראַליק, דו האָסט זיך פערקליעבען! לאָז מען נור אַ ווילע פונ'ם אויג דיך אָבלאָזען, קריכסט־דו, קריכסט און באַלד אין דער גרגרת אריינקריכען!... אַ־נו, זייט זיך מטריח, רב ישׂראַליק, ווייטער אַביסעל, רוקט זיך, רב ישׂראַליק, זייט־זשע מוחל! — בעט מיך דער אשמדאַי כחילה און שלעפט מיך אַרוים, האַלטענדיג צווישען די פינגער מיט אַ קליין קוועטשעלע.

אוודאַי איז פע, טאַקי וואָס פע הייסט! דאָך פאַל איך ביי מיר נישט אראָב, מאַך מיך הארץ, דערמאָנענדיג זיך אין מיין וואונדערליכער געשיכטע. וואָס מיט מיר האָט ביז אהער זיך פאַסירט, און טראַכט ביי מיר: בע... נישקשה! אז איך האָב געקענט מאַכען ביז אהער אזא רייזע, אַ קאַטאָוועס עפּיס אזא רייזע, אוים זיין וואו די וועלט האט איין עק, געפינענ־דיג זיך צווישען אַזוי פיעל נישט גוטע, אַלערליי שלעק און בלייבען גאַנץ מיט די ביינער, וועל איך, אם־ירצה השם, ווייטער זיין מסתמא אויך אויסדרעהען. מיט דעם דאָזיגען בטחון צאַפּעל איך ביים אשמדאַי צווישען די פינגער, אָנקוקענדיג דערביי משונה, עפּיס מיט אזא מינע, ווי איינער רעדט: מילא אַ קוועטש איז אַ קוועטש, בין שוין געוועהנט... קלייניגקייטען! וואָס־זשע אָבער, נו, וועט זיין ווייטער?

— דיין טרפה'נע מזל, ישׂראַליק, וואָס אַצינד גראָד בין איך אויפגערוימט, שענק איך דיר. אנ'עק וועל איך פון דיר נישט מאַכען,

פערקעהרט, איך וועל דיר נאך א ביסעל פערברייטערן דעם רוים אויף צו זיצען ביי מיר אין האנד.

אבי זוכה געווען צו הערען עפּיס א גוט-ווארט, ווער איך שוין ביי מיר שטארק געהויבען... און שטעל מיך איין, ווי א הייטישער, דעם אשמדאי אויף צוקאוועשטש צו טאן א פרעג:

— וואס איז מיט דיר, פּאני אשמדאי, אזוי די שמחה?

— אט וועסט-דו, בהמה, באלד זעהן, פאר וואס—ענטפערט מיר דער אשמדאי מיט א משונה'דיג שמייכעלע, א שנעל געבענדיג מיר איז שפּיץ נאז, און א בייג מיר דעם קאפּ.

— א-נו, וואס זעהסט דו איצטער דארט אויף דער ערד?

— שוועהליך!—זאג איך, רייבענדיג די נאז און די אויגען—עפּיס געהען ארויף זיילען רויך ווי פון טויזענט פייערשפּייענדיגע בערג ס'איז דארט עפּיס א איבערקעהרעניש ווי סדום און עמורה!

— ניין, נארעלע! מאכט דער אשמדאי, א בלאז געבענדיג אזוי, אז דער רויך איז זיך צוגעגאנגען אין דער זייט—קוק אצינד, וועסט-דו זעהן קוימענס. דאס רויכערען דארט גרויסע, הויכע קוימענס פון מיינע טויזענטערליי פאבריקעס, פאבריקעס פון הארמאטען, ביקסען און כלי-א-מיני אנדערע כלי-זין אויף צו מאכען דעם טויט; פאבריקעס מעהר ווי פיעל מען בעדארף אויף צו פעלשען אין לעבען נויטיגע זאכען, און אויך פאבריקעס אזוינע אויף צו מאכען שמאכטעס, וואס עפּיס ניט אזוי שטארק נויטיג אין לעבען אריין; פאבריקעס פון כּלים און מאשינעס, צו פערשפּארען מענשענס הענד, פערוועלוועלערן זייער ארבייט און צו-נעהמען ביי א סך די פרנסה; פאבריקעס פון אזעלכע מיני המצאות ווי צו פערקירצען ארט און צייט און דורך דעם צו פטרקירצען זעהר אפּט טאקי דעם מענשענס יאהרען, פאבריקעס צו דרוקען און פערשפּרייטען אין דער וועלט גיך און געשווינד זעהר פיעל נאריש-קייטען—ליגענס, רכילות, בלבולים, וואס נישט געשטויגען נישט געפלויגען, שנאה—קנאה, נאך און נאך אזעלכע מיאוסע זאכענישען און אל-דאס-ביז איינע אקעגען די אנדערע... קורץ און גוט—דאס איז דער רויך פון דער „ציוויליזאציע", ווי הייסט עס ביי אייך דארט. ווארט נור, ווארט א וויילע, אט האסט-דו א פּאנאראמע, קוק, זיי מוחל, און האב הנאה;

עס עפענט זיך אויף פאר מיינע אויגען א שטיק לאנד, וואונדער שען, נור א געמעהל. פעלדער געהילט אין א סאמעט-גרינעם מאנטעל פון יונגע פרישע תבואות, געשפּרינקעלט מיט בלומכעלעך ביי די קאנטו-

אין טאָלען פיטערען זיך שאָף און אויף בערגלעך שפרינגען קלאָר־ווייכע ציגען. אין דער לופט טראָגט זיך אַ קאָנצערט פון אַלערליי שטימען: אַ געזאַנג, אַ קנאַקען פון שפיל־פייגעלעך אין וועלדער, וועלדלעך; אַ שמוצערן, אַ זשוזשען, אַ צימבלען פון פליהענדיגע מיקען, זשוקעלעך אויבען, און פון שפרינגענדיגע גרילען, היישעריקען אין דעם גראָז אונטען, און צו־ווילען, אַ הירזשען פון פערד, אויך אַ צובאַסעווען פון קיה אויף דער ברייטער געמבע. וויט אַרום ליגען צוזייט דערפלעך, פערמעס, הייזער געזוגטע, געבוֹיט מיט אַלסדינג אין דעם בעל־הבית׳יש׳קייט, דערביי גרויסע שענע גערטנער און וויינגערטנער. דאָרט בליהט דער ווינשטאָק, דער פיינענבוים צולאָזט זיינע בלעטער, רויזען און אַלע אַנדערע שמעקעדיגע קרייטעכצער גיבען פ׳ן זיך אַרויס אַ ריח פון געווירץ. קינדער שפרינגען ווי די ציגעלעך אויף די הויפען, שטיפען־לאַכען פונ׳ם גאַנצען האַרצען, עלטערע זיצען אָנגעלעהנט אונטער בוימער, רויכערען, שמועסען גאָר פרעהליך, עסען, טרינקען און זענען פרעהליך.

—אַך—זאָג איך—ווי גוט, ווי שען! סאיז דאָך עפּיס דאָ אַ לעבען, נאָר אַ גן־עדן!

דער אַשמדאַי קוקט אויף מיר אין דער זייט מיט אַ שמייכעלע, נישט צו רעדען אַ וואָרט. דערנאָך נעמט ער מיך אָן פאַר׳ן שפּיץ בערדיל, אַ ציה געבענדיג מיר דערמיט דעם קאָפּ, איך זאָל אַרונטערקוקען.

—אַי־אַי!—לאָז איך אַרויס אַ ביטער געשריי—נישט צו דערקענען דאָס לאַנד, אַזוי וויסט איז עס, אַזאַ חורבן! נאַקעט זענען די פעלדער, נישטאָ קיין ווייץ, נישטאָ קיין קאָרען, אַ פייער האָט אויסגעקוילט, אויסגעברענט ביז איין גרעזעלע דאָרט. פערדאַרט שטעהען ביימער, די צווייגען צובראָכען, אוים פרעהליכקייט ביי מענשען. מען הערט נישט קיין קול פון פיה—שאַ, נישט קיין פיפס, פייגעל און בהמות עפּים ווי אויסגעשטאָרבען!...

—דאָס האָט זי, די ציוויליזאַציע, זיך אַזוי געמיהט—דערקלערט מיר דער אַשמדאַי די זאַך מיט זיין געוועהנטליך ביין געלעכטעריל—דאָס איז זי פאַר גוטסקייט געקומען אַהער אומגעבעטען מיט בלוט און פייער און ווילען רויך. געקומען איז זי פון גאַנץ וויט זיך לאָזען צו דערקענען דעם היגען פראָסטען עולם דאָ מיט איהרע טובות. און אַזוי ווי דער עולם אָבער האָט זיך בעדאַנקט, געוואָלט לעבען ווי פריהער אָהן די טובות, האָט זי איהם געלעהרענט דרך־ארץ, געוויזט ווער עלטער איז. — וואָס

איז מיט מיר, פרעגסטו, אזוי די שמחה? בהמה! ס'איז א פרייד צו זעהן, ווי זי ברענט, סמאליעט א וועלט. קלעקט איהר נישט אויף איהרע חפצות די וועלדער, גראבט זי זיך ווי א קראט טיעף אין דער ערד, רייסט דארט קברים פון פארצייטיגע געוועקס, פלאנצען העט העט נאך פאר דעם מבול, פון וועלכע ס'איז געווארען פערהארטעוועטע קוילען, און נעהמט זיי צו איהר געברויך. עס וועט איהר נישט קלעקען באלד דאס אויך, זי וועט אויסברענען, אויפפרעסען דאס אינווענינגסטע אין דעם בויך פון דער ערד—דענסטמאל וועט זי זיך א נעהם טאן אויבען צו דער זון. פון דעם אלטענס רייטוואגען דארט אין הימעל וועט זי ארויסגנב'נען די הייסע ברענענדיגע שרפים און זיי איינשפאנען אין איהרע מאשינעס, צו שלעפען, צו דרעהען רעדער, אונטערשמייסענדיג זי, מחילה, מיט עלעקטרישע בליצען, עס זאל דונערן, שיסען, פליהען, טראסקען — פוף-פאף-פיף!... בהמה! די אלע קוימענס פון די גוזמא-גוזמאות-פאבריקעס דארט—דאס זענען מזבחות, וואו עס רויכערט זיך לכבוד מיר ולכבוד דעם גאלדענעם קאלב, דעם גאט פון ספעקולאציעס, שווינדעל, פראיעקטען און געלד. דער דאזיגער רויך טריקענט אויס די הערצער, רויכערט אויס פון ארט די געפיהלען און פערוואנדעלט אלסדינג אין סחורה, ליעבע, פריינדשאפט, פרומקייט, גלויבען, צדקה און דערגלייכען— אויך סחורה, און וואס נאך? ער, דער דאזיגער רויך, רויכערט ביסלעכווייז פון דארטען אויס אויך יענעם, וואס איך טאהר זיין נאמען נישט דערמאנען, עס ווערט איהם דארט אלץ ענגער, ענגער. עס בלייבט איהם אלץ וועניגער ארט, ער רוקט זיך, מחילה, אלץ ווייטער, ווייטער, און מיט דער צייט, ס'איז דא א האפנונג, וועט די ערד אינגאנצען בלייבען מיינע...

„א-א, נישט דערהארען וועסט דו עס, רשע איינער!" — טראכט איך מיר אין הארצען, פערקרימענדיג זיך מיט א יראת-שמים-פנים'ל, דו וועסט געהן צום גרונד און ער וועט אייביג בלייבען.

### דאס איינאונצוואנציגסטע קאפיטעל.

## ישראל בעגעגענט זיך מיט שלמה המלך'ס א גענעראל.

---

— הע־הע! — מאכט דער אשמדאי, פערדרייסענדיג דעם קאפ עפיס ווי צו־הערענדיג זיך און סמארעט מיט דער נאז.

און באלד טאקי קומט מיר צו די אויערען אגעטימעל, א גע־פלוידעריי.

— גארנישט, גארנישט, מכשפה'טעם עטליכע האבען בעקימען די ספאזמע, חלשה'ן דארט — זאגט דער אשמדאי מיט א געלעכטעריל — געוועהנטליכע זאכען. אי, א צייט, א צייט! גאר נישט די מכשפה'טעם וואס א מאל! א מכשפה'טע א מאל, אז זי האט זיך גענומען פאהרען רייטענדיג, איז זי געפאהרען, געארבייט אויף אלע כלים. נישט מיד צו ווערען אויף א האר, יענער אפילו זאל די כפרה ווערען. היינטיגע מכשפה'טעם אבער, משטיינס־געזאגט, נאר עפיס וויים איך וואס אזוי'ס — איז ביי זיי נערוועז, כפאזמעס. האבען ליעב, קאוואלערען זאלען זיי מינטערן... אי, א צייט! וואס פאר א מענשען, אזוינע מכשפות, אזוינע לצים, אזוינע רוחות. היי, ראהיראט!

א רוח, געקנייטשט, געבויגען פאר אלטקייט, דאר ווי א שפענדיל, א לייב פון א מיתה־משונה־קאליר מיט א היבשען הארב און א דינע לאנגע, פערדרעהטע נאז ווי ביי א עלעפאנט, קומט געשווינד צופליהען צום אשמדאי, שטעלט זיך איהם א קעגען, פערוואַרפענדיג דעם לאנגען אויסגעקראכענעם ווידעל צווישען זיינע היהנערש'ע פיס און אנבויגענדיג דעם שמאלען שטערען, אויף וועלכען עס סטארצען צוויי שטייפע צעפ־לעך האר ווי די הערנער ביי די ביידע ווינקלען.

— ראהיראט, מיין גוטער, געטרייער דינער! — ווענדט זיך דער

אשמדאַי צום רוח מיט אַ שמייכעלע — וואָס מאַכען עפּיס דאָרט אונזערע דאַמען ?

— חן, גענעדיגער האַר, מאַכען זיי. ווייבער !... ווייבער ווילען, וואָס ? — אַ טענציל. נאָך אַזאַ לאַנגע רייזע גלוסט זיך זיי אַביסעל רוה, אָבפרישען זיך אַביסעל, אויספּוצען זיך, אונטערהאַלטען זיך, געפעלען אַבּי וועמען, מעג זיך זיין חאָטש דעם שוואַרץ-יאָהר...

— גוט, ראָהיראָט ! גיה, טהו דיין זאַך.

עס געדויערט נישט לאַנג, שפּרייט זיך אויס אין דער לופט העט ווייט, ביז קיין אויג קען נישט פערנעהמען, עפּיס אַ מין ווידענער טייערער קאַווייאָר, געשטיקט פון גינגאָלד מיט די שענסטע קווייטען און אלערליי קונציגע געמעהלען, וואָס אויף דער וועלט. עס פונקלען, שפּילען דאָרט פאַר די אויגען סמאָראַגדען-גרינע וועלדער, פון וועלכע עס קוקען אַרויס רובין-רויטע פּיזמעראַנצען, פערעסקעס פאַרטיגע, שען-חנ'עוודיגע, שטעלען פון צווישען די בלעטער אַרויס פולעטשקע, רויטליך-פער- פאַרבטע בעקעלעך, אָבגעשאָטען מיט דינע קורצע הערעלעך, בעטען זיך עפּיס ווי אַליין, שטומערהייט, זיי אַ געשמאַקען קוש צו טאָן. שוואַרצע קאַרשען מאַכען אייגעלעך, ווינקען, ווינקען און ציהען ביי דער נשמה. די אויגען צופלאַקערען זיך פאַר גרויס חשק; וואוהין מען קוקט, איז שען, ליבליך; וואוהין מען זאָל זיך נישט קעהרען-ווענדען, מאַנעט עס עפּיס, כאָנטעט, עפּיס גלוסט זיך, אוי — גאָר משוגע צו ווערען !...

ווי אַ הייזשערעק לאָזען זיך אַהין אַראָב די רוחות, גרויס און קליין, אַלט און יונג, צולויפען זיך דאָרט גאַנץ פריי אין אַלע זייטען און פער- שווינדען באַלד. דער אשמדאַי לאָזט מיך אָב אויך פריי און הייסט מיר זיך דורכגעהן אַביסעל שפּאַצירען.

אַרויסרייסענדיג זיך פונ'ם טייפעלס הענד בין איך געווען ווי אַ לאַנגע צייט אַ געפענטעטער האָהן, וואָס באַלד נאָך דעם אויפבינדען איהם ליגט ער אַ ווייל שטיל, און קוים חאַפּט ער דעם אָטעם, טהוט ער זיך אַ שטעל-אויף קוממיות און מאַכט קוקוריקו מיט ברייטקייט, ווי דער גרעסטער, בעסטער וואוילסטער האָהן אין דער וועלט... איך פער- געס זיך באַלד אין די צרות, בין גאָר אַ וואוילער יונג, שפּאַציר מיר אַרום, און צו וואָס איך זאָל מיך נישט צוקוקען, בעקום איך חשק, עס גלוסט זיך מיר אַלסדינג, עס ווילט זיך מיר אַלע יענע שענע זאַכען. — איך שטעל מיך אַזוי אָב איינמאָל אויף דעם שפּאַצירגאַנג ביי אַ גרויסען בוקעט פון די טייערסטע איידעלשטיינער: דימאַנטען,

בריליאַנטען, סאַפּירען, רובינען אלע סאָרטען, איינגעפאַסט אין גאָלד, עס הויבט מיך אָן אינוועניג עפּיס צו דרעהען, כּפי מיינע מבינות איז עס ווערט אוודאי אַ שרפּ"ט אַלפים טאַלער, און אפשר טאַקי נאָך מיט אַ שמיצעל אַריבער, טאַקי יאָ־יאָ די גאַנצע שרפּ"ט מיליאָנען, זאָל עס נישט זיין צו קיין בושה! עס קאָטערט מיך: געוואַלד, איך זאָל עס האָבען, וואָלט איך עס דאָך פערקויפט, געמאַכט אַ שען קאַפּיטאַל, וואָלט געלעבט נגידיש, געהאַט אויף קאַשע מיט יויך און אָבגעטערכעט אַזוי מיינע יאָהרען! — עס נעהמט מיך שטאַרק אָן דער יצר־הרע. באמת טאַקי, זאָגט ער, פאַר וואָס זאָלסט דו נישט אויפהייבען אַזאַ מציאָה. אַ כּשרה מציאָה? ווּעמען טויג עס דאָ, ווער האָט דערפון דאָ הנאָה? נישט גאָט, נישט לייט. דער שוואַרץ־יאָהר וועט די רוחות נישט נעהמען אָהן דעם אויך. זיי האָבען גענוג. נעהם! וועכט דערמיט זיך קויפען עולם־הבא. ביי איטליכם פּיצעלע, וואָס דו וועסט דערפון געניסען, וועכט דו דאָך מאַכען אַ ברכה. אויף אַ גוטער־געבעקכיל, אַ שטיינער — מאַכען בורא מיני מזונות, אויף אַ גלעזעלע ווײַן, ווימאַראַזיק — בורא פרי הגפן. גאָט וועט הנאה האָבען, און דו טאַקי אויך... נעהם, נעהם! — איך קוק מיך אַרום אין אַלע זייטען—נישטאָ קיינער, איך שטעה אַביסעל און בין זיך מישב. איך כאַפּ מיר הארץ און...

און ווי איך שטרעק אוים די האַנד, פיהל איך פון הינטען עפּיס אַ קליין שמיצעלע ווי כּיט אַ שטריק. איך קוק מיך נישט טויט נישט לעבעדיג אום און דערזעה יענעם אַלטען, האַרבאַטען רוח.

— אַ־אַ, שלום־עליכם! — זאָגט ער מיט אַ שמייכעלע, אַ שמיצעל געבענדיג מיר אויף דער האַנד, ווי דער שטייגער פון רוחות איז ביים גריסען זיך, מיט דעם ווײַדעל.

— עליכם שלום! — ענטפער איך אונטער דער נאָז, צוקוקענדיג זיך צו איהם מיט האַלב פערמאַכטע אויגען, כּלומר'שט וויים איך נאָך נישט רעכט, ווער ער איז — עפּיס, דאַכט זיך מיר, קענטליך.

— ראַהיראַט בין איך דאָך! וואָס, פערגעסען? איך בין ראַהיראַט, דער גובערנאַטאָר פונ'ם דאָזיגען קאַוויאָר.

— אַזוי! דער גובערנאַטאָר!! — מהו איך מיך אַ חאַפּ דערשראָקען, טראַכטענדיג ביי מיר: אוי, וועה, האָט ער געמוזט אוודאי זיך אָנשטויסען, וואָס איך האָב געוואָלט אָקאָרשט טאָן.

— נישקשה, רב ישראל, מאַכט נישט אַזאַ פּירוש! איך וויל אייך דאָ ביי מיר אויפנעהמען ווי אַ טייערען גאַסט. סטייטש, כּטייטש רב

ישׂראליק, אַז איך האָב די זכיה צו זעהן בײַ מיר אין לאַנד דעם אײנ־קעל פֿון אַזאַ בעריהמטען ייִדען!

— אַי, איהר לאַכט?!

— חלילה! גאַנץ ערענסט. איך האָב זעהר גוט געקענט אײער עלטער־זיידען, דעם וועלט־בעריהמטען חכם — שלמה המלך, אײך אויף צו לאַנגע יאָהר. איך האָב בײַ איהם אָװעקגעדינט אַ צײט מיט יאָהרען, די בעסטע יאָהרען, אַז איך בין נאָך געװען יונג און מײן עק נישט אויסגעקראָכען, ער האָט עס מיך געמאַכט פֿאַר גובערנאַטאָר אָ־דאָ־אָט!

אָט וואָס ראָהיראָט האָט מיר דערצעהלט מיט די דאָזיגע ווערטער:

„דער דאָזיגער קאַווער, וועלכען איהר זעהט, וואָס האַלט זעכ ג מייל די לענג און זעכציג מייל די ברייט, האָט געגעוירט שלמה ד. ה., אויף וועלכען ער פֿלעגט שטענדיג פֿאָהרען אין דער לופֿט גיך און געשווינד אַזוי, אַז ער פֿלעגט עבען מיטאָג אין דמשק, אין מזרח־זייט, און וועטשערע אין מדי, אין מערב־זייט. חיל האָט ער געהאַט אָהן אַ צאָהל, פֿון אַלע מיני בעשעפֿעניששען אין דער וועלט. זיינע גרעסטע פֿליגעל־אַדיוטאַנטען, דורך וועלכע ער האָט קאָמאַנדעוועט, געשיקט זיינע בעפֿעהל, זענען געװען פֿיער: פֿון מענשען — אָסף בן־ברכיה; פֿון שדים — ראָהיראָט, איך מיט מיין כבוד אַליין; פֿון חיות — דער לייב, און פֿון עופֿות — דער אָדלער.

— סטייטש, וואו איז דער אויערהאָהן? — פֿאַל איך אַריין ראָהי־ראָטען אין די רעד — עפּיס שמועסט מען דאָך פֿון אַ אויערהאָהן אויך!

— עט, נאַרישקייטען. מישט נישט, איך בעט אײך, איינם מיט'ן אַנדערען. דער אויערהאָהן איז פֿאַר זיך אַ מעשה, עפּיס מיט דעם וועדעמיל, און דאָס איז עפּיס גאָר אַנדערש — מאַכט ראָהיראָט מיט אַ זויערער מינע, פֿאַרדרעהענדיג די נאָז און דערצעהלט ווייטער:

„שמאָלץ איז שלמה המלך געװען, נישט ווי אַ רוח, נאָר ווי טויזענט מיליאָן רוחות אינאיינעם. ער האָט פֿון זיך געהאַלטען אַ שרעק, איינער מאַקי אין דער וועלט. דעריבער פֿלעגט ער, זאָל איהם צו קיין גנאַי נישט זיין, טאָן אַ מאָל נאַרישקייטען און צוציהען זיך דערמיט פֿיינד־שאַפֿט, לייטישע רעד. איך אַליין האָב געהאַט מיט איהם אַ אויפֿטריט אַ מאָל, האָב נישט געוואָלט מעהר פֿיהרען אָט דעם קאַווער, זענען באַלד פֿערציג טויזענד מענשען אַראָבגעפֿאַלען אויף דער ערד, און ער האָט געמוזט בחרפה ובבושה בעכער ווערען. איינמאָל האָט ער געהאַפּט אַ פּסק אָט פֿון וועמען. אויף דער רייזע אין דער לופֿט פֿליהען מיר

אַ מאָל איבער דעם טאָל פון די מילבען, הערט ער ווי אַ שוואַרצע מילב זאָגט צו די איבעריגע: גיכער אַריין אין די הייזלעך אייערע, שלמה'ס כחנות זאָלען אייך נישט איבערפיהרען! — אזוי! זאָגט ער שטאַרק אויפגעבראַכט. געה ראָהיראָט אַראָב דאָרט צו איהר. איך קום, מאַך אַ „כליעדסטוואָ“, שריי: סטייטש, סטייטש! יענע איז זיך מודה. זי האָט געזאָגט. — ווער ביסט דו? איך בין די מלכה. — ווי הייסט דו? איך הייס „מחשמה“. אַהין־אַהער, איך אַרעסטיר זי און ברענג זי צו שלמה'ן. ער נעהמט זי אויף דער האַנד. גלייך זיך אַקעגען פנים און מאַכט צו איהר: זאָג, איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ גרע־בערער פון מיר? — יאָ! ענטפערט זי, קורץ און שאַרף. — ווער? — ווער? — איך! — ווי אַזוי ביסט דו עס גרעבער? — ווען איך זאָל נישט זיין גרעסער פאַר דיר, וואָלט דאָך דער אויבערשטער דיך נישט געשיקט אַהער, דו זאָלסט זיך ניאַנצען מיט מיר, טראָגען מיך אויף די הענד. שלמה ווערט שטאַרק אין כעס, טהוט זי אַ שליידער אויף דער ערד, זאָגענדיג דערביי: מילב, דו ווייסט נישט ווער איך בין? איך בין שלמה דער זוהן פון דוד המלך... ע, נעהם זיך פונדעסטוועגען נישט אַזוי איבער, זאָגט זי, דו ביסט אַ בשר־ודם ווי אַלע אַנדערע! — שלמה איז געבליבען געפלעווט, זיך שטאַרק פערשעהמט פון דער מילבס ווערטער.

— איך בעט אייך איבער ווי אַ אייגענע מוטער — רוף איך מיך אָן פערוואונדערט — ס'איז עפּיס האַרבליך צו פאַרשטעהן. אַ מילב — און אַזוינע ווערטער! ווי געשיקט זיך עס?

— שאַ, שאַ! — זאָגט ראָהיראָט גאַנץ געלאַסען — אָבער אַז איך וועל אייך ברענגען אַ מדרש, ווייזען, אַז דאָס אייגענע שטעהט אין מדרש, וועט איהר שוין גלויבען?... איך האָב אייך צו דערצעהלען וועגען דעם ענין נאָך אַ מעשה, ווי שפּעטער אַביסעל אויף אַזאַ לופט־רייזע האָט ער דערזעהן אַ וואונדערליכען פּאַלאַץ, אין וועלכען ס'איז געוועזען אונ־מעגליך אַריינצוגעהן, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך געראָטהען מיט דעם אַלטען, זיבענהונדערט־יאָהריגען אָדלער אלענאד, מיט דעם ניינ־הונדערט־יאָהריגען ברודער זיינעם אלעוף, און מיט דעם טויזענט־דרייהונדערט־יאָהריגען ברודער זייערען אלתעמר, איז ער סוף־כל־סוף פאָרט אַריין אַהין אין די אינוועניגסטע חדרים; ווי אַזוי ער האָט דאָרט ביי אַ גולם פון דער קעהלע אַרויסדערטאַפּט אַ זילבערן טאָוועל, וואָס די אויפשריפט דאַרויף איז איהם שווער געווען צו לייענען; ווי עפּיס

א בחור איז געקומען פון דער מדבר און זאגט: אדיני קעניג, דער כתב איז גריליש און דער טייטש דערפון איז אזוי: „איך שעדער בן־עאד האב געקעניגט איבער טויזענדער מדינות, געריטען אויף טויזענדער פערד, געהאט טויזענדער מלכים אונטער מיר, און טויזענדער גבורים טויטגעשלאגען — און דאך אז דער מלאך־המות איז געקומען צו מיר, האב איך גאר נישט געקענט טאן". — אט דאס אלסדינג האב איך געוואלט דערצעהלען אייך באריכות, און זעהר א לאנגע מעשה, נאר אצינד, אז איך זעה, איהר זייט, האט קיין פאראיבעל נישט, א שטיקעל אפיקורס, גלויבט נישט אין א גרייז־גרויעם אלטען רוח, איז קליגער און בעסער — צו שווייגען. דאך אבלאזען אייך אזוי, איז אונמעגליך. פארט רב ישראליק, פארט א טייערער גאסט, שלמה המלך׳ס אייניקעל; זאגט, וואס ווילט איהר, רב ישראליק!

איך האב געוואלט בעטען יענעם בריליאנטענעם בוקעט, צו חעלפען דאס הארץ האט מיר אלץ שטארק געצויגען, נאר באלד האב איך מיך בעטראכט — ניין! ארויסזאגען עס גלייך, גלאט פשוט: גיב מיר! טויג נישט. דער רוח זאל איהם וויסען, וואס ער מיינט. אפשר איז דאס נור א אנשטעל. אלא וואס דען? מען בעדארף פריווען הינטער ארום, מיט א שפיצעלע. — און באלד טאקי פאל איך אויף א אויבער־הסברא און טהו איהם א פרעג:

— זאגט מיר, פאני ראהיראט, אט וואס. לויט אייערע אייגענע ווערטער האט דער דאזיגער קאוויאר געגעהרט שלמה המלך, דאס הייסט מיין זיידען, כפי איהר זאגט. הייגט איז דאך די קשיא ווי קומט ער צום אשמדאי, הא?...

דרינען איז געלעגען שטארקע אנצוהערעניש, א הקדמה צום בוקעט, אזוי: וועסט דו מיר געבען מיט גוטען, מהיכא־תיתי, וועל איך זיין צופרידען חאטש דערמיט אויך. מיט שרפ״ט מיליאן טאלער קען מען אויך ווי ס׳איז לעבען. אלא נישט, וועל איך מיך ארויסשטעלען פאר א יורש, מאהנען דעם גאנצען קאוויאר, און דיך שטעלען פאר א עדות.

ראהיראט האט עס, א פנים, גוט פערשטאנען. ער איז געבליבען צומישט, זיך געקרימט און געשטאמעלט עפּיס האלבע ווערטער.

— ס׳איז, פערשטעהט איהר מיך, א היסטאריע... א געשיכטע... ס׳איז עפּיס פארגעפאלען א מאל צווישען שלמה המלך און דעם אשמדאי. ער דער אשמדאי, האט איהם, פערשטעהט איהר מיך, פערווארפע

אויף פיערהונדערט מייל. צוגענומען די מלוכה, די ווייבער, מחילה, אלסדינג... ס'איז א גאנצע מעשה. נאר... איהר זייט א שטיקעל אפיקורוס — לאזט אוים ראהיראט, א דרעה געבענדיג דעם ווידעל און ווערט פערשוואונדען...

— ווארט, ווארט, עם וועט א רוח אין אייער טאטען אריין! — טראכט איך ביי מיר שטארק אויפגעבראכט. — א תירוץ אביסעל: ער האט צוגענומען!.... א שענע געשיכטע, כ'לעבען, א שענע היס־טאריע!... איהר פערשטעהט? שלמה המלך'ם מלוכה, א „גוט" פון עכציג מייל צוגענומען — און נא דיר א פייג!...

אויף שונאי־ציון געזאגט געווארען מיין ביטער הארץ! וואס א טריט ווייטער קומט פאר די אויגען, אנטיקען וואונדער־שענע זאכען, אזא רייכקייט, אזא גוטס — מיינס, מיינס בעונותינו הרבים און פארגישט מיינס!

## דאס צוויי און צוואנציגסטע קאפיטעל

# ווי אזוי מען טאנצט פאר דעם אשמדאי.

---

פלוצלים וואקסט פאר מיר אוים, ווי פון דער העלער הויט, א פאלאץ — און עס גיט מיר א טיאחקע דאס הארץ, מיין יודיש הארץ!...

דער פאלאץ איז אינוועניג טייער געפוצט. מעבעל פון פימסעני-האלץ, זילבערנע טישען געגרייט מיט גילדענע קרעדענצען און אלערליי כלים פון קריסטאל. עס שימערט, עס בלענדעט, פארנעהמט די אויגען. עס דרעהען זיך דארט ארום, אוי-וועה, בת-מלכות, באלאווע געקליידט, אין גאז, כמעט האלב נאקעט, מיט הוילע ארעמס און מיט דעם גאנצען האלז ביז די ברוסט, פע, אין דרויסען. עפים נור מאקי ווי אין די געשריבענע מעשיות. — אויף א הויכער בימה, אין דער מיט שטעהט ווי א אנגעמאלטער גולם, אנגעבויגען דעם קאפ מיט א משונה ערנסט פנים, דער אשמדאי מיט זיין כבוד אליין. יונגע מכשפה'טעס, יפהפות דרעהען זיך ארום איהם, טאפען איהם, גלעטען איהם דאס ציגען-בערדיל און ער שמאכט עפים אזוי נארישעוואטע פאר גרוים פערגניגען. אלטע מכשפה'טעס, גרין און געל פאר קנאה, קוקען עס צו פון דערוויי-טענס, און אוים גרוים פארכט צו-צוגעהן נאהנט צו איהם, ער זאל זיי נישט א בריק טאן, נעהמען זיי אן פאר ליעב פראסטע לצים, אלטע דראבעס; טאנצען, שפרינגען משוגע'נערוויז אין א ראד און ביים פאר-ביי געהן גיבען זיי איהם אב בבוד מיט גרוים אבשיי; לצים-קאוואלערען טהוען זיך א בוק, און דאמען-קליפות שנורען צונויף די ליפעלעך און מאכען א קניקס. מען קניעט זיך, מען בוקט זיך און מען רויכערט איהם

אונטער מיט ווירוויך. דער אַשמדאַי שמעקט דעם זענפֿטיגען ריח, גלייך ווי דאָס איז איהם נייטיג אין לעבען אריין.

איבערהויפּט האָט דער אַשמדאַי אין יענער צייט אויסגעזעהן מיט זיין גאַנץ בענעהמען: מיט זיין שמעקען, מיט זיין לאָזען זיך גלעטען און אַלע זיינע חנ־דלעך — עפּיס טאַקי זעהר לעקישעוואַטע. גאָר ניט, דאַכט זיך, דער אַשמדאַי, וואָס פֿריהער. נאָר אַ למה, משטיינס־געזאָגט, וואָס בעט זיך בּיי די ווייבער, וואָס קוקט יענעם אין מויל אריין און בעדאַרף אָנקומען צו אַנדערע...

— ליבער, זיסער ישראליק!.. ווענדט דער אַשמדאַי זיך צו מיר מיט אַ ווייבער, שוואַכער שטימע פֿון געבעט — אוי, השמקני, ישראליק!

„מכות! ווערסט עס בּיי מיר נישט פּועל'ען" — טראַכט איך בּיי מיר און מאַך מיך תם, גלייך ווי נישט אָנשטויסענדיג זיך, וואָס ער וויל, וואָס השמקני בעטייט.

— אַ שמעק, אַ שמעק! — גיט ער מיר מיט אַ רחמנות פּנים'ל צו פֿאַר־שטעהן דעם טייטש — דו ווערסט מיר דערמיט צוגעבען כּח...

— בתמיה, ווי געשיקט זיך עס!

— מאַך זיך נישט גע'פּגרט, ישראליק! ווייסט זעהר גוט נישקשה, אַז „יענער", נאָר דער גרויסער תּקיף, ער וויל אויך דורך זיינע דיענער בעקומען קראַפֿט; זאָל דורך זייער דינסט זיין בּכּח... הא, וואָס זאָגען דאָרט עפּיס אייערע ספרים?

— והשנית — רעד איך מיך טאַקי מיינס, ווי כלומרש'ט נישט געהערט, וואָס ער בעבעט מיר עפּיס אַזוינס — והשנית, פֿרעג איך דיר, צו־וואָס בעדאַרפֿסט־דו קבצנ'ען בּיי מיר אַ שמעק. אַז די גאַנצע וועלט ווירוויך שטעהט דיר פֿריי: נעהם, שמעק וויפֿיעל דו ווילסט.

— אט, הויבט זיך אָן חקירה! נישט פֿאַר דיין מוח, ישראליק, אַזוינע הויכע זאַכען... איבריגענס, שאַ! בּרענגען צום לאַכען איינעם קען דוקא יענעמס אַ קיצעל... אַצינד פֿערשטעהסט־דו שוין אַביסעל?

— בע! — מאַך איך מיט אַ קנייטשעלע — האָסט אָנגעטאָן מיט דיינע קיצלערס...

— געה טענה מיט אַ יודען! — מורמעלט דער אַשמדאַי, אוועק־קעהרענדיג אָנגעברוגזט דעם קאָפּ אין דער זייט.

איינע פון די בת־מלכות, א שענע. שווארץ־חנ׳ווידיגע קליפה, הויבט אויף אירע אויגען צו מיר און זאגט שטיל פערקאכט: קום — טאנצען!

— טפו! שפיי איך אויס, רויטווערענדיג פאר בושה און טרעף גראד איינעם פון די „נישט־גוטע", דעם יצר־הרע גלייך אין בארד אריין.

— א, דו, קלויזניק. פלאסקעדריגע, מעריד, פרא־אדם, אהן גע־פיהל, אהן טאקט, אהן וועלט, אהן לעבען, אהן אלץ־מיט־אנאנדער! — טארפט זיך דער יצר־הרע אויף מיר מיט מיאוסע ווערטער, און טהוט מיך, ווי דער שטייגער זיינער איז, א קיצעל.

די קליפה ווינקט, ווינקט, נעהמט קיין אויג נישט אראב פון מיר, איהר איטליכס בליק איז א פייל, טרעפט טיעף אין הארץ, איטליכער קוק ציהט, ציהט... און באלד טאקי, אליין נישט רעכט צו געדענקען ווי און וואס מיר איז געשעהן, שטעה איך געארמט מיט דער יפהפה, און ביידע פערפלאמט מיט א שמייכעלע טאנצען מיר קאדריל! מיט אונז אין קאהן טאנצען נאך פיעל אנדערע פארלעך לצים מיט קליפות פון אלערליי סארטען — אלע יענע פיינע לייט, וואס האבען אנגעטאן כבוד יודישע קינדער צו שטעהן אין זייער געשיכטע... דרעהענדיג זיך אין דער לעצטער פיגור פארביי דעם אשמדאי טהוט מיך די קליפה א ציה — אוי וועה! איך טהו מיך, איהר צוליב, א בוק, און גיב איהם א שמעק ווייראויך!... ער ווערט עפים פרישער, שטארקער, ווי א אלטער תרח נאך א גוטען שמעק טאבאקע. ער טוהט א דריגע מיט די היהנערשע פיס, פערבייסט דעם ווידעל — און פוץ אראב פון דער בימה ניסענדיג־קייכענדיג פאר פרייד.

איך בלייב אהן א נשמה פאר שרעק און מיין: אט־אט חאפ איך פון איהם דעם אייגענעם פסק, וועלכען יוסף דילערייניש האט אמאל געחאפט פונ׳ם סם נאך דעם שמעק ווייראויך, וואס ער האט איהם פאר רחמנות געגעבען.

— לעבעדיג, עולם! — גיט אונטער דער אשמדאי קוראזש — לאז זיך גיסען נסכים — גיסונגען פון וויין, פון וואס איהר ווילט!...

עס הויבען זיך אויף ווי א שטורמווינד לצים, קליפות פון פער־שיעדענע מינים און געשטאלטען, גרויס און קליין, אין יונג און אלט אלע אינאיינעם. עס איז א אויסמישעניס, א יאגעניס אהין, אהין... יענע מיט רויטע נעז, מיט געמבעס, פון דער גוטער קאמאנדע, לויפען

פֿאַראױס מיט אַ געפּײפערײ, אַ ליאַרם, אַ געשרײ, לעבעדיג־פֿרעהליך מיט'ן קנאַק.

— גיכער, ישראליק, אהער! זעה און הער מײן גרױס כּבוד דאָ אױף דער ערד — זאָגט דער אשמדאי און איז מיר מכבּד מיט קוקען, געבענדיג מיר בּשעת־מעשׂה אַבױג אַראָב הינטער אַרום דעם קאָפּ.

עס הערט זיך אַ װילדע שירה פֿון טױזענדער אָפּענע מײלער, אַ לאַכען, אַ פּלאַצען פֿון גלאָז און פֿלעשער, אַ קלאַפּען, צװזעצען, אַ ברעכען פֿון פּעסער — עס גיסען זיך נסכים פֿון בּראַנפֿען, װײן און אַנדערע געטראַנקען. עס הערט זיך אױך אַ ביטער געװײן פֿון לײדענדע, אַ ברעכען די הענד, אַ שלוכצען, אַ קרעכצען פֿון טױזענטער געבראָכענע הערצער — עס גיסען זיך נסכים פֿון בּלוטיגע טרעהרען. עס איז אַ אױס־מישעניש פֿון פֿרײדענגעשרײ און פֿון אױ־װעה, פֿון שטאַרקע, האָפֿערדיגע — אַ געטימעל, און פֿון שלאַפֿינקע, געפֿאַלענע — קולות ביז אין הימעל, פֿון בײסעניש, רײסעניש, פֿון שטעכװערטער, געשפּעט, לײטישע צינגער און אַנצװהערעניש מיט הענט, מיט פֿינגער.

אױ, נישט אנגענעהם איז די שירה, װאָס די ערד זאָגט — אַ װילדע, זעהר אַ װילדע שירה!

— נענוג, נענוג! — שרײ איך — גװאַלד לאָז זײז גענוג געקוקט! נישטאָ קײן ענטפֿער! ...

דער אשמדאי, זעה איך, איז עפּיס פֿערדולט, שטאַרק פֿערענדערט. דאָס פּנים רױט, דאָס שװאַרצאַפּעלע פֿערגרעסערט, די אױגען װי גלעזערנע, אױסגעגלאָצט, דער קאָפּ פֿערבלענדעט זיך, קוים קוים װאָס ער פּלאָנטעט מיט די פֿליגעל. ער זינגט דרעהענדיג זיך אין דער לופֿט אַבּהענדיג אַהין־אַהער, אַט־אַט, דאַכט זיך, פֿאַלט ער אַראָב װי אַ שטײן, איך מיט איהם — און עס װערען מיר צושאָטען די בײנער. שלעכט אַ שרעק! איך חאַפּ מיך צו איהם — הע־הע! עס זעצט איהם אַרױס פֿון דער נאָז אַ ריח פֿון נסך, פֿון בּראַנפֿען, שפּירט. אַזױ, דו בּיזט שכּור! זאָג איך, און גיב איהם טאַקי מיט דעם גאַנצען כּח אַ גוטען קניפּ — אױסקרענקען זאָלסט־דו יענעמס בּראַנפֿען, יענעמס בּלוט, נאָר נישט אַצינד; שפּעטער, שפּעטער, אַז איך װעל דײנער פּטור װערען און אַרױס בּשלום פֿון דײנע הענט. איך קנײפּ איהם, מינטער איהם — אומזיסט די מיה. מען מוז, טראַכט איך, רופֿען צו איהם זײנע מכשפֿה'טעס, שפּרעכערקעס. איך קוק מיך אום אַהין צו זײ — אַלע זענען פֿאַרלעקט, יונג און אַלט — אַלע פֿער־קנאַקט, נישטאָ, משטײנס־געזאָגט, מיט װעמען צו רײדען! ... ס'איז מיר

געווען צו מוטה ווי יענע בשעת די שיף זייערע טרינקט זיך אין ים.

און בשעת איך בין דאָ אַזוי צוטראָגען, טהוט זיך פון אונטען עפּיס אַ זעץ, אַזוי, אַז איך שפּרינג אַזש אונטער און דער אַשמדאי טהוט זיך אַ האַ־אויף.

— טפו, טפו! — שפּייעט ער, שצירעט אויס אַ פּאָר אויגען און מאַכט מיט די לעפּצען עפּיס אָהן ווערטער, שטאַרק צודולט.

איך גיב אַ קוק — העט־העט! מיר געפינען זיך אויף אַ דאַך בײַ אַ פּאָנאַר, דורך וועלכען עס שיינט אַריין ליכט ווי דורך אַ פענסטער אונטען אין אַ גרויסען זאַל.

— אַט, וואוהין... פערקראָכען... אַ ראָטהויז... חי־חי־חי! — בעבעט דער אַשמדאַי, אונטערשמייכלענדיג ווי אַ שכור, קוקט אַריין פון אויבען אין זאַל דורכ'ן פענסטער און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ ווי ער ווינקט זיך דאָרט מיט אַ בעקאַנטען — אַ־אַ, שלום עליכם, שלום עליכם, אני המן!

— וואָס המן, וואו, הייַנט המן? המן איז אויפגעהאַנגען געוואָרען מיט זיינע בנים שוין מעהר פון אַ פּאָר טויזענט יאָהר צוריק! רעדסט עפּיס, מחילה, ווי—ווי אַ שכור, האָב איך געוואָלט זאָגען, און האָב פּאַר מורא זיך געכאַפּט צוריק.

— בהמה! אַז מען דאַרף אַ גנב, בהמה, שניידט מען איהם אָב פון דער תליה! וואָס מיר וואָס אַ מאָל וואָס, וואָס מיר הייַנט וואָס? הערסט, ישראָליק—המן! אַלע דאָ זיינע בנים, ויזתא אויך—בעבענדיג אַזוי נעהמט ער און קוועטשט מיר צו שטאַרק דאָס פּנים צום פענסטער—זעהסט, האַ?

— יאָ! — זאָג איך, פערביסענדיג די ליפּען — איך זעה פון דיין קוועטש קראַקוי און לעמבערג.

— גערעכט! — לויבט מיך דער אַשמדאַי, אַ קניפּ געבענדיג מיר אין בעקעלע — ווי ער קען עס אַ ביסעל געאָגראַפיע!! אָהן עין־הרע!... נו, וואָס ווייטער?

— די זאַל איז פול מיט מענשען. איינער, איך זעה, שטעהט אויף דער בימה, און ווי ער עפענט נור אויף דאָס מויל, פּאַטשט מען איהם שוין פון אַלע זייטען בראַוואָ!

— אַט דאָס מיין איך טאַקי! — לאַכט דער אַשמדאַי, אַ בויג געבענדיג מיר פון הינטען דעם קאָפּ און ווייטער אַ קוועטש—דו הערסט די דרשה?

— נישטאָ, משטיינס־געזאָגט, וואָס צו הערען—ענטפֿער איך אונטער דער נאָז, פֿאַראיבעל האָבענדיג אויף דעם קוועטש.

— נישטאָ, זאָגט ער, וואָס צו הערען! — קרימט זיך נאָך דער אשמדאַי, אַרויסשטעקענדיג מיר אַ צונג — יענער דאָרט רעדט, דאַכט זיך, מיט אַ מויל, גאַנץ קלאָר: ישנו, זאָגט ער, ס׳איז דאָ אַ פֿאָלק, צוזייעט, צושפּרייעט, זאָגט ער, בּכל—אין אַלע מדינות... הער נאָר ווייטער, ווייטער וואָס ער זאָגט!

— אַלטע מעשיות! — זאָג איך, אַ מאַך־געבּענדיג מיט דער האַנד— עס שלאָגט צום האַרצען, ווערט נישט גוט הערענדיג, פֿע, כ׳לעבען! איך בּעט דיך, לאָז זיין געבוג.

— אַ שאָד, כ׳לעבען. דאָס וואָס דו האָסט געזעהן און געהערט איז ערשט אַ טראָפּען פֿון ים. נאָר מיר אַליין איז אַצינד עפּיס אויך פֿע, בּוררר! מען בּעדאַרף נעהמען נאָך אַ בּיסעל נסך צום אויסניכטערן זיך... קום אַהין צווישען דאָס דייניגע...

— פֿאַר וואָס, געוואַלד, צווישען מייניגע?

— משקה אויף אָנצוטרינקען אַ וועלט—דאָס איז בּיי זיי, דאָס איז זייער זאַך... יענער, וואָס האָט מיך צום ערשטען מאָל אָנגעטרונקען אָנשטאָט וואַסער מיט וויין, מיך געמאַכט שכּור, ווייסט־דו דאָך גאַנץ גוט, ווער ס׳איז געווען—דאָס איז געווען אַייערער, בּניהו בּן־יהוידע! וואָס, הא, אפשר אַ ליגען? געה, פֿרעג אַייערע קלויזניקעס; הער וואָס אַייערע חכמים דאָרט זאָגען!...

— אייביג קען מען אַקעגען אַייך נישט יוצא זיין. אַז מען גיט אַייך וואַסער, שרייט איהר; גיט מען וויין אָנשטאָט וואַסער, שרייט איהר אויך,—היינט וואָס זאָלען מיר מיט אַייך טאָן!— געבוג! איך בּין דול... איך בּעט דיך, זאָל זיין געבוג! לאָז מיך אָבּ!

אַ מכשפה׳טע, אַ מכוערת, טהוט זיך פּלוצלים אַ וויז, מאַכט אַ קניקס, לויפֿט צו דערנאָך צום אַשמדאַי מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די פֿערשנירטע ליפּעלעך, און שושקעט זיך מיט איהם אַוועק אַ היבשע צייט. איך גיבּ אַ קוק—דאָס איז זי, יענע יפיפה, מיט וועלכער איך האָבּ פֿריהער געטאַנצט. זי האָט אויך געקוקט אויף מיר, געמאַכט מיר אויגעלעך מיט חן. איך בּין זיך מודה, אַז ס׳האָט מיך שטאַרק געמאָנטעט צו איהר. איך זאָל בּלייבּען מיט איהר מיין גאַנצען לעבען.

— דו בּעטסט בּיי מיר, תּכשיט מיינער, איך זאָל דיך אָבּלאָזען— זאָגט דער אַשמדאַי, אַ קוק געבּענדיג מיט אַ מטוריש שמייכעלע

און קוועטשט איטליכען וואָרט זיינעם. איך שטעה צומישט, חרטה האָ-בענדיג דערויף, וואָס איך האָב פריהער געבעטען, און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן איהם.

— נו, וואוהין ווילסטו, זאָל איך דיך צראָבלאָזען? רוף מיר אָן דאָס אָרט, וואו דו וואוינסט, מען האָט דאָך דיך געפונען הענגענדיג אין דער לופטען?

איך שטעה ווי אַ גולם און ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן איהם, אַזוי ווי אַ אונטערגעוואָרפענער, וואָס געדענקט נישט, פון וואַנען ער איז.

איך שטעה און קעהר מיך אום מיט אַ בייזער געמיטה אין מזרח-זייט... עפען דעם מויל, און הייסע טרעהרען טריפען מיר פון די אויגען.

— דיינע געדאַנקען, ישראל, ווייס איך; דיין אומקעהרען זיך מיט'ן פנים וויינענדיג אין מזרח-זייט, פערשטעה איך אויך, וואָס דאָס בע-דייט — פערלאַנגען פערלאַנגסט-דו גאָר אַ גרויסע זאַך. נאָר דיין אונ-גליק איז, ישראל, וואָס דו ביסט נישט פּראַקטיש, ישראל, נאָר אַ פאַנ-טאַזיאָר, נישט נאָר אַ פאַנטאַזיאָר ביסט-דו, נאָר אַ גרויסער בעל פלפול; אָט די מידה פון פלפול און פשט'לען זיך — דאָס איז דער גרויסער חסרון, וואָס געפינט זיך ביי אַלע דיינע ברידערלעך, סיי ביי מאַרק-מענשען, סיי ביי בית-המדרש'ניקעס. דער פלפול פערקרימט זיי דעם שכל, ער מאַכט זיי פאַר פערקאָכטע קנאים, פאַר גרויסע בעריהמערס און איבערטרייבער. ער מאַכט אָן שנאה און קריג און מחלוקת. און ס'ווערט צערשטערט דאָס ברידערשאַפט צווישען זיי. זיי זענען זיך מפלפל און דרש'נען אַ סך דרשות און טאָן טהוען זיי גאָרנישט, אָט די מאוסע מדה לאָזט זיי נישט פעראייניגען זיך צו אַ בשותפות'דיגער אַר-בייט לטובה דעם גאַנצען פאָלק. דיר, ישראל, פעהלט וועלט און דער-ווייל קען מען דיר נישט געבען קיין אַנדער עצה ווי די, וואָס דו האסט בעגעבען דער קליאַטשע, זי זאָל זיך לאָזען לערנען און פערשטעהן. און ביז דו וועסט קומען צום שכל און בעקומען דיר דיין ארט אויף דער ערד וועסט-דו פליהען אין דער לופטען, אט די מכשפה, וואס דו זעהסט, די וועט זיך פון היינט אן אבגעבען מיט דיר; זי וויל זיך מיט דיר בעקענען, געה מיט איר.

איך מיט דער יפיפה מיינער קוקען מיר זיך אן בוקענדיג זיך איינער צום צווייטען. לויט'ן בעפעהל פון דעם אשמדאי קומט ראַהיראַט מיט אַ גרויסער קאַטשערע און באַלד טהוט מיין יפיפה אן אַ גרויסע און

חילד משונה־הוט, בעפוצט מיט גאַנצע פלעדערמייז פון ביידע זייטען, און זעצט זיך רייטען אויף דער קאָטשערע, און איך ישראל זעץ זיך איהר פון הינטען אָנהאַלטענדיג זיך אָן איהר מיט ביידע הענד — און מיר פליהען פרעהליך־לעבעדיג אין לופטען.

## דאס דרייאונצוואנציגסטע קאפיטעל.

# מען קרוינט ישראל'ן פאר א בעל טובה און מען זעצט איהם אויף רייטענדיג אויף דער קליאטשע.

דער וואס עס איז נישט געפלויגען אין דער לופט אזוי ווי איך, רייטענדיג אויף א קאטשערע, דעם איז אונמעגליך איבערצוגעבען דעם טעם פון אזא נסיעה מיט ווערטער, מען מוז דערצו אליין געפרובט ווערען. און דעריבער האב איך פליהענדיג אויף דער רייזע מיינער, מתפלל געווען מיט גרויס כונה, זאגענדיג: רבונו של עולם! מיט וואס האב איך עס, ארימער בעל עברה, פערדינט מעהר פון אלע בני אדם, קינדער פון אדם און חוה, דערהויבט צו ווערען און טהון טאן פליהען אונטער דיינע הימלען ווי א פויגעל טהוט פליהען אין דער לופטען? טאך דו, אלמעכטיגער גאט, פליהען אין דער לופטען אויך זיי, די מענשען פון דער וועלט, ווען ניט אלע, צו וועניגסטען א טייל פון זיי, צוליעב דיין ווארהאפטיגקייט, צוליעב דיין גערעכטיגקייט, טאטע פאטער אין הימעל! אויב דו האסט זיי נישט געלייטזעליגט מיט פליגעל, זאל דער רוח זיי נעהמען און טראגען אויף זיינע פליגעל, זאלען זיי פליהען אין דער לופטען פון קליין ביז גרויס, זיי, מיט ווייבער און קינדער, זאלען זיי וויסען, וואס פאר א טעם פליהען אין דער לופט האט.

וויפיעל די רייזע אין דער לופטען האט געדויערט, קען איך בעשטימט נישט זאגען; איך ווייס נישט מעהר, אז א לאנגע צייט בין איך געפלויגען ביז מיר זענען צום סוף געקומען אין א גאנץ גרויסען און שרעקליך א טיפען טאל, ערגיץ אין א העק, צווישען משונה הויכע בערג, וואס גרייכען ביז דעם וואלקען. עס געהט מיר נאך איצט א גרויל איבער דעם לייב, אז איך דערמאן זיך אין דעם טאל, אזוי

חילד, אזוי וויסט איז יער געווען. פון גראָז און אַ. מער האָט מען נישט געהאַט אפילו קיין סימן. אויף איטליכען טריט האָט מען געזעהן נאָר דערנער און הויפענס שטיינער. צווישען זיי האָבען געשווירבעלט און געגריבעלט שלאַנגען, פיפערנאָטערען און עקדישען. עס האָט געגרילצט אין די אויערן, הערענדיג דאָס געשריי, וואָס ווילדע חיות און עופות האָבען פון זייערע נאָרעס אַרויסגעלאָזט, אויף אַלערליי טרויערדיגע און וויינענדיגע קולות; עס האָט אויך געשטונקען עפּיס אַ ריח פון שוועבעל מיט טייפעלסקייט אינאיינעם, און ערטערווייז האָט פון דער ערד אַרויסגעזעצט וואָלקענס רויך, וואָס זענען ווי אַ טומאַן זיך צוגאַנגען אין אַלע זייטען. אָט אַזאַ טאָל האָבען די רוחות זיך אויסגעוועהלט, דאָ איז זייער וואוינונג!

פון דאָרט פיהרט אַ שפּאַלט צווישען סקאַלעס אין אַ גאַנץ גרויסער הייל, וואָס איז גאָר אונמעגליך צו בעשרייבען אַפילו אַ טויזענט חלק פון איהר ווילדקייט. דאָרט פלייצט אַ טייך שוואַרצער טינט און אויף זיינע ברעגען וואַקסען וועלדער פענעס. אין די וועלדער ווידמען זיך לצים, אַזעלכע מיני בעשעפעניש, עפּיס מאַלפּעס, וואָס האָבען אַ געשטאַלט נאָר טאַקי ווי פון מענשען. פון דערווייטענס האָב איך געזעהן, ווי לצים האָבען אין דעם טייך אַנגעטרונקען מיין בידנע קליאַטשע, נעבעך, די דערנאָך געבאָדען, און אונטערגעטוקט אַ סך מאָל אין טינט אַזוי, אַז זי איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען שוואַרץ ווי אַ רוח...

— דאָס איז מיין קאַנצעלאַריע! האָט דער אַשמדאי צו מיר געזאָגט. דעם דאָזיגען טייך און די וועלדער, וועלכע דו זעהסט דאָ, האָב איך אַנגעגרייט פאַר דיינע ברידערלעך. מען וועט אויף זיי שרייבען און שרייבען כל-זמן עס וועט נישט אויסגעהן דער טינט פון דעם טינטער, און די פענעס פון די וועלדער. זעה! פון דעם טינטער געהען אַרוים קאַנאַלען, טינט-לייטונגען, גאַנץ ווייט אין פאַרשידענע מקומות, אין די רעדאַקציעס און אין די קאַבינעטען פון געוויסע מענשען. דער דאָזיגער קאַנאַל, נומער 999,999, וואָס דו בעטראַכסט איהם איצט, ער געהט אין דעם טינטער פון דעם דניעפּראָווער נאָזעטענשרייבער. טינט און פענעס איז דאָ אַ ים און שרייבער ווי זאַמד.

ער האָט אַ שמוצער געטאָן און די לצים האָבען פון די וועלדער זיך אַ שאָט געגעבען צו איהם ווי די פליגען, זיך אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער שורה, איטליכער מיט אַ פען אין דער האַנד, און מיט אַ קיווער פּאַפּיר אויף דעם קאָפּ.

— דאָס זענען מײַנע שרײַבער! האָט ער צו מיר זיך אָנגערופֿען, און מיך דערבײַ אָנגעקוקט מיט אַ שמײכעלע.

ווי אַ יענעראַל האָט ער זיך דערנאָך געוויטעוועט מיט דעם פֿאָלק פּיסאַקעס. עס איז געוואָרען אַ געשריי: אוררא, אוררא! אַז עס איז שטילער געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען זיי צו מושטירען. דער מושטיר איז בעשטאַנען אין אַרויסשטעקען די צונגען, מאַכען אַ פֿייג און לאַכען. נאָכדעם האָט ער הויך געקאָמאַנדעוועט: צו האַלטען ווי מען בעדאַרף די פּענעס! צו טונקען!... פֿאַרטיג מיט דעם, האָט ער צוצויגען אויף אַ קול אַ געשריי געגעבען: שרײַבט!

די קאָמאַנדע האָט זיך אַ נעהם געטאָן שרײַבען, אַלע כמעט די זעלביגע זאַכען און די אייגענע ווערטער. די האָר האָבען מיר זיך געשטעלט, לייענענדיג די אָנגעשריבענע ווערטער, זיי זענען געווען אַזוי שפּיצעכדיג, אַזוי מיט קרוטשקעס און געשטאָכען ווי שפּיזען. בײַ אַ טייל האָט שרײַבענדיג געציטערט די הענט און געטיאָכקעט דאָס האַרץ. ווי איך בין שפּעטער זיך דערגאַנגען, זענען די דאָזיגע געווען רעקרוטען, ערשט וואָס אָנגעקומען אין דעם פֿאָלק. זיי איז נאָך שווער געווען אַזעלכע זאַכען... חוץ די האָבען נאָך אַ טייל געאַרבײַט ווי די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע און געשפּריצט פּשוט בלאָטע.

נאָך דער עקזאַמען האָט דער אַשמדאַי ווײַטער אַ שמוצער געטאָן — איז אַרײַנגעקומען עפּיס אַ רוח, אַ ריז, אָנגעטאָן אין דער פֿאָלנער כאָרמע, בעהאַנגען אַרום דעם קאָפּ מיט פֿעדערען, מיט פּענעס און מיט פֿלעדערווישען.

— וואָס האָסט דו אין דער צײַט, וואָס איך בין נישט היע געווען, עפּיס געטאָן? ווי שטעהען אונזערע עסקים? האָט דער אַשמדאַי דעם רוח געפֿרעגט. אַגב אונז בײדע פֿאָרגעשטעלט איינעם דעם אַנדערען: דאָס איז מײַן סעקרעטאַר, האַר לוציפֿער, און דאָס איז רב ישראליק!

דער סעקרעטאַר לוציפֿער האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און מיך נישט געווירדיגט אַפֿילו מיט אַ בליק. ער האָט באַלד אַרויסגענומען זײַן ראַפּאָרט און געלייענט:

„אײַער אַשמדאַיסקע פֿינסטערניש! מלך פֿון אַלע רוחות און מחבלים, פּרינץ פֿון אַלדי שוואַרצע יאָהר, הערצאָג פֿון שבעה מדורי גיהנם, גראַף פֿון סדום און עמורה, ערץ-פּאַסטיך פֿון אַלע זינדענבעק אין עזאָזל, א. ז. וו.

אונזערע אַגענטען, די בעלי-טובות אין אַלע שטעדט, זענען אין

זייערע ראַפּאָרטען מודיע: אַז דורך זייערע גרויסע סטאַראַניעס אומעטום, וואו מען בעדאַרף, איז זיי צום סוף געראָטען, אַז די טאַקסע פון פלייש זאָל נישט בטל ווערען".

דער אַשמדאַי האָט געשמאַכט פאַר שמחה. איך דאַנק אייך. האָט ער געזאָגט צום סעקרעטאַר, איך דאַנק אייער טונקעלע שוואַרצזיכטיג־קייט, דוקעס לוציפער, דערפאַר וואָס איהר האָט מיר צום ערשטען ראַפּאָרטעוועט אַזאַ ווילטיגע זאַך. ער האָט דערנאָך זיך געווענדט צו מיר מיט די ווערטער:

— זעהסט דו, דאָס איז ביי מיר אַ בשורה. איינמאָל וועלען דיינע ברידערלעך עסען מכות פלייש און דורך דעם תמיד קרענקען. קרענקט, פוילט, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! צוויטענס איז די טאַקסע מיר פשוט נויטיג צום עסק. דורך איהר בילדעט זיך ביי אייך די גאַנצע באַנדע בעלי־טובות, וואָס פיהרען איטליכען ביי דער נאָז און לאָזען אייך קיין קאָפּ נישט אויפהויבען; פון איהר האָבען אַלע מיינע אַגענטען זשאַלאָוואַניע און זייער פרנסה בכבוד; דורך איהר האָבען אייערע פוסטע מענשעלעך אין די הענט כומעס געלט, אויסצוגעבען אויף אַלסדינג, וואָס מען טהאָר נישט זאָגען; דורך איהר האָט איהר דעם בעסטען סימן, אַז מיט אייערע הוצאות אויף אַלע נויטיגע בעדערפעניש און כלל־זאַכען זייט איהר אָבגעשיידט פון די אומות העולם; דעריבער איז גאָר אונמעגליך, אַז איהר זאָלט זיך פעראייניגען מיט זיי אין די הילביגע געפיהלען פאַר דער מדינה, און דעריבער טאַקי וועלען שלעכטע מענ־שעלעך תמיד געפינען אַ געלעגענהייט דערפאַר אויף אייך אָנצופאַלען. אייער לאַגע וועט זיין פערפלאָנטעט, פאַרדרעהט. הלואי איך זאָל שוין מיט אַלע אַנדערע מענשעלעך האַלטען אויף דער מדרגה, ווי איך האַלט מיט אייך!... איצט פאַרשטעהסט דו, פאַר וואָס דאָס איז ביי מיר אַזאַ בשורה? חלילה וחס, די טאַקסע זאָל געווען בטל ווערען, ווי עטליכע האָבען עס פערלאַנגט, וואָלט איהר — נישט דערלעבען זאָלט איהר דאָס! — מיט אַ מאָל פטור געוואָרען פון אַ סך צרות. נו מיינע אַגענטען פאַרשטעהען... אַליטיס, זיי פערדינען אַ נאַגראַדע פאַר זייער סטאַראַניע.

מיט ריכטיגע ידיעות, האָט לוציפער ווייטער ראַפּאָרטעוועט, זענען זעהר פיעל אָרימע לייט געשטאָרבען, און בכלל קרענקען זיי זעהר פיעל דורך די טובות פון זייערע בעלי־טובות".

— גוט! האָט דער אַשמדאַי געזאָגט. נו עהר גוט! בשעת דער

חלי־רע ווייזט די טאַקסע ארויס איהר כח צווישען דעם ארמען עולם. ערשט נישט לאנג האב איך ערגיץ אין א שטאט געלייענט א אנגעקלעבט צעטעל אין דער גאס. אויף דעם צעטעל איז אונטערגעשריבען „דברי המבקשים לטובת אחב״י". דארט איז מען מודיע דעם עולם, אזוי אין דער ווערלט הערט זיך די חלי־רע, בכן זאל מען למען־השם עסען פליישׁ. אפילו אין די ניין טעג. בשעת לייענען האב איך געלאכט, ווי מען ראטה צו עסען פליישׁ, אלץ לטובת אחב״י. לטובת אחב״י — און אליין העכערט מען דעם מקח!

„קאנדידאטען אויף בעלי־טובות, האט לוציפער ווייטער געלייענט, זענען דא זעהר פיעל פון אלעריליי סארטען מענשען, עס איז גאר נישטא אזוי פיעל שטעלען. סיידען מען זאל צו איטליכען „פאמאשטשניק" פון א גלאווגעם בעל טובה צוזעצען נאך אקעגען א הונדערט אונטער־פאמאשטשניקעס און זיי אליין וועלען זיך שוין זארגען צוגעפינען נייע „איסטאמשניקעס". פון וואנען צובעקומען זייער געהאלט. עטליכע האבען מכח דעם שוין אריינגעשיקט גאניץ שענע פראיעקטען. איך האב עס איבערגעגעבען א בעזונדער קאמיסיע, וואס בעשטעהט פון שמחזאי ועזאל, פון אהרימאן, אחעראן, טיפאהן, שיווא, בעל־זבוב. — אין גלופסקער בקור־חולים געהט איצט די הנהגה, דורך א פאר פון אונזערע אגענטען, גא״ קיין חיות נישט. מיר האלטען שוין מיט גלופסק אויף א שטייגער! — דעקרוטען זענען אין דער צייט אנגעקומען אין די פאלקען „פיסאקעס" דריי טויזענד דריי הונדערט מיט דריי און דרייסיג. זיי זענען נאך לעת־עתה נישט פארטיג, ווי עס געהער צו זיין. בעל־זבוב האט זיי גענומען צו זיך אויף דער „אוטשעניע". — טינט איז אין דער לעצטער צייט פערברויכט געווארען זיבען טויזענט פינף הונדערט ניין און ניינציג עמער מיט אנדערהאלבען קוואטירלעך".

— אזוי ווייניג! האט דער אשמדאי זיך אנגערופען און געמאכט א מינע, אז ער איז נישט צופרידען.

לוציפער האט געוואלט עם דערקלערען. נאר ווי באלד ער האט געעפענט דאס מויל צום רעדען, איז אריינגעפלויגען א רוח מיט דעפעשען, דער אשמדאי האט א ווינק געגעבען, לוציפער זאל ביי דעם „דעזשורנע" צונעהמען די דעפעשען און לייענען.

— די דאזיגע דעפעשע, האט לוציפער געמעלדעט, איז פון רומעניען. מען בעט רחמים ארויסצושיקען טינט, ווי צום גיכסטען: עקזעמפליארען פון איטליכער זאך. וואס מען וועט דארט אנשרייבען, זענען זיי זיך

מתחייב צושיקען תמיד פּינקטליך אין אונזער ביבליאָטיקע... די צווייטע איז פֿון עסטרייך. מזל־טוב אײַך, גרויסער אַשמדאַי מיט אַ גוטער בשורה! האָט לוציפֿער פֿרעהליך געזאָגט מיט אַ שמייכעלע און אַרויסגע־שטעלט זיינע שפּיצעדיגע הינטישע ציינער. דער קאַרדינאַל שוואַרצענבערג בעט עפּיס גאָר אַ גוזמאָ טינט פֿאַר זיין גאַזעטע. ער וויל מיט אונז מאַכען אַ געשעפֿט, אַז חוץ דעם טינט, וואָס ער אַליין בעדאַרף האָבען צו זיין געברויך, זאָלען מיר איהם נאָך געבען אין קאָמיסיע פֿאַר אַלע קאַטוילישע גלחים אין בעהמען און אין מעהרען, וואס האָבען דאָרט זיך גענומען געשמאַק צום שרייבען, גאָר ווי אין די אַלטע יאָהרען.

— לעבען זאָלען מיר טאַקי, מיינע געטרייע געזעלען, האָט דער אַשמדאַי אַ זאָג געטאָן גאַנץ לוסטיג. כל־זמן אין זיי קלאַפּט זיך נאָך אַ דפּק האָב איך, נישקשה, נישט וואָס צו זאָרגען. לוציפֿער! מען וועט בעדאַרפֿען אונטערגעבען אַביסעל אין דעם טינט פֿון יענע מאַטעריאַלען: בלוט, גאַל, גרינע ווערים, יאַשטשערקעס, טייפֿעלסקייט וכדומה, כדי ער זאָל אַרויסקומען עכט גוט.

— דאָס אַלסדינג האָב איך שוין אַליין אַריינגעטאָן, האָט לוציפֿער געענטפֿערט און זיך גענומען לייענען די איבעריגע דעפּעשען. ער האָט איבערגעלייענט וואָס דער רעדאַקטאָר פֿון „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ“ אין גאַליציע פֿאָדערט. דערנאָך האָט ער מיט אַ רחמנות־פּנימעל אַ מאַך געגעבען: אַ, דאָס איז פֿון אונזער ד נ י ע פּ ר אָ ו ו י צ ע ר! ער קלאָגט זיך, נעבעך, אַז ביי איהם איז שוין כמעט אויסגעטריקענט דאָס טינטעריל. ער האָט פּשוט נישט שוין וואָס צו שרייבען און דאָ בעדאַרף מען אין דער געהעריגער צייט אַרויסגעבען אַ נומער! — אַ רחמנות, כ'לעבען.

— געשווינד עפֿענען די קראַנען! — האָט דער, אַשמדאַי געקאָ־מאַנדעוועט מיט אַ געשריי.

אפשר אַ ראָטע רוחות האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען צו די קראַנעם. דער טינט האָט געפּלייצט דורך די „טינט־לייטונגען“ אין פֿאַרשיעדענע ערטער.

פלוצלים איז אַריינגעפֿלויגען אַ הוילע, אַ נאַקעטע נשמה, האָט געשוועבט אַרויף און אַראָב, ווי אַ זומערפֿויגעלע און זיך אַלץ געשלאָגען אָן דער ערד מיט איהרע פֿלאַם־פֿייערדיגע פֿליגעלעך, העל בלוי, ווי דער פֿלאַם פֿון אָנגעצונדענעם שפּירט. אַליין האָט זי אויסגעזעהען ווי אַ גרויסע, זעהר אַ דינע בולבע פֿון זייף, געשפּילט פֿון אַלערליי פֿיינע קאָלירען,

וואָס האָבען פערנומען די אויגען. אז מען האָט גוט זיך צוגעקוקט, האָט מען קוים געקענט דערקענען עפּיס אַ געשטאַלט פון לויטער גאַז.

— אָך! האָט דער אַשמדאַי אַ געשריי געטאָן און זיך אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ. אז ער האָט זי דערזעהען. עס איז נסתּלק געוואָרען אַ גרויסער בעל-טובה, אַ גרויסער בעל-רחמים, איינער פון מיינע בעסטע אַגענטען! דאָס איז זיין נשמה, וואָס איז איצט נאָך דער פּטירה, געקומען, צו וואוינען ביי מיר אינאיינעם מיט די נשמות פון אַלע בעלי-טובות...

איך האָב מיך צו דער נשמה שטאַרק צוגעקוקט און זי דערקענט. דאָס איז געווען די נשמה פון באמת אַ משונה ווילדען בעל-טובה אין מיין שטאָדט!

— קלאָג, וויין, ישראַליק! האָט דער אַשמדאַי צו מיר געזאָגט מיט אַ טרויערדיגען קול. דיין שטאָדט האָט פערלוירען אַ גרויסע אבדה, דיין קהל האָט אָנגעוואָרען אַ גרויסען בעל-רחמים, אַ צאַצקעלע! יאָמערט, קלאָגט, טייפעל, רוחות! איך, אייער מלך, האָב פערלוירען דעם בעסטען בעל-עצה, דעם געטרייסטען סאָוויעטניק, אָהן איהם בין איך ווי אָהן דער רעכטער האַנד!

אין דער גאַנצער הייל, אין דעם גאַנצען טאָל האָט זיך נעלאָזט הערען אַ שרעקליכער יאָמער אויף אַלערליי ווילדע קולות. עס האָט זיך געהערט אַ היילען, ווי אַ הונט היילט אַ מאָל שרעקליך ביי דער נאַכט הינטער דעם פענסטער, אויך אַ מיוקען, אַ וויינען, ווי קעץ וויינען, בשעת פרוכפּערונגס-צייט, אויף די דעכער. עס האָט זיך געהערט אַ טרויער-דיגער הספד פון סאָוועס, אַ קראַקען פון סאָראָקעס, אַ קוואַקען פון זשאַבעס. עס האָט זיך געהערט אויך אַ שמוצערן פון שלאַנגען, אַ פישטשען פון שצערעס, אַ מריקען פון ביקעס, אַ ברומען פון בערען, אַ ברילען פון לעמפּערטען און אַ סקריפּ פון אַ ריקבעט. גלייך ווי אַלע ווילדע בעשעפעניש האָבען געוויינט, געקלאָגט אויף אַזאַ בעל-טובה, אויף אַזאַ כשרה נשמה. איך בין שיער אין חלשות נישט געפאַלען, שיער נישט טויב געוואָרען פון אַזאַ שרעקליכען הספד.

דער אַשמדאַי האָט קוים מיט צרות איינגעשטילט דעם עולם, געחאַפּט די נשמה אין זיין האַנד, ווי מען חאַפּט אַ פליג, און זי מקבר געווען טיעף אין דער ערד מיט די ווערטער:

— וואָס העלפט דאָס וויינען, אַ מענש מוז שטאַרבען! פריהער אָדער שפּעטער, דער רוח האָט דיר געמוזט חאַפּען. ווער-זשע טאַקי בעגראָבען נייַן איילען אין דער ערד און געה צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

איך וועל מיך מוזען בעגעהן אָהן דיר און געפינען, נישקשה, אַ אַנדער שלאַק אויף דיין אָרט... ישראליק=לעב! האָט ער נאָך דעם מין הכפּר זיך געווענדט צו מיר, עס וועט דיר גאָר נישט העלפען, דו וועסט מיר מוזען אין דיין שטאָדט ווערען אַ בעל=טובה אויף זיין אָרט.

— איך וויל נישט, איך קען נישט זיין קיין בעל=טובה! האָב איך געשריגען נישט מיט מיין קול. האָב רחמנות, שיק אַ אַנדערען אויף זיין אָרט. עס זענען דאָ אַ סך בעלנים, אַ סך קאַנדידאַטען אויף בעלי=טובות. שיק וועמען דו ווילסט און בעפריי מיך פון אזא התמנות!

— זאָג מיר, איך בעט דיך, קיין דעות נישט, האָט ער געענטפערט, מכתמא וויים איך, וואָס איך טוה.

— וואָס האָסט=דו אין מיר אַזוינס דערזעהען? האָב איך געשריגען. איך בין, כ'לעבען, אַ שלימזלניק און וועל גאָר נישט טויגען צו אַזעלכע געשעפטען. איך וועל דיר רעקאָמענדירען קליגערע, בעסערע און געניטערע פון מיר. שיק לייבעלע רב אבעלעס, מעה'לע רב בונם'ס, טרייטעל רב יוסילעס, פישקע רב ניסעלעס, אָדער איינעם פון זייערע כנופיות, איטליכער פון די לייט, אין זיין גראַד, פאַרשטעהט זיין עסק און אַרבייט אָב אַ זאַך ווי אַ מייסטער. ווי קום איך צו זיי?

— די דאָזיגע אַלע לייט זענען שוין פערנומען, איטליכער פון זיי האָט אַ שטעלע. עס וועט דיר גאָרנישט העלפען, ישראליק, זאָג איך, אשמדאי, דיר נאָך אַ מאָל. שווייג בעסער און זיי נישט קיין עקשן, אויב עס גלוסט זיך דיר צו לעבען און אויב דו פערלאַנגסט נישט, איך זאָל דיר דאָס עקשנות מיט גוואַלד אַרויסטרייבען. קיין וואָרט נישט מעהר, צאַ! וואָרום...

ער האָט געמאַכט אַזאַ שרעקליכע מינע און אַזוי געשאָקעלט אויף מיר מיט אַ פינגער, אַז די הויט האָט אויף מיר געציטערט און פאַר שרעק בין איך געבליבען שטום ווי די וואַנד.

— אָט אַזוי, ישראליק, האָב איך דיך טאַקי ליעב, אַז דו שווייגסט, — האָט ער זיך אָנגערופען, שוין מיט אַ זיס שמייכעלע, און אַ גלעט געגעבען מיר אין בעקעלע. — דו ביזט, נישקשה, אַ גאַנץ קלוגעטשקער, ישראליק! קיין פינגער אין מויל בעדאַרף מען דיר אויך נישט אַריינלעגען. איך פיהל, אַז דו וועסט טויגען און מיט דער צייט זיין אַ כלי=שלכה. נאָר איידער איך וועל דיר געבען אַזאַ טייערע שטעלע פון אַ בעל=טובה,

מוז איך דיך אַביסעל קלאָר מאַכען אין עסק און דיר געבען אַ אינסטרוקציע, ווי אַזוי דו זאָלסט זיך נוהג זיין.

„הער, ישראליק-לעב! די שטאָדט—דאָס בין איך! דער פשט דערפון איז גאָר פּראָסט: טוה אַלעס ווי דו ווילסט. און זאָג: אַזוי וויל קהל. דער גאַנצער קהל איז ווי אויף דער וועלט נישטאָ, נור דו איינער ביסט דאָ. דאָס איז מיין ערשטע געבאָט. מיין צווייטע געבאָט איז—אַ יראת-שמים-פּנימ'ל! יראת-שמים איז ביי אַ קלוג מענשיל אַ גוטע קוה, זי גיט איהם אַ סך מילך און פּוטער, ווי די בעסטע האָלענדערקע. אַזאַ קאַפּיטאַלנע קוה מוז מען דעריבער שטאַרק פּילעווען, מען בעדאַרף איהר פּטערם אונטערוואַרפען אַ בינטעל כּפול-שמונה-ציצית. זי האָרעווען מיט רבינו תּם'ס תּפילין, פערמישען איהר אַ גרויסען טלית-זאַק מיט פערשיעדענע מיני בלעטלעך און שמות, זי זאָל טאַקי אַוועקשטעהן איבער דעם זעבער עטליכע שעה אַלע טאָג; מען בעדאַרף זי לאָזען לעקען מזוזות און פּאָיען זי מיט מציצה, מיט חברה-קדישא-מעד, מיט יאָהרצייט-בראַנפען, וכדומה אַזעלכע געטרענק. אַזוי איז יראת שמים ביי מיינע אַגענטען פון דער פרומער קלאַסע. מיינע אַגענטען פון דער היינטיגער וועלט נעהמען אויך אָן אַ יראת-שמים-פּנימ'ל, נאָר עפּיס אויף אַ אַנדער אופן. זיי מאַכען זיך געוועהנטליך צום תּם, לעבען מיט איטליכען גוט, שמייכלען זיס, דרעהען דאָס צינגעל אַהין און אַהער, טראָגען זיך געקליידט עפּיס נישט קורץ נישט לאַנג, זייער באָרד איז עפּיס נישט גאַנץ אי נישט געגאָלט, וואַרפען זיך אין אַלע זייטען און ווילען פאַר איטליכען יוצא זיין. עטליכע זענען צווישען דער כּתּה די, וואָס בע לחלוטין נישט אַזאַ יראת-שמים, דערפאַר בעשטעהט זייער גאַנצע חכמה נישט מעהר ווי אין כּח, אין שטאַרקייט, אין אַ קולאַק... זיי זענען אָבער טאַקי נאָר עטליכע. פון אַזעלכע ארץ פּיאַסקע-עזות-פּנימער בעדאַרף מען נישט נעהמען קיין ראיה. לאו כּל-אדם איז זוכה צו אַזאַ מדרגה.—מיין דריטע געבאָט איז: ר ח מ נ ו ת! דער פּירוש דערפון איז, מען דאַרף טאָן כּל הפסלנות, רייסען פון טויטע און פון לעבעדיגע און זאָגען אַ רחמנות! שטילערהייט בעדאַרף מען אַ קניפּ טאָן, אַ ביס טאָן, און כּצר דעם עולם אַלץ זאָרגען, קרעכצען, זיך אַלץ משתּדל זיין לטובת הכּלל.—מיין פערטע געבאָט איז: י ד א ח ת! דאָס הייסט, בלאַטצושליסען תּמיד מיט דעם שטאַרקען. מען דאַרף זיין פערקניפּט און פערבונדען, אַ שטייגער, מיט דעם בעל-טאַקסע, וואָרום ער איז די סבּה פון אַלע סבּות, דער מקור פון אַלע טובות, ער איז די טובה אַליין. ער איז פלייש פון אייער

פלייש, ביין פון אייער ביין; דעריבער זאָל מען פאַרלאָזען באַדאַי דעם טאַטען אי די מאַמען און זיך בעהעפטען מיט דעם בעל-טאַקסע, צוזיין מיט איהם איין לייב און לעבען. זיי מבטל דיין רצון פאַר זיי רצון, כּדי ער זאָל מבטל זיין אַ מאָל זיין רצון פאַר דיין רצון: פון אייך ביידע קען זיין אַגיל ואשמה, קיילעכדיג און שפיצעכדיג. — מיין פינפטע געבאָט איז: פּ ר ע ט נ ע צ י ע! דאָס טייטש: וויפיעל מען זאָל נישט שטילערהייט נעהמען, וויפיעל מען זאָל נישט רייסען און פערדינען, זאָל מען פאַר דעם עולם אַלץ זיך קלאָגען, נישט זיין צופרידען און האָבען שטענדיג פּרעטענציעס צו דער שטאָדט, אַז מען ווערט אָן, מען דערלעגט, עס איז נישט כּדאַי, וואָס מען פּייניגט זיך אַזוי לטובת הכּלל. — מיין זעקסטע געבאָט איז: ל י ו ל ע! פּשוט איז פּשוט, מען בעדאַרף דעם עולם פערוויגען און איהם זינגען עפּיס לידלעך, ער זאָל שלאָפען. דער עולם איז אַ קינד, אַז מען זינגט איהם אַ לידעל, דערצעהלט איהם אַ מעשה, מאַכט ער צו די אייגעלעך און שלאָפט; אַז מען מאַכט איהם בו, מיינט ער, מען איז אַ בער; שמייסט מען איהם, קושט ער די רוט. דאָס בעסטע לידעל צו פערוויגען דעם עולם איז דאָס אַלטע לידעל מיט דעם ק ע ס ט ע ל ע, נאָכדעם געהט יענץ לידעל: „תּורה איז די בעסטע סחורה", די אַלטע מעשה „אַ רב מיט אַ רביצין", אַ מעשה פון דער ווייסער חברה, פון בעלי-שמות וכדומה נאָך אַזעלכע מעשיות. — מיין זיבעטע געבאָט איז: ע ט, ב ע! דער פּראָסטער פּשט פון די האַלבע ווערטער איז: באים עס טרעפט זיך אַ מאָל, אַז דער עולם — דאָס נאַרישע קינד צושרייעט זיך גוואַלד, איז גלייכער אין דער הייסער מינוט גאַרנישט צוטאָן, עס גרימט איהם זיכער אין בייכעלע, עס טהוט איהם שוין, נעבעך, שטאַרק וועה. עט, בע! זאָל מען דענסטמאָל מאַכען עפּיס אָהן ווערטער. נישקשה, דאָס קינד וועט זיך איבערשרייען און ווייטער אַנשלאָפען ווערען, נאָך געשמאַקער ווי פריהער. — מיין אַכטע געבאָט איז: מ ב ט ל צ ו ז י י ן! דאָס הייסט: ווען איינער הייבט גאָר אָן פּלוצים צו פרעגען עפּיס קשיות, עס איז איהם קשה דאָס, אָדער יענץ, זאָל מען איהם פּשוט מבטל זיין, ער איז אַ אפּיקורוס, אַ הולטיי, אַ גאָר-נישט, עס איז גאָר נישט רעכט מיט איהם צו רעדען. — מיין ניינטע געבאָט איז: אָ נ צ ו ר י י צ ע ן! דאָס טייטש: ווען איינער, נעבעך, שרייט, וויינט אַ מאָל מיט בלוטיגע טרערען: גיוואַלד, מען קנייפּט, מען ציבּט, עס טהוט וועה! בעדאַרף מען אויף איהם אָנרייצען די איינגלעך, זיי זאָלען איהם מאַכען: בע, בע, שענער בחור! ער זאָגט אויס פון דעם

חדר! — מיין צעהנטע געבאָט איז: באַבסקע מיטעל! אז דאָס דאָזיגע קינד ווערט פערשלאָפט, אויס מענש און פאַלט מיט דער נשמה, זאָל מען נישט לאָזען רופען א דאָקטאָר, מען זאָל הייסען בעסער טאָן אַלטע, באַבסקע מיטעל, פאָהרען צו א שפּרעכער, צו א ציגיינער, צו א זנאַחער וכדומה".

אָט די דאָזיגע צעהן געבאָטען זאָלסט-דו היטען. — דורך דעם װעסט-דו מיר געפעלען, וועסט לעבען גליקליך אין וואוילטאָג, דו מיט דיין ווייב, מיט דיינע קינדער און זיך קונה זיין עולם-הזה. מיט עולם-הבא זאָלסט-דו מסלק זיין אַנדערע. זאָג זיי צו פלייש און ויין אויף יענער וועלט, נאָך דעם טויט; דו אָבער עס פלייש און טרינק ויין דאָ אויף דער וועלט.

איך האָב אויפגעפּענט דאָס מויל, אויסגעשטעלט די אויגען, געשטאַנען און געקוקט ווי א גולם פון די דאָזיגע צעהן געבאָטען.

— דו מוזט טאַקי באַלד פאָהרען, ישראליק! האָט דער אַשמדאַי ווייטער געזאָגט. דיין שטאָדט איז דערווייל געבליבען אָהן א בעל-טובה, עס קען דערוויל, חלילה, דערפון עפּיס אַרויסקומען גאָר נישט קיין גוטס פאַר מיר. איך וועל דיר מיטגעבען די קליאַטשע, זאָלסט אויף איהר פאָהרען רייטענדיג.

— אָך! האָב איך א געשריי געטאָן, אז ער האָט מיר אַרויפגערעדט די קליאַטשע. איך קען נישט, כּלעבען, איך קען נישט פאָהרען רייטענדיג!

— עט, האָט ער געמאַכט, וועסט קענען, נישקשה! מיר וועלען דיך אויסלערנען. די קליאַטשע איז זעהר א פאַקאָרנע, מען קען אויף איהר זעהר גרינג פאָהרען רייטענדיג. קוק נישט דערויף, וואָס זי זעהט אויס נישט אַזוי שען, דערפאַר האָט זי אין זיך אַנדערע מעלות, זי װאַקסט פון א גאַנץ גרויס אָרט. וועסט מיט איהר צופריעדען זיין, נישקשה, און נישט וועלען שפּעטער אַרויסצולאָזען זי פון די הענט. איך פערזיכער דיך!

אויף זיין בעפעהל האָט מען געבראַכט צושלעפּען די אומגליקליכע קליאַטשע, נעבעך. עס איז מיר געוואָרען א לאָך אין האַרצען א קוק געבענדיג אויף איהר. פערוויסט, פערפינסטערט איז זי, נעבעך, געוואָרען. איין גאָט ווייסט, וואָס זי האָט געמוזט אין יענער צייט פון די לצים אויסשטעהן, נעבעך! איך האָב אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך געשעהמט, ווי א גנב, איהר צוקוקען אין די אויגען און מיך

בצוואַשען מיט טרעהרען, דערמאָהנענדיג זיך, אַז איך וועל אויך מוזען פאָהרען אויף איהר רייטענדיג און ליגען איהר אויף דעם האַלז ווי אַ משא. קיין אַנדער וועג האָב איך פאַר מיר נישט געזעהן, ווי זיך דערפון אויסצודרעהען...

—לאָמיר קרוינען ישראליקען! האָט דער אַשמדאי אַ זאָג געגעבען. לאָמיר איהם אָנקוקען אין שליידער, וואָס פאַר אַ פנים ישראליק האָט אין דער פאָרמע פון אַ בעל-טובה און ווי אַזוי ער רייט אויף דער קליאַטשע. עולם, צום עסק!

ס'האָט נישט געדויערט קיין מינוט, האָבען זיינע משרתים אַריינגעבראַכט אַ גוזמא קליידער פון פערשיעדענע קאָסטיומען און אַלער-ליי פאָרמעס. איינער פון די לייט, אַ ממונה אויף דער גאַרדעראָבע, דעם אַשמדאי'ס קאַמערדינער, האָט מיך גענומען אין זיינע הענט און אָנגעהויבען כסדר מיך אָנצוטאָן. ער האָט מיך פאַרקאַמט מיט אַ טשוב, אויסגעשמירט די האָר מיט אַ סך פּאָמאַדע, מוסטאָף, צוגעפוצט מיט חכמות דאָס בערדיל, אָנגעטאָן מיר דערנאָך אַ מאַשינקע מיט פיער קליינע מוטערפערלנע קנעפּלעך אויף דעם האַרצען, אַ מאַנטינען טיכעל אויף דעם האַלז, דערנאָך אַ פאַר געזונטע שטיוועל געקאָוועטע מיט אַ סך אייזערנע שטיפטען, מחילה, אַ פאַר געוועגטענע הויזען, וואָס זענען געהאָנגען ווי די טאָרבעס, אַ קאַמלעטענע קאַפאָטקעלע און אַ סורדוט לאַנג ביז איבער די קניע, אויף דעם קאָפּ אַ קאַשקעט, גענעהט עפּיס מיט קונצען.

— אַ! האָט דער אַשמדאי זיך אָנגערופען, אַז ער האָט מיך בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, דאָס איז די פאָרמע פון אַ קהל'שען שרייבער! ישראליקען פּאַסט נישט אַזא מין קאָסטיום. זוך אויס עפּיס אַ אַנדער פאָרמע.

דער קאַמערדינער האָט מיך געשווינד איבערגעקעמט, אונטערגע-שוירען די האָר, אויסגעצויגען דאָס בערדיל, אָנגעטאָן מיר אַ אַנדער וועסטיל, דאכט זיך, פון אַטלעס, פערשפּילעט העט ביז דעם האַלז, אַ קאָרטענעם סורדוט הינטען מיט אַ שפּאַלט און היבש לענגער פון דעם פריהערדיגען אַזוי, אַז די מייטקעס האָבען אונטען זיך אַרויסגעזעהען נאָר אויף אַ צוויי, דריי פינגער. אויף דעם קאָפּ אַ סעריאָזע, אַ סטאַטעטשנע היטעל.

— נו, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? — האָט דער אַשמדאי ווייטער געזאָגט, — מיך אָנקוקענדיג. — אַ, די פאָרמע פון קהל'שע דעפּוטאַטען! חאַפּען זאָל זיי דער רוח, מיט זייערע שפּאַלטען הינטען און מיט זייערע

גוזמות טיעפע קעשיינעס! ניין, ישראליק בעדאַרף האבען עפּיס אַ אַנדער פאַרמע. קוק אָן דאָס רחמנות-פּנימעל זיינס, ווערסט-דו שוין פאַרשטעהן, וועלכע עס וועט איהם פּאַסען.

נאָך און נאָך פאַרמעס האָט דער קאַמערדינער מיר אָנגעמאָסטן, און בשעת מיך אָנטאָנדיג, קעמענדיג אַלע רגע אַנדערש, האָט ער מיך געצופּט, געצויגען, געריסען די האָר, אַזוי אַז טרערען האָבען מיר זיך געשטעלט אין די אויגען. גאָר אויף דעם סוף האָט ער מיך אינגאַנצען אָבגעשוירען, איבערגעלאָזט אַ פּאָר שענע פּאות, מיר אָנגעטאָן אַ יאַר-מילקע, אויבען אַ גרויסען ספּאָדיק, אַ העמד מיט אַ גרויסען, אויסגע-לעגטען קאָלנער, פערבונדען מיט בענדלעך אָהן אַ האַלזטיכעל, אַ לאַנ-גע טלית-קטן, קורצע שאַמענע פּליודערען, שיך און זאָקען, אַ לאַנ-גע צאַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטעל און אַ טוליבעל פון פּעה. דער קאַמערדינער האָט מיך אָנגעקוקט, זיך משונה פערקרימט, געמאַכט אַ וויינשעל און אויך אַרויסגעשטעלט דעם צונג.

— דו שיינסט, ישראָליק! — האָט דער אַשמדאַי נעלאַכט פאַר פרייד, אַז ער האט מיך דערזעהען. — איך בין פּשוט זיך מחיה דיך צוזעהן אין די בגדים! דיין פּנים איז אויסגעפריעט ווי אַ צימעס, דו שוויצסט אין דעם פּעלץ, דו לויכסט אַרויס פון דעם ספּאַדיק, ווי דער ליכטיגער מארגענשטערען. שוויץ, שוויץ, ישראליק, זעהר גוט!... עס געהט נאך עפּיס אב צו דער פאַלנער פארמע, האט ער געזאגט, זיך אומקעהרענדיג צו דעם קאַמערדינער, דו געדענקסט, ווי יוסיל-דינטשעס פלעגט מקבל פּנים זיין אַ נייעם גובערנאַטאר?

— גערעכט, גערעכט! — האט דער קאַמערדינער געענטפערט, איך האב אין דעם זיך גאָר פאַרגעסען, אָ-האַ, אָ-וואַ! באַלד אבער וועט עס געטאָן ווערען.

מען האט מיר באַלד טאַקי הינטען אויף דער פּאטילִיצע אויסגע-גאלט עטליכע קיילעכדיגע רעדעלעך און דארט צוגעשטעלט אויף עט-ליכע מונוט באַנקעס, פון שענקייט וועגען.

— איצט איז ישראליק אין דער פאלנער פארמע. האט דער אַש-מדאַי געזאגט, אַצינד קען ער שוין רייטען אויף דער קליאַטשע...

מיט גרויס פאַראַד האט מען מיך געשלעפּט צו דער קליאַטשע. „רייט, ישראליק, רייט! האט חברה צוגעזונגען. אַז וואויל איז דיר, וואס דו האסט זוכה געווען צורייטען אויף אַזאַ קליאַטשע. אויף דער וועלטס-קליאַטשע! קריך אַרויף מיט די הענט, מיט די פיס, און פאהר

אויף איהר, ווי אַ פריץ, רייטענדיג ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, ביז דער רוח וועט דיך האַפּען און עמיצער אַנדערש וועט אַרויף אויף דיין אָרט״!

— זיי מיר מוחל, בידנע קליאַטשע! האָב איך ד׳ מחילה געבעטען, אַז איך בין שוין געזעסען אויף איהר רוקען, מיט פערוויינטע אויגען און מיט אַ פאַרקלעמט הארץ. וואָס זאָל איך טאָן, וואָס קען איך מאַכען? אַז לצים צווינגען מיך, אויף דיר צו רייטען... אַז אַך און וועה איז אונז ביידע! אַך און וועה איז דיר, נעבעך, וואָס דו ביסט אַ קליאַטשע, וואָס דו בעדאַרפסט מיך טראָגען, און וועה איז מיר, אַז איך, דיין פריינד, בין געצוואונגען צוזיצען דיר אויף דעם קאַרק! וואָס זאָלען מיר בידנע טאָן, אַז מיר ביידע, נעבעך, זענען אין דער קלעם, אַז מיר ביידע זענען אַזוי אומגליקליך און געצוואונגען דערצו...

די לצים האָבען דער קליאַטשע, נעבעך, מיט כח דערלאַנגט אַ שמיץ אַזוי, אַז זי האָט מיט אימפעט אַ לויף געטאָן. עס איז געוואָרען אַ מהומה, אַ געשריי: אורראַ, אורראַ! לויפענדיג האָט בייַ איהר טיעף פונים האַרצען זיך אַרויסגעכאַפּט אַ זיפץ, איהר זיפץ האָט מיר די נשמה אַרויסגענומען, איך בין געוואָרען צומישט און אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד ווי אַ סנאָפּ.

— נישקשה, פאַל נאַר בייַ זיך נישט אַראָב, וועסט, נישקשה, טויגען, ישראליק! האָט דער אַשמדאי געלאַכט און מיך צוריק אַרויפגעזעצט אויף דער קליאַטשע: לאָמיר קיין סך שיהות נישט מאַכען, שוין צייט צופאָהרען, חזר בייַ דיר גוט איבער מיינע געבאָטען, שים נא ידך תחת ירכי און שווער מיר, דו זאָלסט זיי מקיים זיין.

איך בין געזעסען ווי אַ ליימענער גולם און ה׳.. נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טהוט זיך.

— האַיע נישט, האַיע נישט, ישראליק! האָט דער אַשמדאי אַ זאָג געטאָן, גיכער טהו וואָס מען הייסט דיר; גיכער, די צייט איז טייער.

נישט ווילענדיג האָב איך אויסגעשטרעקט מיין האַנד און זי אַרונטערגעלעגט דעם אַשמדאי תחת ירכו. ער האָט אַ ווינק געגעבען צו דעם סעקרעטאַר, און לוציפער האָט מיר באַלד אָנגעהויבען פאַרצולייענען זעהר אַ שרעקליכע שבועה.

— וואָס שווייגסט־דו, ישראליק? האָט דער אַשמדאי מיט פערדראָס צו מיר געזאָגט. פאַר וואָס זאָגסט־דו נישט נאָך, וואָרט פאַר וואָרט, די שבועה? ביי מיר מיינסט־דו וועט אָנגעהן שטוקעס, מסירת־

מורעהלעך, ווי ביי אייך, שענע מענשעלעך? ניין! זאג איך דיר, מסירת-מורעהלעך געהען ביי מיר נישט אן, ביי מיר העלפט נישט, איך מאכען ווי געפגרט, שווער!

— איך קען נישט שווערען — האב איך געענטפערט מיט א ציטערדיג קול.

— וואס? הא! האט דער אשמדאי מיט כעס א געשריי געטאן, אזוי אז די ערד האט אינטען געציטערט.

די קליאטשע האט עפיס א שאקעל געטאן מיט דעם קאפ, גלייך ווי זי זאלט דערמיט געזאגט: יהודי, בלא! האלט זיך טאקי, יהודי, אלץ אייערס, לא, לא און לא!

— איך קען נישט שווערען. האב איך איבערגעחזרט מיינע פריערדיגע רעד שוין מעהר בעהארצט.

— שווער! האט דער אשמדאי א געשריי געגעבען נאך שרעקליכער אין כעס, אזש פונקען זענען איהם געפלויגען פון די אויגען און פון דעם מויל האט ארויסגעזעצט א רויך.

מיין קליאטשע, נעבעך, האט א זיפץ געטאן. איהר זיפץ האט מיך דערמאנט איהרע אלע גרויסע צרות, וועלכע זי האט אין איהר לעבען איבערגעליטען. סטייטש, סטייטש, האב איך מיך בעטראכט, ווייניג שטעהט זי, שלימזול, אוים פון אנדערע, זאל איך מיך נאך אויף איהר, נעבעך, אויך אנלעגען! וואס עס וויל, מעג זיך מיט מיר זיין, איך בעדארף אזא זאך נישט טאן. אויסהאלטען מוז איך דעם נסיון, טאקי ווי א עהרליכער מאן.

— בשום אופן נישט! בשום אופן וועל איך דיר נישט שווערען! האב איך דעם אשמדאי קאלטבלוטיג געענטפערט, און ארויסגענומען מיין האנד מתחת ירכו. בשעת ארויסנעהמענדיג האב איך איהם נאך, מעשה-שטן, בעדארפט גראד א גראבעל טאן דארט.

דער אשמדאי איז געווארען פלאם פייער, א מורא איהם געווען דעננסטמאל אנצוקוקען. ער האט מיט א משונה געשריי א שפרונג געטאן אין דער לופטען, זיך אויסגעצויגען שרעקליך הויך, געשטעלט איין פוס אויף דער ערד, די אנדערע אויף דעם הימעל, מיך אנגענומען ביי די האר און א שליידער געטאן, ווי א האלעשקע, מיט אימפעט.

איך בין אראבגעפאלען ווי פון דעם הימעל! ביי דעם אנהויבפאלען האב איך געהערט זעהר א ווילד געלעכטער פון אלע לצים

אינאיינעם. די קליאטשע, האָב איך געזעהן, שוועבט אויך אין דער לופטען, דרעהט זיך און פאַלט נאָך מיר.

— אַך, מיר פאַלען, מיר פאַלען!... האָב איך קוים מיט צרות אַ געשריי געטאָן.

— נישקשה! האָט מיר די קליאַטשע גאָלגעשריגען, אַז איך פאַל, שטעה איך אויף. נישט איינמאָל בין איך שוין אַזוי געפאַלען און פאָרט נישט פערפאַלען...

איך בין געפאַלען אַלץ נידריגער, נידריגער ביז איך האָב צום סוף אָנגעריהרט די ערד מיט דעם קאָפּ, זיך געטאָן אַ זעץ און פאַר גרוים וועהטאָג אַרויסגעלאָזט אַ שרעקליך געשריי.

איך האָב געפיהלט, אַז עפּיס עמיצענס הענט האָבען מיך אַרומגענומען. דאַכט זיך, מען וויינט איבער מיר און הייסע טרעהרען קאַפּען מיר אויף דעם פנים.

## דאס פיערצונצוואנציגסטע קאפיטעל.

# טראסצא איח מאטערי!

---

אויפעפענענדיג די אויגען האָב איך געזעהען, איך ליג אויסגעצויגען אויף דעם פאָל געבען בעט, ביי מיר אין חדר. מיין מאַמע וויינט און העלפט אונטער עפּיס מענשען, מיך פון דאָרט אויפצוהייבען.

אַז איך בין שוין געלעגען אין בעט, האָב איך אָנגעהויבען מיך צובעטראַכטען, וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר אַזוינס? פון וואַנען האָב איך פּלוצלים מיך אַהער גענומען? איך האָב מיך געטאַפּט און געקוקט זעהר פערוואונדערט אין אַלע זייטען. אין שטיבעל ביי מיר האָב איך ווייטער דערזעהען דעם בעל-שם און די אַלטע מכשפה'טע, וואָס האָבען זיך עפּיס געפּאָרעט און געשפּראָכען. די מאַמע האָט מיך געטאַפּט ביי דעם קאָפּ און געוויינט.

— וואָס וויינסט-דו, מאַמע? האָב איך זי געפרעגט און פאַר ליבשאַפט זי אַ קוש געטאָן.

— אַך, ישראליק, ישראליק! האָט זי געחליפעט, אַך, וויפיעל צרות איך בין פון דיר אויסגעשטאַנען! געדאַנקט און געלויבט איז השם יתברך, אַבי דו האָסט שוין געעפענט די אויגען. — דו האָסט אַ גוטען זעץ זיך געגעבען אַראָבפאַלענדיג פון דעם בעט?

— מאַמע! האָב איך מיך אָנגערופען, וואָס איז ווייטער אַזוינס געשעהען?

— אָט פרעג גאָרנישט, פרעג גאָרנישט! אַלץ טאַקי דיינע ביכלעך.

— וואָס ביכלעך? וואָס מיינע ביכלעך?

— אָט יענע נאַרישע מעשיות, מיט וועלכע דו האָסט דיר דעם קאָפּ פערשלאָגען — האָט די מאַמע אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד.

סילא דו האסט זיך איינגעשפארט דוקא צושטודירען די דאָקטאָריע. נו, וואָס האָב איך געקענט מיט דיר טאָן? אין ברירה. אָבער צו־וואָס נאָך אזעלכע ביכלעך, אזעלכע מעשיות, אזעלכע שמאַלטעס? וואָס פאר א שייכות האָבען זיי מיט דאָקטאָריע? איינער וויל לערנען דאָקטאָריע, נו, געה דיר לערען וויפיעל דאָס הארץ דיינע גלוסט, וועסט־דו זיך אויסלעהרנען און קענען, טאקי וואָס קענען הייסט, נא דיר א בלעטיל, אז דו קענסט היילען, חאָטש דו ביסט וויטליך פון יענע מיני מעשיות. אלא ניין, זאָלען דיר נישט העלפען אלע מעשיות. דאכט־זיך, אזוי האָט בעדארפט צוזיין, נאָך מיין ווייבערשען שכל, וועדליג ווי מיין ווייבערשער מוח נעהמט. וואָס טענה׳ן זיי אָבער? וואָס האָבען זיי געענטפערט? אז איך האָב, נישט היינט געדאכט, געהאט דאָס לויפעניש צו איטליכען בעזונדער. ניין! מעגסט דיר האָבען א גרויסען קאָפּ, מעגליך אפילו, אז פון דיר זאָל אויסוואקסען א גרויסער מענש, א בעריהמטער דאָקטאָר, אבי דו ביסט נישט אזוי קלאָר אין יענע מעשיות, אין יענע מיני היסטאָריעס, ווי זיי רופען עס עפּיס, איז אינה מקודשת, שטעהט מען נישט אין דיר! נאט אייך היסטאָריעס, נאט אייך מעשיות אויף מיין קאָפּ! א ניחיי וואָלטען זיי, רבונו של עולם, פערחאפּט געוואָרען, וואָלט איך, נעבעך, פערשפאָרט האָבען אזעלכע גרויסע צרות!

— וואָס צרות, מאמע?

— וואָס צרות, פרעגסט דו, ישראליק. סטייטש, ווענינ צרות, וועה איז מיר, האָבען זיי, נישט היינט געדאכט, מיר אָנגעמאכט!

אָט וואָס די מאמע האָט מיר מיט א וויינענדיג קול דערצעהלט:

„אז איך האָב מקבל געווען דיין בריף פון דניעפּראָוויץ, אז דו האָסט עפּיס נישט גוט געענטפערט אויף דעם עקזאמענט פון יענע היסטאָריעס, און דעריבער איז א עק פון דיין דאָקטאָריע — האָב איך גערעכענט, אז באלד וועסט־דו צוריק א היים קומען, וועסט, צו אלדי שווארצע יאָהר, אוועקווארפען אלע דיינע נארישע פלאנען, בעסער חתונה האָבען און לעבען, ווי גאָט האָט געבאָטען, ווי יודען בעדארפען צו לעבען. איך ווארט אלטאָג — דו קומסט נישט, נאָך אלטאָג — ביסט נישטאָ, דו שרייבסט נישט אפילו קיין אות. דער קאָפּ ווערט מיר צושפּאָלטען טראכטענדיג, וואָס קען עס זיין? איך רוה נישט, איך שלאָף נישט, עס נעהמט זיך מיר נישט אין דעם מויל קיין עסען, דו ביסט דאָך, ישראליק, מיין איינציג קינד, איין אויג אין דעם קאָפּ! וואָס טויג מיר דאָס גאנצע לעבען אהן דיר? אין דער שטאָדט האָבען דערוויל

וענגען דיר זיך אַרויסגעלאָזען אַ סך פֿערשיעדענע ממרות. אַ טייל האָבען געזאָגט, דו ביסט געשטאָרבען; נאָך אַ טייל — זאָל זיי נאָר דאָס מויל אָבנעהמען — האָבען געזאָגט, יאַקבי דו האָסט זיך געשמדט און ווייס איך נאָך זאָלען, וואָס שונאים האָבען אויסגעטראַכט. איך האָב שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען און בין אַליין געפֿאָהרען קיין דניעפּ-ראָוויץ. קומענדיג אַהינצו, וויסט און פֿינסטער איז מיר, האָב איך דיך געטראָפֿען אין אַ שרעקליכער לאַגע! דו ביסט שוואַרץ ווי די ערד, אויסגעדאַרט, אויסגעדייוועדט, אָהן אַ לויט פֿלייש אויף דעם לייב, נאָר הויט און ביין. — איך פֿרעג דיך, וואָס ודו מאַכסט? ענטפֿערסט-דו מיר, נישט היינט גערעדט, עפּיס בוּיבּעריק. איך רעד דאָס און דו עפּיס לאָקש, בוידעם, אַ קוה איז געפֿלויגען איבער דעם דאַך! קוקענדיג אויף דיר איז מיר געוואָרען אַ לאָך אין האַרצען, איך האָב געמיינט, אָט פֿאַל איך אַנידער און שטאַרב. לייט האָבען מיך גע-ראָטהען צוגעהן בעטען די לעהרער, זיי זאָלען מיט דיר מטיב זיין, טאָמער וועט די גוטע בשורה אויף דירווירקען און דו וועסט צו זיך קומען. איך בין, פֿאַרשטעהט זיך, געגאַנגען, געוויינט, געבעטען, אָבער אומזיכט! זיי האָבען מיר געענטפֿערט: ניין, אונמעגליך! איך האָב געדונגען אַ פֿוהר און דיך געבראַכט צופֿיהרען אַ היים. וואָס אַ טאָג ביסט-דו אַלץ ערגער כרה-שחורה'דיגער געוואָרען, פֿלעגסט זיין אַלץ פֿערטראַכט. נאָר אַז דו האָסט זיך שוין צורעדט, האָסט-דו, רחמנא ליצלן, גערעדט פֿאַר פֿייער, פֿאַר וואַסער, געבּטלט חלומות אויף אַלע פֿיינע לייט. אויף אַלע אונזערע שכנים, כשרה מענשען אין דער שטאָדט. נאָך גוט, אַ נס, כ'לעבען, וואָס חוץ היימישע מענשען, האָב איך צו דיר קיינעם נישט צוגעלאָזט, האָבען לייט חאָטש נישט געהערט און וויסען נישט, וואָס דו האָסט, נישט היינט גערעדט, אויף זיי אויסגערעדט. דו ביסט געוואָרען אַלץ שלאַפֿער, שלאַפֿער און זיך אַריינגעלעגט צום-סוף אין בעט. אַקעגען צוויי וואָכען ביסט-דו ווי אין הינהערפלעט געלעגען מיט פֿערמאַכטע אויגען, כמעט אָהן אַ סימן לעבען, נאָר וואָס צ'ציטענס האָסט-דו פֿון דער היץ גערעדט, דער-צעהלט ווילדע מעשיות. אַך, ישראָליק, מיין טייערער ישראָליק, וואָס דיינע ביכלעך, דיינע מעשיות האָבען אָנגעמאַכט! זאָל, כ'לעבען, שוין זיין גענוג, גענוג! הלואי וואָלכט-דו פֿריהער געפֿאָלגט אַ מאַמען און תתונה געהאַט, ווי דער סדר-העולם איז, ווי עס פֿיהרט זיך ביי אונז יודישע קינדער, וואָלטען מיר ביידע דאָך בעהיט געווען פֿון אַזעלכע

יקירים. אך, דיינע מעשיות, דיינע מעשיות! אך, דיינע היסטאָריעס, דיינע היסטאָריעס!".

— דאָס וואַקסט אַלץ פון זיי, פון זיי, פון די גוטע לייט, מיין איך! האָט דער בעל־שם זיך אָנגערופען. ערשט נישט לאַנג האָב איך געהאַט מיט זיי פונקט אַזאַ מעשה. די ערלטע ווייסט איך פון דער מעשה, וואָס איך האָב געהאַט. נו, אַ שטשאָ, דאָברע בילאָ? האָט ער אַ פרעג געטאָן די גויה.

— דאָברע, יאַק־זשע... האָט מיט אַ געניץ געענטפערט די גויה, װאָס איז געווען בעשעפטיגט מיט דעם שפרעכען. וויז מאַיע פראַווע. עטאָ איחנע דילאָ, טראַסצאַ איח מאַטערי!

# צום צענטן יאָרצייט פון

# מענדעלע מוכר-ספרים

## (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

צום צענטן יאָרצייט האָט דער פאַרלאַג „מענדעלע״ אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס אין אַ נייער, באַאַרבעטער און קאָנטראָלירטער אויסגאַבע. פאַר יעדן באַנד קומט אַן אַריינפיר און אויך אַ געהעריקע אָפּהאַנדלונג־כאַראַקטעריסטיק פון די ווערק.

אויסער די פריערדיקע צוואַנציק בענדער, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן צום יאָרצייט **נייע צוויי בענדער**: באַנד XXI „מעשיות וועגן מענדעלען״ און באַנד XXII „דער מענדעלע־טורעם״.

באַנד 1 מענדעלע מוכר־ספרים (זיין לעבן און שאַפן)

באַנד 2 דאָס קליינע מענטשעלע

באַנד 3 פישקע דער קרומער

באַנד 4 די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות.

באַנד 5 די קליאַטשע

באַנד 6 לופּט באַלאָן. דער פיש

באַנד 7 יודעל

באַנד 8 שבתדיקע זמירות. פּרק־שירה

באַנד 9 מסעות בנימין השלישי

באַנד 10 דער פּריזיוו

באַנד 11 דאָס ווינשפינגעריל, I טייל

באַנד 12 דאָס ווינשפינגעריל, II טייל

באַנד 13 צוריק אַהיים. אַלטע מעשה. שם און יפת אין וואַגאָן

באַנד 14 אין אַ שטורעם־צייט. אין דער ישיבה של מעלה. אַ סגולה צו יידישע צרות

באַנד 15 די נשרפים. ספר הבהמות. ספר הגלגולים. דאָס קעלבל

באַנד 16 שבת און יום־טוב. חג האָסיף. דער חילוף. שבת. וואָס הייסט חנוכה. אויף אַסיפות. אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט. די אַנטדעקונג פון וואָלין.

באַנד 17 עלטערן און קינדער

באַנד 18 שלמה ר׳ חיימס (1 בוך)

באַנד 19 שלמה ר׳ חיימס (2 בוך)

באַנד 20 זכרונות וועגן מענדעלען

**נייע צוויי בענדער**

באַנד 21 מעשיות וועגן מענדעלען
מעשיות, זכרונות, עפּיזאָדן און קוריאָזן דערציילט פון שלום־עליכם, ציטראָן, אַנ — סקי, ראַווניצקי, קלויזנער, שניאור, ניכמאַן א. אַ.

באַנד 22 מענדעלע־טורעם
אַרטיקלען פון פּרץ, בערדיטשעווסקי, גינזבורג, דובנאָוו, דינעזאָן, בערקאָוויטש, ספּעקטאָר, ווייטער, גאַרעליק, פּרילוצקי, ניגער, נאַדיר, אויסלענדער, דאַברושין, מייזיל, גראָס א. אַ.

די ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים זענען די גרונט־שטיינער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז איר אָנהייב, איר ערשטער אויסדרוק פון קראַפט, פון פאָרם, פון שפּראַכלעכער און קינסטלערישער פאַרווירקלעכונג.

**מענדעלע איז ביז היינט דער גרעסטער קינסטלער פון יידישן וואָרט.**

**זיין ווערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלייך.**

**מענדעלעס ווערק דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז!**

---

פאַרלאַג געזעלשאַפט „צענטראַל״ וואַרשע, נאַוואָליפּקי 7.